STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02879

DI GESHIKHTE FUN YIDISHN LERER-SEMINAR UN FOLKS-UNIVERSITET IN NYU-YORK

Israel Steinbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל שטיינבוים

די געשיכטע פון
יידישן לערער־סעמינאר און פֿאָלקס־אוניווערסיטעט

ישראל שטיינבוים

די געשיכטע פון
יידישן לערער־סעמינאַר
און פֿאָלקס־אוניווערסיטעט
אין ניו־יאָרק

(1968 - 1918)

ירושלים תשל״ט

Israel Steinbaum

HISTORY OF THE JEWISH TEACHERS SEMINARY AND PEOPLE'S UNIVERSITY 1918–1968

ארויסגעגעבן דורך א געזעלשאפטלעכן קאָמיטעט: וואָלף ארצט, יוסף בערמאן,
משה פרידמאן, מיכל קויפמאן, משה פישער (סעק.)

Printed in Israel, 1979

דפוס אלפא, ירושלים

אינהאלט

	הקדמה פון גרשון ווײַנער	7
א	א וואָרט פריער	10
ב	ערשטע טריט	16
ג	געבוירן אין אָרעמקייט	25
ד	דער דוחק אין לערער	36
ה	פינאנציעלע שוועריקייטן	49
ו	השפעה פון סעמינאר	59
ז	די באציאונג צום סעמינאר	69
ח	די פארלאָזלעכקייט פון די ציפערן	80
ט	די גראדואנטן	88
י	דער פאָלקס־אוניווערסיטעט	100
יא	די דירעקטאָרן	115
יב	דער פאקולטעט	122
יג	באמיאונגען זיך צו פאראייניקן	128
	מיט די ארבעטער־רינג לערער קורסן 130	
	מיטן ייוואָ 134	
	מיט הרצליה 137	
יד	אקאדעמישע טיטולן	142
טו	פלענער וואָס זײַנען דורכגעפאלן	150
טז	בשותפות מיט אנדערע אינסטיטוציעס	154
יז	די לימודים	163
יח	די ביבליאטעק	167
יט	די פובליקאציעס	171
כ	די אדמיניסטראטאָרן	175
כא	די דירות	178
כב	סך הכל	181
	ביבליאָגראפיע	184

הקדמה

אידעען לעבן און ווירקן, אויף וויפל ס׳געלינגט צו שאפן די אינסטרומענטן, וואס זענען נייטיק זיי צו פארווירקלעכן. דער פארמעסט פון א באשטימטער דערציאונגס־פילאָסאָפיע איז אָפּ־הענגיק פון פארנעם פון דער אינסטיטוציע, וואָס ווערט אויפגע־שטעלט אין איר גייסט. די געשיכטע פון דערציאונגס־וועזן אין אמעריקע, דעם אלגעמיינעם ווי דעם יידישן, האָט באוויזן, אז די יסודות ווערן איינגעשטעלט דווקא אויבן און ניט אונטן. די, וואָס האָבן צו פארצייכענען דערפאָלג אין שאפן א ווירקזאמע און דויערנדיקע שול־באוועגונג, האָבן אָנגעהויבן מיט א העכערן לערן־אַנשטאלט און מיט דער צייט אויך דערגרייכט עלעמענטארע שולן. די השפעה און די השראה קומען פון אויבן אראָפּ: פון העכערער דערציאונג אויף דער מיטלשול, פון דער מיטלשול אויף עלעמענ־טארן חינוך.

די יידיש־וועלטלעכע קרייזן, וואָס האָבן ארויסגעוויזן די גרעסטע איניציאטיוו אין שאפן אזא רייכע יידישע ליטעראטור, אין אויס־שפילן אזא הערלעך קאפיטל פון יידיש־טעאטער, אין אויפשטעלן א גרויסע ארבעטער־באוועגונג, אין אויספורעמען א שפרודלדיקע געזעלשאפטלעכקייט — האָבן גראדע פארגעסן זיך אָפּצוגעבן מיט אויפבויען א צענטראלע אינסטיטוציע פאר העכערער יידישער בילדונג. דעם גאנצן פרעסטיזש, אידעאישע פרוכטבארקייט, געזעלשאפטלעכן שוואונג, וואָס וואקסן ארויס פון אזא לערן־אנשטאלט — דאָס אלץ האָט די יידישע קולטור־באוועגונג איבער־געלאָזן צו די רעליגיעזע סעקטאָרן אין אמעריקאנער יידישן לעבן. יענע האָבן ארייַנגעלייגט אלע זייערע כוחות און טאלאנט אין

זייערע סעמינאַרן; און דערפאַר געניסן זיי עד היום די פּרוכט פון זייערע באַמיאונגען.

ישראל שטיינבוים, וועטעראַן פון דער יידישער שול־באַוועגונג אין אַמעריקע, האָט זיך אונטערגענומען צונויפצוקלייבן און אויפצוקלערן די מאַטעריאַלן אין שייכות מיטן קאַמף פאַר אַ העכערן יידישן לערן־אַנשטאַלט וואָס זאָל פאַרקערפּערן און נערן די האָפענונגען און אידעאַלן פון דעם יידיש־נאַציאָנאַל־וועלטלעכן לעבנס־באַנעם.

אַליין אַ נוגע בדבר, ווי איינער פון די ערשטע לערער און שפּעטערדיקער טוער אין די פירנדיקע רייען פון יידישן לערער־סעמינאַר, ווייסט שטיינבוים, וואָס ס׳האָט זיך געטאָן מאחורי הפרגוד. אַדאַנק זיין נאָענטער באַקאַנטשאַפט, אייגענע דערפאַרונגען, פאַרבינדונגען מיט צענטראַלע פּערזענלעכקייטן, און דער עיקר, זיינע געניטע וויסנשאַפטלעכע פעאיקייטן אויפן געביט פון יידישן חינוך און תחום פון דערציאונג־פאָרשונג בכלל, איז אים געלונגען זיך פאַנאַנדערצוקלייבן צווישן פּראָפּאַגאַנדע און געשיכטע, האָפענונגען און דערגרייכונגען, גוטע כוונות און ממשותדיקע מעשים. דאָס איז אים לייכט ניט אָנגעקומען, ווייל די אַרכיוון זענען צום באַדויערן נישט ווי געהעריק אָפּגעהיט געוואָרן.

עס שאַפט זיך אַ בילד, וואָס איז גלייכצייטיק שיין און טרויעריק. גרויסע אידעען וואָס זענען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָפענונגען נישט דערפילטע, פּלענער נישט דורכגעפירטע, התחלות נישט פאַרגעזעצטע און געלעגנהייטן נישט אויסגענוצטע. און דאָך אַזוי פיל הארץ און וואַרעמקייט ביים שאַפן אַן אינטעלעקטועלע סביבה פון תורה און פאָלקישקייט, חכמה און יידישקייט! דערביי, אַ השקפה וואָס האָט משפיע געווען אויף הונדערטער יונגעלייט, זיי באַוואָפנט מיט אידעאַליזם, באַשאָנקען מיט אַ כלל־ישראל־פּערספּעקטיוו, דערהויבן מיט ידיעות און דערמעגלעכט צו שפּילן אַזאַ בכבודיקע ראָלע אין אַמעריקאַנער יידישער דערציאונג.

נישט בלויז די וועלטלעכע יידישע שול אין אירע פאַרשידענע

גרופּירונגען האָט גענאָסן פון סעמינאר. די ווירקונג איז אריבער די גרענעצן פון דער יידישער מחנה, אדאנק תלמידים, וואס זענען שפּעטער דערגאנגען צו אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין אנדערע באוועגונגען. ווי שוואך דער סעמינאר איז געווען פינאנציעל, אזוי שטארק איז פארבליבן זיין השפעה אויף די סטודענטן. ווי אָרעם ס'איז געווען זיין מאטעריעלע מערכה, אזוי רייך איז געוואָרן זייער גייסטיקע סביבה. טראָץ די באגרענעצונגען — אזויפיל דערגרייכט! דאָס אלץ שיינט ארויס פון די פאקטן, ציפערן און געשעענישן, וואָס ווערן פארצייכנט אין שטיינבוים'ס ארבעט.

דער מחבר לייגט מער דעם טראָפּ אויף די ערשטע יאָרן, ווי אויף די שפּעטערדיקע, אפשר דערפאר, וואָס מ'קאָן פארבלייבן מער אָביעקטיוו לגבי דעם עבר; ווי אויך צוליב דעם וואָס ס'איז נאָך נישט אינגאנצן קלאָר וואו עס פירן די נייע ווענדונגען און ענדערונגען. אלס ביישפּיל דערפון איז דער אקאדעמישער איבערבוי פון די זעכציקער יאָרן אין סטיל פון אמעריקאנער העכערע לערן־אנשטאלטן און די פאראייניקונג מיטן העברעאישן לערער־סעמינאר הרצליה. מ'האָט זיך פארנומען אויפן דרך פון פארוואנדלען דעם סעמינאר אין אן אקרעדיטירטער הויך־שול לויט נוסח אמעריקע און די באדערפענישן פון יידישן חינוך בפרט.

די פּראָבלעמען און שטרויכלונגען אויפן וועג פון יידישן לערער־סעמינאר האָבן זייער פאראלעל אין דער געשיכטע פון העברעאיש־וועלטלעכן לערער־סעמינאר — בית מדרש למורים הרצליה — וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1921, דריי יאָר נאָך דער גרינדונג פון יידישן לערער־סעמינאר. אין 1967 זענען זיך די ביידע שטראָמען צונויפגעקומען אין איין פאראייניקטן יידיש־העברעאישן לערן־אנשטאלט.

שטיינבוים'ס אויפטו אין צונויפקלייבן און פאנאנדערקלייבן זיך אין די היסטאָרישע מאטעריאלן איז פארבונדן מיטן יידישן צד אין דער פאראייניקונג. דער העברעאישער שותף — בית המדרש למורים הרצליה — ווארט נאָך אויף זיין כראָניקער.

גרשון ווייגער

קאפיטל א

א וואָרט פריער

די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט צונויפזאַמלען אַלע מעגלעכע דאַטעס, פאַקטן, ציפערן, נעמען און אַקטיוויטעטן, וואָס בינדן זיך מיטן אויפקום און מיט דער אַנטוויקלונג פון יידישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק. מיר באַטראַכטן די דאָזיקע אַרבעט ווי היסטאָריש־וויכטיק. עס זיינען, ליידער, שוין נישט געבליבן מער ווי עטלעכע געציילטע מענטשן, וואָס זיינען מיטן סעמינאַר געווען פאַרבונדן פון סאַמע אָנהייב.

כאָטש מ׳האָט אין משך פון די אַלע יאָרן געשריבן אַ היפּש ביסל וועגן סעמינאַר, איז אָבער, אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט, אין ערגעץ נישט פאַרצייכנט דער בהדרגהדיקער אויפשטייג און די אַנטוויקלונג פון דער לערן־אינסטיטוציע ביי יידן אין אַמעריקע און אירע פאַרצווייגטע טעטיקייטן, סיי אויפן געביט פון ברענגען תורה און אַלגעמיינע בילדונג פאַר דעם ברייטערן עולם, סיי אויפן געביט פון אויסבילדן לערערס פאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן מכל המינים.

וואָס מיר פאַרצייכענען דאָ ווייטער איז אינגאַנצן געבויט אויף מקורים־מאַטעריאַל, וואָס דער מחבר האָט צונויפגעזאַמלט די לעצטע 4—5 יאָר. וועלכע סיבות זאָלן נישט האָבן געווען, מוז מען דאָך זאָגן, אַז אויך אין סעמינאַר האָט מען נישט אויפגעהיט די נייטיקע מאַטעריאַלן צו זיין געשיכטע און מ׳האָט, ספּעציעל אין די ערשטע 10—15 יאָר, זיך בכלל נישט פאַרנומען מיט פאַר־

צייכענען מיט א סדר געשעעענישן, דאטעס [1], נעמען פון סטודענטן, ספּעציעל גראַדואַנטן, וואָס נאָר מיט זיי און מיט זייער הילף קאָן מען שאַפן דאָס גאַנצע בילד פון דער דאָזיקער לערן־אינסטיטוציע ביי יידן אין אמעריקע.

אין די פּערציקער יאָרן האָט דער סעמינאַר זיך אריבערגעקליבן אין אן אייגענער דירה אין מאַנהעטן, נאָך לאַנגע יאָרן וואַנדערן פון דירה צו דירה [2]. אין דער נייער דירה האָט זיך גראָד יאָ אָנגעקליבן א היפּשער ארכיוו — דער ארכיוו פון "שולן־פאַרבאַנד", דער ארכיוו פון דער "פּועלי־ציון" פּאַרטיי, טיילן פון ארכיוו פון "נאַציאָנאַלן ארבעטער־פאַרבאַנד". דאָס אלץ איז אריבערגעפירט געוואָרן אין דער נייער היים. דער ארכיוואַלער און ביכער־פאַרמעגן איז געוועזן אזוי גרויס, אז מ׳האָט מיט דער צייט אָנגעשטעלט א ספּעציעלן מענטשן אים צו ברענגען אין אָרדענונג.

ליידער מוזן מיר דאָ פאַרנאָטירן, אז דער גרעסטער טייל פון דעם היסטאָרישן פאַרמעגן איז חרוב געוואָרן סוף 50־קער יאָרן, ווען דער סעמינאַר האָט די געביידע פאַרקויפט. א טייל פון דעם ארכיוו און פון דער ביבליאָטעק האָט מען ארונטערגעטראָגן אין די קעלערן פון דער געביידע, אנדערע טיילן האָבן די רעמאָנטירערס סתם צעוואָרפן. ווען דיק דערגיין, וואָס מיט דעם אלעם איז געשען, האָט דער מחבר ארויסגעשיקט א צאָל בריוו צו די מיטגלידער פון דער סעמינאַר־פאַרוואַלטונג אין יענע יאָרן און דער־האַלטן צוויי ענטפערס מיט טיילווייז פאַרשידענע ווערסיעס פון דער פאַסירונג.

א מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג, אברהם ה. קאַהען, דערציילט אין זיין בריוו צום מחבר (מיר גיבן דאָס איבער בקיצור) בערך אזוי:

דער אייגנטימער, וואָס האָט אָפּגעקויפט די געביידע פון סעמינאַר

1 א שיינע צאָל בריוו, פון און צום סעמינאַר, זיינען געשריבן געוואָרן אָן דאַטעס.

2 זע קאַפּיטל: דירות פון סעמינאַר.

האָט אָנגעשטעלט א קאָנטראַקטאָר דורכצופירן א היפּשן רעמאָנט. די ארבעטער האָבן גענומען איינברעכן ווענט, צעקלאַפּן פּאָליצעס און דערביי צענישטערט פּעק מיט ביכער און טיילן פון די ארכיוון. ווען אברהם קאָהען האָט זיך דערוואוסט, וואָס ס׳קומט פאָר אין דער געביידע, האָט ער וועגן דעם דערציילט זיינעם א קרוב און יענער האָט דאָס איבערגעגעבן דעם דירעקטאָר פון א מושב זקנים אין ניו־יאָרק. דער דירעקטאָר האָט אויף זיין אחריות צוגעשיקט א לאַסטוואָגן צו דער געביידע און פון דאָרטן צוגענומען א גרויסן טייל פון דער ביבליאָטעק, און די ביכער מיט כלערליי פּעק אָפּגע־לייגט אין קעלער פון דעם מושב זקנים. די מערסטע אָפּגעראַטע־וועטע ביכער זיינען סייווי רואינירט געוואָרן מחמת א צייט נאָכדעם איז דער קעלער פארפלייצט געוואָרן.

דער געוועזענער סעקרעטאר פון סעמינאר מ. מענטשעל, גיט איבער אין זיין בריוו, אז דער נייער אייגנטימער פון דער געביידע האט לכתחילה געגעבן זיין וואָרט, אז ער וועט אָפּהיטן די ביכער און דעם ארכיוו, וואָס האָבן זיך געפונען אין קעלער. נאָר ער האָט זיין וואָרט נישט געהאלטן און אזוי ווי דער סעמינאר האָט זיך נישט צוגעאיילט אָפּצונעמען דעם פארמעג, האָט ער זיי פּשוט ארויסגעוואָרפן אין דרויסן.

מען קען זיך לייכט משער זיין, אז די געשיכטע פון סעמינאר, וואָס מיר קלייבן זיך דאָ צו דערציילן, וועט, ליידער, נישט זיין פריי פון בלויזן. מיר האָבן זיך א לענגערע צייט באמיט אויסצופילן אלע די בלויזן דורך פערזענלעכע שמועסן מיט מיטגלידער פון פאקולטעט, מיט געוועזענע סטודענטן און גראַדואַנטן, דורך א היפּשן אויסטויש פון בריוו, פריוואט און דורך דער יידישער פרעסע אין ניו־יאָרק. לאָמיר האָפן, אז מיט דער צייט וועלן די בלויזן אויסגעפילט ווערן אדאנק ווייטערדיקע אויספאָרשונגען.

לאָמיר דאָ פארצייכענען די מקורים, מיט וועלכע דער מחבר האָט זיך באנוצט ביים צוזאמענשטעל פון דער געשיכטע, וואָס ווערט דאָ דערציילט.

1. פאַר די ערשטע יאָרן פון סעמינאַר, ספּעציעל וואָס ס'איז נוגע די לאַנגע צוגרייטונגען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן צו עפענען דעם סעמינאַר, האָט דער מחבר זיך באַנוצט מיט דעם **פּראָטאָקאָל־בוך** פון דעם בילדונגס־קאָמיטעט [3] פון די יידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וואָס האָט געהאַט זיין צענטער אין ניו־יאָרק. דער דאָזיקער בילדונגס־קאָמיטעט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1914 דורך אַלע צדדים, וואָס האָבן זיך יענע יאָרן פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן יידישע קינדערשולן: די ״פּועלי־ציון״, דער ״אידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד״, די פּאַרטיי ״סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן״, און אַ גרופּע אומפּאַרטייאישע, וואָס האָבן זיך אין 1916 אָפּגעטיילט און זיך אָרגאַניזירט אין דעם ״שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט״ [4].

דאָס דאָזיקע פּראָטאָקאָל־בוך איז געפירט געוואָרן פון דעם סעקרעטאַר פון בילדונגס קאָמיטעט, איינער פון די ערשטע לערערס אין די שולן, שלמה שאַפּיראָ, און נעמט אַרום זיינע טעטיקייטן פון 1914 ביז סוף 1918.

2. פון גרויס וויכטיקייט זיינען פאַר אונדז געווען אינפאָרמאַציעס, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אַ צאָל יחידים, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיטן סעמינאַר, ווי מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג, מיטגלידער פון פאַקולטעט און סטודענטן און גראַדואַנטן פון סעמינאַר. מיר האָבן אויך אין משך פון אַ לענגערער צייט זיך דורכגעשריבן און געהאַט לענגערע שמועסן מיט שלמה

---

3 שפּעטער האָט מען דעם נאָמען פאַרביטן אויף שולן־קאָמיטעט, שולן־פאַרבאַנד, און דעם נאָמען פון די שולן אויף: פאָלקס־שולן.

4 וועגן די אַלע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס און זייערע טעטיקייטן זע:

א) **יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד זאַמלבוך**, ניו־יאָרק 1946.

ב) ל. שפּיזמאַן: **געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע** 2 בענד, אַרויסגעגעבן פון ״קעמפער״ פאַרלאַג, ניו־יאָרק 1953.

ג) **דער דרך פון שלום עליכם אינסטיטוט**, שואל גוטמאַן, רעדאַקטאָר, ניו־יאָרק, 1972.

שאפיראָ, חיים פרוס, אסתר קאָדאָר, שרה פוקס, שואל גוטמאן, פישל הערשטיין, פאול גאָלדמאן, הערשל גידאנסקי, מ. מענטשעל, צבי שטאָק, י. זילבערבערג, מרדכי שעכטער, יחזקאל ליפשיץ, דב ווײַנריב, שמואל לאפּין, יוסף מלאָטעק, יעקב לעוויץ, טשארני שעכטער, משה פראנק, רחל גרינבוים, פישל קאָלקאָ, בײַלע שעכטער־גאָטעסמאן.

3. גאָר א היפּש ביסל מאטעריאל האָבן מיר געפונען אין די פובליקאציעס פון סעמינאר (יידיש און ענגליש): **דער סעמינא־ריסט, קאטאלאָגן,** וואָס דער סעמינאר פלעגט פובליקירן פון צײַט צו צײַט, און אין דער פערטל־יאָרשריפט, וואָס דער סעמינאר האָט ארויסגעגעבן אונטער דער רעדאקציע פון זײַן דירעקטאָר — דב ווײַנריב אין די פערציקער יאָרן (1944—1948) אונטערן נאָמען **געדאנק און לעבן** (אין יידיש און ענגליש).

4. אין ארכיוו פון יידיש־וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט האָבן מיר געפונען איין טעקע מיט דאָקומענטן וועגן סעמינאר און מיר האָבן אויסגענוצט אלץ, וואָס ס'האָט געהאט א שײַכות צו אונדזער ארבעט.

5. און לסוף דארפן מיר אָנווײַזן, אז גאנץ היפּשלעכע מאטע־ריאלן האָבן מיר געפונען אין דער פאָרם פון סעמינאר־באריכטן אין

א) **דאָס נײַע לעבן,** ניו־יאָרק, רעדאגירט פון חיים זשיט־לאָווסקי;

ב) **דער אידישער קעמפער, דער אידישער ארבייטער,** וועכנ־טלעכע און מאָנאטלעכע זשורנאלן, ארויסגעגעבן פון די "פּועלי־ציון" און "נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד" פון 1906 ביז 1968.[5]

לכתחילה האָבן מיר געטראכט, אז ס'וואָלט געווען געוואונטשן בקיצור צו דערציילן אויך וועגן אנדערע יידישע לערער־סעמינארן,

---

5 אָפיציעלער אָרגאן פון דער "יידיש־סאָציאליסטישער ארבעטער פארטיי פּועלי־ציון".

וואָס יידיש־רעליגיעזע און יידיש־וועלטלעכע אינסטיטוציעס האָבן אויפגעשטעלט אין היינטיקן יאָרהונדערט מחוץ דעם סעמינאר אין ניו־יאָרק. אזעלכע סעמינארן זיינען געשאפן געוואָרן אין די פאראייניקטע שטאטן, אין ארגענטינע, אין מעקסיקע. ספּעציעל האָבן מיר געמיינט זיך אָפּצושטעלן אויפן סעמינאר אין מאָנטרעאָל, קאנאדע, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן פון די יידיש־וועלטלעכע שולן [6] אין 1946 און וואָס האָט זיך שפּעטער פאראייניקט מיט דעם סעמינאר, וואָס די אָרטיקע תלמוד־תורה האָט אָנגעפירט זינט די פערציקער יאָרן. די געשיכטע פון דעם סעמינאר איז ביז גאָר אינטערעסאנט שוין דערמיט אליין, וואָס דער סעמינאר אין מאָנטרעאָל זאָל פון 1946 ביז 1971 האָבן ארויסגעלאָזט איבער 250 גראדואנטן [6א].

אָבער אין גאנג פון דער ארבעט האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס איינשליסן אויך אנדערע סעמינארן אין אונדזער געשיכטע וואָלט געפאָדערט נאָך עטלעכע יאָר פאָרשונג און באארבעטונג, און מיר האָבן דעריבער דאָס אָפּגעלייגט פאר א ספּעציעלער באהאנדלונג.

---

6 דער ערשטער דירעקטאָר איז געווען שלמה וויסמאן, דירעקטאָר פון די יידישע פאָלקשולן אין מאָנטרעאל, קאנאדע.

6א לויט א מעלדונג פון דעם דירעקטאָר, ש. וויסמאן אין Canadian Jewish Congress Bulletin, March 1974.

קאַפּיטל ב

ערשטע טריט

גאַר פרי, בעת דער יידישער מאסן־אימיגראַציע קיין אמעריקע סוף 19טן און אָנהייב הײנטיקן יאָרהונדערט האָבן זיך די פארשידענע יידיש־געזעלשאַפטלעכע גרופירונגען פארנומען מיט אויפשטעלן דאָ אין לאנד בילדונג און דערציאונג־אינסטיטוציעס פאר די אימי־גראַנטן פון מזרח־אייראָפּע אין א גאַנץ ברייטן פארנעם. ווען מיר לייענען די געשיכטע פון יענע ערשטע יאָרן, קאָנען מיר זיך נישט באפרייען פון דעם איינדרוק, וואָס נישט געקוקט אויף דער פרעמ־דער סביבה און עקאָנאָמישער לאגע פון די אימיגראנטן — האָט געקאָכט און געשפּרודלט מיט געזעלשאפטלעכע פאַרזאמלונגען, מיט סעריעס לעקציעס, מיט ספּעציעלע איינגעאָרדנטע דעבאטעס און דיסקוסיעס איבער נאציאָנאַלע, סאָציאַליסטישע און פילאָזאָ־פישע פּראָבלעמען.

די אנטי־נאציאָנאַלע אגיטאציעס און דער רוף צו פולער אסימי־לאַציע, וואָס מיט זיי האָט מען געגומען שפּייזן די יידישע אימיגראנטן אין יענע יאָרן — האָבן קיין צו טיפן רושם אויף דעם נייעם יידישן ישוב נישט איבערגעלאָזט [7]. געוויסע יידישע זשורנאַלן פון יענע יאָרן האָבן צוזאמען מיט דער יידישער סעקציע פון דער "אמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּארטיי" נאָכאַנאַנד געפּרײדיקט אנטי־יידישע און אסימילאטאָרישע לאָזונגען, ווי א שטייגער: "מיר זיינען קיינע יודען, זאנדערן יידיש־שפּרעכנדע פּראָלעטא־

7 ש. ניגער, **אין קאמף פאר א נייער דערציאונג**, קאפּ. 1 און 2, ארויסגעגעבן פון ארבעטער־רינג, 1940.

ריער״ [8] — אזעלכע לאָזונגען זײַנען אין לעצטן סך־הכל געבליבן א קול־קורא במדבר. די טעאָרעטיקער און װעגװײַזער פון אנטי־יידישקייט האָבן קיין בעסערס פון ב. פײַגענבוים — א פארביסענער אָנפאלער אויף אלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט יידישקייט אָדער מיט נאציאָנאליזם — נישט געקאָנט ארויסשטעלן. ער האָט געשפּיגן יידישקייט אין פּנים אריין, דערקלערנדיק בפרהסיה, אז ״זאָל זיך דער נאטירלעכער אסימילאציע־פּראָצעס טאָן זיין ארבעט, ווייל ער ברענגט די גרעסטע ברכה... באזונדערס פאר אלע יידן״ [9].

אין א געוויסן זין זיינען די בילדונג און געזעלשאפטלעכע אקטי־וויטעטן מצד די יידישע אימיגראנטן־גרופּעס וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט ארום די ״פּועלי־ציון״, ״ס.ס.״, ״בונד״ און אומפּאר־טייאישע, געווען אין באגרענעצטן זין עמבריאָנישע פארזוכן אין מזרח־אייראָפּע סוף 90־קער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט ביז נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע.

די דאָזיקע געזעלשאפטלעכע דערשיינונג אין יידישן לעבן דאָרטן און דאָ ווערט ריכטיק סומירט פון ל. הייבער אין אן עסיי, אין וועלכן ער שרייבט:

״אין דער נייער אימיגראציע (אין 1905) האָבן זיך געפונען יוגנטלעכע, וואָס האָבן אין די אלטע היימען שוין אָנגעהערט צו פארשידענע פּאָליטישע ריכטונגען אין יידישן לעבן. זיי האָבן גענומען בויען אין דער נייער וועלט די זעלבע אינסטיטוציעס פון יידישן קהילה־לעבן אין מזרח־אייראָפּע״ [10].

די זאָרג פארן קיום האומה און פארן קיום פון דער מאָדערנער יידישקייט — יעדער לויט זיין אויסטייטש און יעדער לויט זיין

---

8 ציטירט פון זשורנאל **אמת** פון 10טן יאנואר, 1896 אין **זאמלבוך פון יידיש־נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד** 1946, ניו־יאָרק, ז. 343.
א ברייטן אנאליז איבער די נאַציאָנאלע און אנטינאציאָנאלע טענדענצן אויף דער אמעריקאנער יידישער גאס, קען דער לייענער געפינען אין אירווינג האו׳ס היסטאָרישער ארבעט World of our Fathers.

9 ב. פייגענבוים אין **צוקונפט**, יולי, 1912.

10 **טאָג־מאָרגן זשורנאל**, דעצעמבער 8, 1971.

נוסח — האָט געמוזט פירן צו ערנסטע איניציאַטיוון פאַר א צוגע־פאַסטער יידישער דערציאונג פון די אונטערוואַקסנדיקע דורות.

זעען מיר טאַקע, ווי צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזירטער טעטיקייט פאַר דערוואַקסענע פון קורסן, לעקציעס, קאָנצערטן און געזעל־שאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן, איז געגאַנגען האַנט אין האַנט די אָרגאַניזירונג פון שולן פאַר יונגוואַרג, דורך וועלכע די פאַרשידענע סאָציאַלע גרופּעס האָבן זיך באַמיט צו פאַרפעסטיקן זייערע געזעל־שאַפטלעכע אידעאָלאָגיעס און זייער נוסח פון יידישקייט פאַר די קינפטיקע דורות.

אין אַט דער אַרבעט אויפן געביט פון יידישער דערציאונג אין ערשטן צענדליק פון הייַנטיקן יאָרהונדערט האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט די ״פּועלי־ציון״ צוזאַמען מיטן ״פּראָטערנאַלן פאַר־באַנד״, דערמיט וואָס זיי האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן דאָ אין לאַנד אין 1908 [11] דעם ״יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד״. צוזאַמען מיט זיי זיינען געגאַנגען גרופּעס פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָ־ריאַליסטן און בונדישע גרופּעס פון דעם פּראָטערנאַלן אָרדן — ״דער אַרבעטער־רינג״ [12].

פון די פּראָטאָקאָלן, וואָס דער שוין דערמאָנטער ש. שאַפּיראָ האָט געפירט פאַר דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן אין ניו־יאָרק — די יאָרן 1914־1918 — ווערט קלאָר, אַז די באַוועגונג צו אָרגאַניזירן און אויפהאַלטן יידיש־וועלטלעכע שולן איז געווען פון גאָר א ברייטן פאַרנעם. פון א גאַנצער ריי יידישע צענטערן, גרויסע און קליינע, פון דרום און צפון, פון מזרח און מערב, אין די שטאַטן און אין קאַנאַדע זיינען אָנגעקומען אָן אויפהער בריוו מיט מעלדונגען וועגן שולן, וואָס האַלטן זיך אין עפענען, וואָס האָבן זיך שוין געעפנט, שטעלנדיק

11 וועגן אויפשטייג פון ״נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד״ זע: ״די אַנשטייאונג און אַנטוויקלונג פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד״ פון מאיר בראון אין **פאַרבאַנד זאַמלבוך** 1946.

12 זע: **די געשיכטע פון אַרבעטער־רינג** פון א. ש. זאַקס (1935) און **50 יאָר אַרבעטער־רינג** פון י. ש. הערץ (1950).

דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון די שולן אין ניו־יאָרק כלערליי פראגן: וויאזוי עפנט מען א קינדערשול? וועלכע לימודים דארף מען לערנען און צי זיינען פאראן טעקסט־ביכער פאר די לימודים? ווי אזוי לערנט מען יידיש, העברעאיש, געשיכטע, ווי אזוי פייערט מען יידישע יום־טובים?

אזעלכע אָנפראגעס זיינען אָנגעקומען סיי פון שולן, וואָס האָבן שוין פונקציאָנירט, סיי פון אזעלכע, וואָס זיינען נאָך געווען אין פלאן. אין יאָר 1914—1915, לויט די באריכטן פון ש. שאפּיראָ, האָבן שוין פונקציאָנירט עטלעכע און דרייסיק שולן, און זיבעצן פון זיי זיינען געווען אָנגעשלאָסן אין דעם פארבאנד פון די שולן אין ניו־יאָרק.

מ'דארף דערביי גלייך צוגעבן, אז א טייל פון אָט די שולן האָבן זיך לאנג נישט אויפגעהאלטן, און ס'איז נישט שווער צו טרעפן פארוואָס. אין די מערסטע פון די עטלעכע און דרייסיק שולן האבן געארבעט פרייוויליקע לערער[13], וואָס זיינען א גאנצע וואָך געווען באשעפטיקט ביי כלערליי מלאכות און שבת און זונטיק זיינען זיי געקומען לערנען מיט קליינוואַרג[14].

ס'האָט די דאָזיקע פרייוויליקע לערער געפעלט די סאמע עלעמענטארסטע צוגרייטונג ווי צו פירן א קלאס, ווי אָנצוגיין מיטן לימוד פון יידיש, העברעאיש, געשיכטע, ווי זיך באנעמען מיט קינדער און מיט זייערע עלטערן. זייער שטארקע איבערגעגעבנקייט און טיפע זאָרג פארן יידישן המשך האָבן נישט געקאָנט פולשטענדיק פארבייטן זייער אומוויסן אויף די געביטן פון פעדאגאָגיק און מעטאָדיק.

דער "בילדונגס־קאָמיטעט", אָדער דער "שולן־פארבאנד" אין

---

13 איינער אזא לערער אין שיקאגאָ שרייבט: "הייתי אחד מן המורים הראשונים, כמובן הייתי מורה מתנדב". צבי שרפשטיין, **תולדות החינוך בישראל בדורות אחרונים**, כרך שני.

14 ס'איז כדאי צו פארצייכענען אז צווישן די צענדליקער לערער יענער ערשטע יאָרן איבער לאנד האָט זיך נישט געפונען קיין **איינציקע פרוי**. אויף וויפל איך ווייס, זיינען די ערשטע יידישע לערערינס ארויסגעקומען פון יידישן לערער סעמינאר, וואָס האָט זיך געעפנט ערשט אין 1918.

ניו־יאָרק האָט פון סאמע אָנפאנג געמאכט כלערליי פארזוכן צו לינדערן דעם שווערן מצב אין וועלכן שוין געעפנטע שולן האָבן זיך געפונען צוליבן דוחק אין פאסיקע לערער. א צאָל מיטגלידער פון ניו־יאָרקער "שולן־פארבאנד", וואָס האָבן אליין געהאט דורכגעמאכט חבלי־לידה די ערשטע צייטן ווי לערער, נאָר צווישן די יאָרן 1910—1914 און 1915 שוין געהאט איינגעזאפט אין זיך א היפש ביסל פעדאגאָגישע ידיעות און לערערישע דערפארונג, האָבן וויליק פון צייט צו צייט זיך ארויסגעכאפט אין די שולן מחוץ ניו־יאָרק און זיי ארויסגעהאָלפן מיט "ראט און טאט", סיי וואָס נוגע לערערישע ענינים, סיי אדמיניסטראטיווע.

צווישן אָט די פעדאגאָגישע קאָנסולטאנטן, די סאמע ערשטע פון דעם מין אויפן היגן קאָנטינענט זיינען געווען: יואל ענטין, חיים ליבערמאן, לעאָן עלבע, ש. שאפיראָ, נח מישקאָווסקי, ב. אָסטראָווסקי, קלמן וויטמאן, ש. מאָשעוויצקי און אפשר נאָך אנדערע, וואָס מיר ווייסן נישט פון זיי [15].

דער ענין פאסיקע לערער איז אין א געוויסער צייט געוואָרן אזוי ערנסט, אז דער "שולן־פארבאנד" האָט געפונען פאר נייטיק צו געבן אנאָנסן אין דער ניו־יאָרקער יידישער פרעסע, אז מ'זוכט פאסיקע לערער. אויף אָט די אנאָנסן אין 1916 האָבן זיך אָפגערופן דריי אפליקאנטן. נאָך אן אויספירלעכן פארהער האָט א ספעציעלע קאָמיסיע פון "שולן־פארבאנד" זייערע אפליקאציעס צוריקגעוויזן [16].

שוין אין 1914 און צום טייל נאָך פריער, ווען ס'האָבן זיך געעפנט די ערשטע שולן אין 1910 אין די פאראייניקטע שטאטן און אין קאנאדע, שוין דאמאָלט איז געווען קלאָר פאר די פירער און טוער פון "שולן־פארבאנד" און פון יידישע קולטור־מענטשן

15 אין 1915, אויף דער בקשה פון "שולן־פארבאנד" האָט דער מחבר א צייט געדינט ווי אזא קאָנסולטאנט אין די שטעט טשעלסי, בראָקטאָן און פאָל־ריווער.

16 זע: פראָטאָקאָלן פון "שולן־פארבאנד" פארן יאָר 1915.

בכלל אז ס'איז ביז גאָר נייטיק אויפצושטעלן א געהעריקן אינסטי־טוט, וואָס זאָל זיך ספּעציעל אָפּגעבן מיט אויסבילדן לערער פאר די שולן [17]. ׳

שולן, וואָס האָבן זיך געעפנט אין אן אטמאָספער פון באגייסטע־רונג פאר דער אידעע, האָבן זיך גענומען צומאכן נאָר צוליבן דוחק אין פאסיקע לערער [18]. א טייל שול־טוערס האָבן שוין דאן גענומען טראכטן וועגן קורץ־טערמיניקע קורסן פאר לערער און וועגן א ספּעציעלן זאמלבוך, וואָס זאָל זיך פארנעמען מיט די וויכטיקע שול־פּראָבלעמען [19].

די פראגע, ווי אזוי און ווען מ'קען איינשטעלן אזעלכע קורץ־טערמיניקע קורסן, קומט אויף דירעקט כמעט אויף יעדער זיצונג פון "שולן־פארבאנד". שוין אין 1914, אין מאי פון דעם יאָר, לייגט פאָר א מיטגליד פון "שולן־פארבאנד", איינער פון די ראשי המדב־רים פון די "פּועלי־ציון" און פונעם "פארבאנד", א פּראָיעקט פון אזא קורץ־טערמיניקן סעמינאר. דער "שולן־פארבאנד" ווײלט אויס דעמאָלט א ספּעציעלע קאָמיסיע צו באטראכטן דעם פּראָיעקט און צושטעלן די נייטיקע רעזאָלוציעס צו די פאָרשטייענדיקע צוזא־מענפאָרן פון די שולן פון די "פּועלי־ציון" און פון דעם "יידיש־נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד".

דער שולן־צוזאמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען קורץ נאָכדעם אין ניו־יאָרק אין 1914, האָט גוטגעהייסן דעם פאָרגעלייגטן פּראָיעקט. דער צוזאמענפאָר פון "פארבאנד"האָט אָנגענומען א באגייסטערטע

17 אין אפּריל נומער פון **דאָס נייען לעבן** (1914) דערציילט אהרן גלאנץ וועגן אן אקציע אין שיקאגע ארויסצוגעבן א זאמלבוך, אין וועלכן ס'זאָלן באהאנדלט ווערן כלערליי פּראָבלעמען, וואָס זיינען אנטשטאנען אין פּראָצעס פון אָנפירן מיט די שולן און וועגן לערער.

18 זע ארטיקל פון אהרן גלאנץ אין יאנואר נומער פון **דאָס נייע לעבן**, 1914, רעד. פון דר. חיים זשיטלאָווסקי.

19 אהרן גלאנץ, איינער פון די ערשטע יידישע לערער אין שיקאגע שרייבט אין **שול־פנקס** פון "שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט" פון שיקאַגע: "די דאָזיקע שול האָט נישט געהאט קיין מזל. מיר זיינען נאָך אלע געווען רוי און גרין און זיך ווינציק וואָס געקענט ספּראווען מיט די קלאסן".

רעזאָלוציע וועגן דעם פּראָיעקט. אין זעלבן גייסט האָט דאָס געטאָן דער צוזאמענפאָר פון די "פּועלי־ציון" אין דעם יאָר.

די צוזאמענפאָרן פון די "פּועלי־ציון" און פון "פאַרבאַנד" האָבן אויך אינסטרואירט די באאמטע פון ביידע אָרגאַניזאַציעס בייצו־שטייערן פאַרן קורץ־טערמיניקן סעמינאַר אַ בכבודיקן, פאַר יענע יאָרן, געלט־ביישטייער [20]. אַלע דריי צוזאמענפאָרן האָבן אויך צוגע־שטימט, אַז די קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון יואל ענטין, חיים ליבערמאַן און ש. שאַפּיראָ, וואָס דער "שולן־פאַרבאַנד" האָט באַשטימט, זאָל זיך פאַרנעמען מיטן פאָרגעלייגטן פּראָיעקט. די קאָמיסיע איז אינסטרואירט געוואָרן פון די דריי צוזאמענפאָרן וואָס שנעלער אויסאַרבעטן אַלע פּרטים וועגן די לימודים און עפענען דעם סעמינאַר וואָס גיכער [21].

נאָך די דריי צוזאמענפאָרן, און געשטאַרקט דורך דער פאַרזיכע־רונג פון די "פּועלי־ציון" און דעם "פאַרבאַנד", אַז זיי וועלן אַנטקעגנקומען מיט אַ באַשטימטן געלט־שטייער, האָט די קאָ־מיסיע טיכטיק זיך פאַרנומען מיט די פּראָיעקטירטע לימודים און אין אויגוסט 1915 אויף אַ זיצונג פון "שולן־פאַרבאַנד" האָט יואל ענטין צוגעשטעלט דעם גאַנצן פּלאַן און דערביי אויך געמאָלדן, אַז די קאָמיסיע האָט שוין אויך צונויפגעשטעלט אַ צעטל פון אינס־טרוקטאָרן פאַר די פאַרשידענע לימודים.

אויף דער זעלביקער זיצונג און אין דעם זעלביקן באַריכט האָט ענטין אויך דערציילט, אַז כּמעט אַלץ איז גרייט — לימודים־פּלאַן,

---

20 $250 פון "פאַרבאַנד" און אַן ענלעכע סומע פון די "פּועלי־ציון".

21 ס'איז וויכטיק ביז גאָר אָנצווייזן אין דעם צוזאמענהאַנג, אַז דער ערשטער וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט צו עפענען אַ לערער סעמינאַר מיט יאָרן פריער, איידער דער "שולן־פאַרבאַנד" האָט זיך מיט דעם ענין פאַרנומען — איז געווען דר. חיים זשיטלאָווסקי אין **דאָס נייע לעבן** פון אַפּריל 1909, ז. 45 וואו ער שרייבט: "אַ דירעקטע יידישע לעבנס־נויט איז גע־קומען צום פאָרשיין אויף זייער ("פּועלי־ציון") ערשטער קאָנפערענץ. דאָס איז די נויט אין יידישער דערציאונג, די נויט אין יידישער לערע... וועט ארויסרופן צום לעבן אַ יידישן לערער סעמינאַר".

אינסטרוקטאָרן, א דירה — וועט מען דערווייל מוזן אָפּלייגן די דערעפענונג פון דעם קורץ־טערמיניקן סעמינאר מחמת ס׳פעלן דערווייל סטודענטן [22]. אין דער זעלבער צייט האָט ענטין פאָרגע־לייגט א נייעם פּלאן: אָפּלייגן אויף א צייט דעם געפּלאַנטן קורץ־טערמיניקן סעמינאר און עפענען דערווייל קורסן צוגעפּאסטע פאר די גראַדואַנטן פון דער ערשטער נאציאָנאל־ראדיקאלער שול אין ניו־יאָרק [23]. און אזוי איז דאָס טאקע געשען.

אויב ס׳איז וויכטיק, און ס׳איז טאקע וויכטיק, צו פארשרייבן פאר דער געשיכטע, ווער ס׳איז געווען די ערשטע לערן־אינסטי־טוציע אויף יידיש אין דער יידישער וועלט, וואָס האָט זיך פאר־נומען מיט צוגרייטן יונגעלייט און יונגע פרויען ווי לערער פאר די אויפקומענדיקע יידיש־וועלטלעכע שולן — מוז מען די בכורה צוטיילן דער ערשטער יידיש־נאציאָנאל־ראדיקאלער שול אין ניו־יאָרק מיט אירע מדריכים און פירערס — יואל ענטין, ש. שאפּיראָ און חיים ליבערמאן [24].

ס׳איז א שאָד, וואָס מיר האָבן דערווייל אין ערגעץ נישט געפונען

22 דער פאָרגעלייגטער לימודים־פּלאן איז געווען אזא:
א) יידיש, יידישע ליטעראטור, יידישע פילאָלאָגיע — יואל ענטין, יודא יאפע און חיים ליבערמאַן.
ב) העברעאיש און העברעאישע ליטעראטור — יהודה קויפמאן.
ג) סאָציאלע וויסנשאפטן — י. א. מעריסאָן, אב. קאספע.
ד) יידישע געשיכטע — חיים שויס.
ה) פּעדאגאָגיע — ב. צ. גאָלדבערג, לייבוש לעהרער, ש. שאפּיראָ, סיימאָן הירזשדאנסקי. לויט דעם דאָזיקן באריכט האָבן אויך געהאט צוגעזאָגט אָנטיילצונעמען ווי אינסטרוקטאָרן: נחמן סירקין, דוד פּינסקי, יואל לעוויט און קלמן ווייטמאן.

23 דער מחבר איז א צייט (אין 1918) געווען א לערער אין דער שול. קלאסן זיינען געגאנגען פון אלף ביז וואָוו און אחוץ ענטין, האָבן דאָרטן געלערנט חיים ליבערמאן, ש. שאפּיראָ און יוסף וואָל.

24 יואל ענטין שרייבט אין **אידישער קעמפער,** יוני 1916: ״די שולע פון וועלכער מיר ריידן דאָ, וועלכע געפינט זיך אין 311 איסט בראָדוועי, איז די ערשטע פון דיזן זין אין לאנד. זי האָט ניט בלויז אויסגעבילדעט א סך תלמידים און תלמידות, נאָר האָט אויך **ארויסגעגעבן לערער און לערערינס** פאר דעם נייעם טיפּ שולן״.

קיין שום פּרטים וועגן די דאָזיקע לערער־קורסן — וואָס מ׳האָט געלערנט, ווער די תלמידים און די גראַדואַנטן זיינען געוועזן און ווי לאַנג די קורסן האָבן פונקציאָנירט, איידער דער צוויי־יאָריקער סעמינאַר האָט זיך געעפנט אין מערץ 1918.

קאַפּיטל ג

געבוירן אין אָרעמקייט

ווען די פירער פון "נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן בילדונגס־קאָמיטעט", אָדער ווי מ'האָט אים שפּעטער גערופן — "דער שולן־פאַרבאַנד", האָט אין 1914 אָנגעפאַנגען טראַכטן און פּלאַנירן א לערן־אינסטי־טוציע, וואָס זאָל צוגרייטן לערער פאַר די צענדליקער שולן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין עפענען און אויך פאַר די, וואָס האָבן צייטווייליק פונקציאָנירט מיט אומבאַצאָלטע, פרייוויליקע לע־רער — איז מען פון טראַכטן און פּלאַנירן ווייט נישט אוועק צוליב איין גרויסער וויכטיקער סיבה — ס'האָבן געפעלט פינאַנצן. אויף צענדליקער זיצונגען פון שולן־קאָמיטעט און אויף די יערלעכע קאָנפערענצן פון די "פועלי־ציון", פון "נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד" און אויף די צוזאַמענפאָרן פון די שולן גופא — הערן מיר נאָכאַנאַנד באַריכטן פון דעם סעמינאַר־קאָמיטעט, אַז די פּראָגראַמען פאַר די לימודים זיינען שוין אויסגעארבעט, ס'זיינען שוין דאָ פּאַסיקע לערער פאַר זיי, אָבער־אָבער, מ'וועט ערשט קאָנען עפענען דעם סעמינאַר שפּעטער, מיט א יאָר שפּעטער, מיט צוויי יאָר שפּעטער, און ווי ס'איז טאַקע געשען — מיט גאַנצע פיר יאָר שפּעטער.

ס'איז לכתחילה נישט געלונגען צוצוציען די פּאַסיקע סטודענטן, כאָטש מען האָט ברייט רעקלאַמירט, אַז אַזעלכע סטודענטן וועלן אויפגענומען ווערן מיט א ברייטער האַנט. די אמתע סיבה איז אין תוך געלעגן אין דעם פאַקט, וואָס ס'האָבן גלייך פון אָנפאַנג געפעלט די פינאַנציעלע מיטלען צו קריגן א פּאַסיקע דירה, צוציען קוואַלי־

פיצירטע אינסטרוקטאָרן און איינקויפן די נייטיקע שול־מכשירים.

מיר האָבן איבער דערמאנט דעם פרט, אז די יערלעכע קאָנפערענץ פון די "פועלי־ציון" און פון "נאציאָנאלן ארבעטער־פארבאנד" האָבן אין 1915 באשטימט צו סובסידירן די דערעפענונג פון סעמי־נאר מיט 250 דאָלאר יעדער — ד.ה. א סך הכל פון 500 דאָלאר. אז מיר לייענען די באריכטן וועגן אָט די סובסידיעס און וועגן אנדערע הכנסות, וואָס זיינען אריינגעקומען ווי ביישטייערונגען צו דער דערעפענונג פון סעמינאר, געפינען מיר אז דער "פארבאנד" האָט אויף זיין צוזאָג געמאכט זיין ערשטע איינצאָלונג פון 125 דאָלאר ערשט אין מערץ 1918. וועגן די 250 דאָלאר פון די "פועלי־ציון" הערן מיר גאָרנישט אין די ווייטערדיקע פראָטאָקאָלן פון "שולן־פארבאנד", וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער געלט־אקציע פארן סעמינאר.

נישט געקוקט אויף דער פינאנציעלער אָרעמקייט, אין וועלכער די ארבעט פארן סעמינאר האָט זיך געפונען, איז די באגייסטערונג פארן סעמינאר און פאר זיין קומענדיקער טעטיקייט, אין וועלכער מען איז געווען זיכער, — געווען אומעטום — סיי אין די שולן, סיי אין די קאָמיטעטן, וואָס האָבן זיך פארנומען מיט פארשידענע פרטים אין דער אויספלאנירונג פון פראָגראמען, צוזאמענשטעלן די פארוואלטונג און צוציען פאסיקע לערער.

אזוי לייענען מיר א באריכט, וואָס ש. שאפיראָ גיט איבער אויף דער זיצונג פון 14טן מערץ 1918, געציילטע טעג נאָכדעם ווי דער סעמינאר איז דערעפנט געוואָרן, אז די "אָפרופן וועגן סעמינאר זיינען באגייסטערטע". ווייטער אין דעם באריכט דערציילט שאפיראָ אין וואָס די "באגייסטערונג" האָט זיך אויסגעדריקט :

פון מאָנטרעאָל איז אָנגעקומען פארן סעמינאר	15	דאָלאר
פון טאָראָנטאָ, קאנאדע	25	"
פון סיראקיוז, ניו־יאָרק	5	"
פון מילוואָקי, וויסקאָנסין	15	"
פון טאָלעדאָ, אָהאיאָ	5	"
בס"ה פון די שולן	65	דאָלאר

פון אַנדערע ביישטייערונגען	20	דאָלאַר
פון ש. שאַפּיראָ גופא	5	"
פון שכר־לימוד פון די סטודענטן	30	"
פון "נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד"	125	"

די הוצאות פאַר דער צייט האָבן באַטראָפן:

פון "נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד"	50	"
אַנאָנסן אין דער פּרעסע	53.20	"
באַן־הוצאות (פאַר יואל ענטינען)	5.00	"
קלייניקייטן	1.84	"

אויף די ערשטע זיצונגען פון סעמינאַר־קאָמיטעט האָט איר ערשטער דירעקטאָר, דר. יהודה קויפמאַן זיך באַקלאָגט, אַז ס'וועט זיין שווער צוצוציען אין פאַקולטעט אַזעלכע געלערנטע ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי, דר. נחמן סירקין און ענלעכע פּערזענ־לעכקייטן אויב מ'וועט זיך האַלטן ביי דער איינשטעלונג צו צאָלן $2.50 פּער לעקציע. נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע וועגן דעם ענין איז דאָך געבליבן נישט צו צאָלן מער.

ס'איז אין תוך אַ וואונדער צוליב וואָס קויפמאַן האָט זיך איינגעשטעלט פאַר העכערע שכירות פאַר די מיטגלידער פון פאַקול־טעט — מ'איז די $2.50 אויך נישט געווען בכוח צו צאָלן. איך בין אַן עדות פון פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך איבערגעחזרט פון וואָך צו וואָך מיט די טשעקן, וואָס קויפמאַן און שפּעטער פּנחס גינגאָלד פלעגן יעדן מיטוואָך אויסטיילן די לערערס. די טשעקן האָבן אין די מערסטע פאַלן באַטראָפן בס"ה 5 דאָלאַר פאַר צוויי סעסיעס — פאַר מאָנטיק און מיטוואָך, אָדער פאַר דינסטיק און דאָנערשטיק.

ווען די לערערס האָבן זיך אויף דער צווייטער וואָך אומגעקערט אין סעמינאַר מיט דער טענה, אַז די אמאַלגעמייטעד־באַנק אין ניו־יאָרק האָט די טשעקן אויף פינף דאָלאַר נישט אויסגעצאָלט, מחמת דער סעמינאַר האָט נישט געהאַט אַזויפיל אויף זיין קאָנטע אין דער באַנק, פלעגן קויפמאַן, דער דירעקטאָר, און גינגאָלד, דער

סעקרעטאר, זיך בעטן, אז מ'זאָל די טשעקן נאָכאמאָל דעפּאָנירן אין באנק און אז ס'איז שוין דאָ געלט דערפאר [25].

דינסטיק דעם 31סטן אפריל, 1925

זייער חשובער חבר י. א. יאפע :

מיט א באזונדערער פרייד שיק איך אייך איצט דעם טשעק, וואָס שליסט אונדזערע רעכענונגען פארן גאנצן ווינטער.

עס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער 7—8 יאָריקער געשיכטע פון סעמינאר, וואָס התחייבותן זענען כמעט פּינקטלעך באזאָרגט געוואָרן.

הלוואי זאָל אונדז ווייטער געלינגען פאָרצוזעצן אונדזער ארבעט און מיר זאָלן נאָך אויף א גרעסערן און שענערן אופן קאָנען פארטיילן די אוצרות פון וויסן צווישן אונדזערע פאָלקס־מאסן.

מיט אויפריכטיקער אכטונג,
פ. גינגאָלד [26]

מ'דארף, פארשטייט זיך, דערביי געדענקען, אז מיטן אויסנאם פון דעם דירעקטאָר קויפמאן (די ערשטע יאָרן) און דעם לערער פאר געשיכטע, חיים שויס, זיינען אלע אנדערע לערער געווען באשעפטיקט אין קינדערשולן, אין צייטונגען און האָבן נישט געדארפט אויסקוקן פאר זייער אויסקומעניש אויף דער הכנסה פון

25 יודא יאפע האָט די ערשטע יאָרן זעלטן באקומען זיין געהאלט, און דאָס האָט פארשאפט נישט ווינציק עגמת־נפש ביידע צדדים. דאָס ווייטערדיקע בריוול ווארפט א קלאָרן שיין אויף דער סיטואציע.

26 אָריגינאל פון בריוו אין ארכיוו פון ייוואָ.

סעמינאַר. און נישט דאָס אַליין — ס'איז בלי שום ספק אמת, אַז די מערסטע מיטגלידער פון פאַקולטעט האָבן בכלל נישט געטראַכט וועגן פינאַנציעלער הכּנסה, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אין דערציען מדריכים פאַרן יונגן דור — וועגן שאַפן און אויפֿהאַלטן אַן אינסטיטוציע, וואָס זאָס קאָנען דינען ווי דער מורה־דרך פאַר די דערציער פון זייערע אייגענע יורשים און די יורשים פון אַלע אַנדערע אין זייער סביבה.

צי האָט זיך די מוראַדיקע פינאַנציעלע אָרעמקייט נעגאַטיוו אָפּגערופן אויף די אויפגאַבן, וואָס דער סעמינאַר און זיינע סטודענטן האָבן געצילט צו דערגרייכן? ס'וואָלט געווען אַ טעות צו ענטפערן אויף דער פראַגע מיט אַ קאַטעגאָרישן **יאָ** אָדער מיט אַ קאַטעגאָרישן **ניין.** ס'זיינען געווען פּרט־פּאַלן, וואָס ווען נישט די גרויסע אָרעמקייט, וואָלט אַ צאָל סטודענטן נישט געווען פאַרלאָזט דעם סעמינאַר ממש ערב זייער גראַדואירונג. ס'איז מן הסתם אויך אמת, אַז ווען נישט די באַשרענקטע מיטלען און באַשרענקטער פאַרנעם, וואָלט קויפמאַן נישט געווען פאַרלאָזט דעם סעמינאַר, וואָס מיט זיין אַוועקגיין באַלד נאָך זיין דערעפענונג איז די אינסטיטוציע געבליבן אָן אַ פעסטער אַקאַדעמישער האַנט.

מען קען אָבער נישט פאַרבייגיין דעם פאַקט, אַז די מיטגלידער פון פאַקולטעט, אַזוי גוט ווי די רעגיסטרירטע סטודענטן האָבן, נישט געקוקט אויף דער גרויסער אָרעמקייט אין די קלאַס־צימערן און אין פּאַסיקע מכשירים — זיך באַצויגן מיט אַזאַ וואַרעמקייט און חברישקייט איינער צום צווייטן, וואָס מערקט זיך זעלטן אין אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס.

דאָס איז אין דער גרעסטער מאָס אמת, ווען עס גייט אַ רייד וועגן די מיטגלידער פון פאַקולטעט אין די ערשטע יאָרן. יעדער איינער פון די מיטגלידער האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ היפּש ביסל דערפאַרונג אין איינשטעלן אַ מאָדערנעם און וועלטלעכן יידישן המשך אין די נייע יידישע ישובים דאָ אין לאַנד, וואָס האָבן נאָך אין יענע צייטן נישט געהאַט דערגרייכט דעם סוף פון זייערע

פּאַרמאַציע־יאָרן. לייבוש לעהרער, אלעקסאנדער הארקאווי, יהודה קויפמאַן און אנדערע האָבן שוין געהאט הינטער זיך א רייכע געשיכטע פון בויען קינדערשולן, פון לייענען לעקציעס און אָנגיין מיט פאַרשונגען אין פארשידענע געביטן פון יידישן לעבן, אין שאפן טעקסטביכער פאר קליין און גרויס און אין העלפן בויען א סביבה, וואָס זאָל זיין בכוח צו סטימולירן די מוחות און די הערצער פון יידישע פאַלקס־מענטשן.

די סעמינאר לערער פון די ערשטע יאָרן אזוי גוט ווי די, וואָס זיינען צוגעקומען אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָבן אוועקגעלייגט א יידיש־אקאדעמישן חותם, וואָס האָט געווירקט אויף די סטודענטן אפילו יאָרן נאָכדעם, ווי זיי זיינען פון סעמינאר אוועק.

דער יידישער לערער סעמינאר האָט דורך די יאָרן געליטן פון זיין פינאנציעלער אָרעמקייט. ס'האָט אים אָבער גאָרנישט געפעלט אין הינזיכט פון אקאדעמישע כוחות — סיי אין זיין פּעדאַגאָגישן שולונגס־פּראָגראם, סיי אין די לעקציעס, וואָס מ'האָט געלייעגט אויפן פאָלקס־אוניווערסיטעט [27]. דערויף זאָגט עדות די רשימה לעקטאָרן, וואָס מיר ברענגען ווייטער. ס'איז שווער צו געפינען א מאָדערנעם יידיש־וועלטלעכן געלערנטן, וואָס האָט נישט געהער־בעט ווי א מיטגליד פון פאקולטעט, אָדער ווי דער פון סעריעס לעקציעס אויפן פאָלקס־אוניווערסיטעט, אָדער אין סעמינאר.

כאָטש די שכירות פאר די לעקטאָרן זיינען אין משך פון לאנגע יאָרן געווען בידנע ביז גאָר, איז זעלטן צו געפינען א יידישן געלערנטן, וואָס איז נישט גרייט געווען צו קומען אין סעמינאר ללמוד וללמד.

די אָרעמע פינאנציעלע השגות, מיט וועלכע מ'האָט זיך געגרייט צו עפענען (און טאקע געעפנט) די לערער אינסטיטוציע, קלינגען ממש אומגלויבלעך אין אונדזערע אויערן. אָבער פאר יענע יאָרן, די

27 זע קאפיטל: פאָלקס־אוניווערסיטעט, ז. 100.

יאָרן פון דער פאראָרעמטער יידישער אימיגראציע, זיינען זיי געווען נאטירלעכע רעזולטאטן פון דעם אלגעמיינעם אָרעמקייט־צושטאנד אין וועלכן די אימיגראנטישע גרופירונגען האָבן זיך געפונען.

אָבער וויכטיקער פון אלץ איז דער פאקט, וואָס נישט געקוקט אויף דער גרויסער פינאנציעלער אָרעמקייט, האָבן די ערשטע אקאדעמישע פיאָנערן באוויזן אויפצושטעלן א לערן־אינסטיטוציע, אין וועלכער ס׳זיינען יאָר נאָך יאָר געקומען א סך יידישע יונגע־לייט און יונגע פרויען פריער פון אלץ צו לערנען זיך אליין און אפשר מיט דער צייט צו לערנען אנדערע.

ווען דער ״שולן־פארבאנד״, דורך זיין ספעציעלער סעמינאר־קאָמי־סיע, האָט זיך שוין געהאט צוגעגרייט מיט אלע דעטאלן צו עפענען אין 1916—1917 דעם סעמינאר, איז מען נאָך אלץ נישט געווען זיכער, צי מ׳קאָן שוין די לערן־אינסטיטוציע עפענען, צי ס׳וועלן זיך אָפרופן גענוג סטודענטן מיט דעם נייטיקן ווילן און אינטערעס צו זיצן צוויי יאָר [28] און לערנען, בכדי צו ווערן לערער.

פון זיינע פילצאָליקע באריכטן צום ״שולן־פארבאנד״ זעט זיך ארויס, אז יואל ענטין איז געווען זיכער, אז וואָס שייך סטודענטן, וועט נישט זיין קיין אָפהאלט. אָבער נישט ער און נישט די אנדערע מיטגלידער פון ״שולן־פארבאנד״ האָבן זיך געוואָלט פארלאָזן אויף ניסים און באשלאָסן ווידער רעקלאמירן אין דער יידישער פרעסע, אז אָט־אָט וועט דער סעמינאר געעפנט און אז מ׳קען זיך שוין רעגיסטרירן.

דער אָפרוף פון די רעקלאמעס איז געווען א שוואכער אָבער אין תוך א פאָזיטיווער. צוזאמען מיט א צאָל גראדואנטן פון דער ערשטער נאציאָנאל־ראדיקאלער שולע האָבן זיך פאררעגיסטרירט עטלעכע און צוואנציג סטודענטן. די רשימה פון די סעמינאר גראדואנטן פאר די יאָרן 1920, 1922 און 1924 באווייזט, אז דער

---

28 שפעטער האָט מען די לערער קורסן פארלענגערט אויף דריי און נאָכדעם אויף פיר יאָר.

סעמינאר האָט צוגעצויגן מענער און פרויען, וואָס זיינען שוין געשטאנען מיטביידע פיס אין דער יידישער גאס און וואָס זיינען גרייט געווען צו ווידמען אלע זייערע כוחות דער דערציאונג פון יידישן קינד. דאָס זיינען געווען אידעאליסטן. צווישן זיי זיינען געווען אזעלכע, וואָס האָבן שוין געהאט געמאכט דעם ערשטן טראָט און אָנטיילגענומען אין די נאציאָנאל־ראדיקאלע שולן, אין די שלום עליכם פאָלק־שולן און אין די שולן וואָס די סאָציאליסטן־טעריטאָריאליסטן האָבן געהאָלפן אָרגאניזירן אין און ארום ניו־יאָרק.

ניט אלע, וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט זיינען טאקע פארבליבן די גאנצע צוויי יאָר און נישט אלע וואָס זיינען פארבליבן און גראדואירט זיינען טאקע געוואָרן לערערס אין די שולן. א טייל פון אָט די תלמידים האָט געפעלט די נייטיקע עלעמענטארע אלגעמיינע בילדונג און די קענטשאפט פון דער ענגלישער שפראך. אנדערע האָבן נאָכן גראדואירן איינגעזען, אז לערעריי איז נישט זייער פאך און האָבן זיך גענומען צו אנדערע באשעפטיקונגען. דאָס רוב אָבער איז נאָכן גראדואירן אוועק אין די שולן, דער עיקר אין די שולן פון "פארבאנד" און פון "שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט", און א צאָל — אין העברעאישע שולן און תלמוד־תורהס.

אוודאי ווייסן מיר היינט, אז צוויי יאָר, און בלויז עטלעכע טעג אין דער וואָך, איז צו ווינציק אויסצובילדן געשולטע לערער — אפילו מיט א געקירצטן קוריקולום פון ביידע שפראכן, געשיכטע, ליטעראטור, פסיכאָלאָגיע, קלאַס־פירונג, שול־פירונג און א צאָל אנדערע לימודים, אָן וועלכע ס'איז שווער אָנצופירן מיט א קלאס אין א יידישער שול. אָבער יענע ערשטע יאָרן האָט און נישט מיט אומרעכטס, די ליבשאפט צו יידישע קינדער און צו דער אידייע פון אריינברענגען דעם אונטערוואקסנדיקן דור אין יידישן גייסט און יידישן גוסט נאָך מער ווי מכפר געווען אויף דער קנאפער אלגעמיינער אויסבילדונג פון די לערער.

מ'קאָן אָבער נישט אויסמיידן דעם פאקט, אז דער לכתחיל־דיקער איינשטעל אין סעמינאר האָט צו ביסלעך געשאפן א מין

טראַדיציע, אַז וויכטיקער פון אַלץ איז דעם סטודענטס אינערלעכע באַציאונג צו די אידייען און צו דער פילאָזאָפיע, וואָס דער סעמינאַר האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט.

די דאָזיקע דערציאונגס־פילאָזאָפיע האָט זיך קלאָר אויסגעדריקט אין דער ערשטער פּרינציפּן דערקלערונג, וואָס דער סעמינאַר האָט פאַרעפנטלעכט אין סאַמע אָנהייב, און לייענט זיך טיילווייז אַזוי:

״דער יידישער לערער סעמינאַר איז אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער יידיש־אַקאַדעמישער אינסטיטוט, וואָס גיט אַ סיסטעמאַטישע יידישע בילדונג צו די, וואָס גרייטן זיך צו זיין יידישע לערער. דער סעמינאַר שטרעבט צו שאַפן אַ יידישע אינטעליגענץ, וואָס זאָל האָבן טיפע און ברייטע ידיעות און לעבעדיקן אינטערעס אין דער וועלט־קולטור און וואָס זאָל אין ליכט פון דעם דאָזיקן וויסן לערנען פאַרשטיין און אָפּשאַצן אונדזער אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור, אַ יידישע אינטעליגענץ, וואָס זאָל פעאיק זיין צו טראָגן ליכט און וויסן צו די יידישע מאַסן בכלל און צום יידישן קינד בפרט״.

אָבער אַזאַ אינערלעכע באַציאונג, ווי ערנסט און שטאַרק זי זאָל נישט האָבן געווען, האָט אין דער פּראַקטיק נישט געקענט פאַרבייטן די נייטיקע קענטשאַפטן, וואָס געניטע פּעדאַגאָגן מוזן באַזיצן. געפינען מיר טאַקע, אַז דורך די יאָרן זיינען אין סעמינאַר אָנגעקומען סטודענטן, וואָס אין נאָרמאַלע צושטאַנדן וואָלט מען זיי ניט פאַררעכנט, ווי פאַסיקע קאַנדידאַטן פאַר אַ לערער דיפּלאָם. אין דער פּראַקטיק האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן קלאָר און באַשיינפערלעך — אַזעלכע אומקאָמפּעטענטע גראַדואַנטן האָבן זיך אין די שולן נישט געהאַלטן. זיי האָבן מיטן אייגענעם ווילן זיך אָפּגעזאָגט פון דער לערער־פּראָפעסיע און אויפגענומען אַנדערע באַשעפטיקונגען.

אומפאַסיקע סטודענטן אין יענע ערשטע יאָרן, כאָטש אַ מינאָריטעט פון אַלע רעגיסטרירטע, האָבן גורם געווען ממש אומדערלייזלעכע פּראָבלעמען פאַרן פאַקולטעט. אויף פאַרשידענע זיצונגען

פון פאקולטעט און פון זיין ספעציעלער פארהער־קאָמיסיע איז כסדר ארויפגעשוואומען די פראגע ווי זיך צו באגיין מיט דער דאָזיקער מינאָריטעט, וואָס לערנען שוין דאָס פערטע יאָר אין סעמינאר און מ׳קאָן נאָך אלץ נישט זאָגן וועגן זיי, אז זיי זיינען ראוי צו ווערן לערער. הגם אזא דערשיינונג איז אין כלל נישט קיין זעלטנהייט אין אלע לערער־אינסטיטוטן איבערן לאנד, יידישע און נישט יידישע, זיינען א צאָל מיטגלידער פון פאקולטעט שארף ארויסגעטראָטן קעגן דיפלאָמירן אזעלכע סטודענטן. צווישן די, וואָס האָבן אויסגעדריקט שארפע קעגנערשאפט זיינען געווען לייבוש לעהרער, נחום מינקאָוו און בצלאל שערמאן. ווי עס דער־ציילן די פראָטאָקאָל־באריכטן פון פעדאגאָגן־ראט, האָט דער סעמינאר זיך אָפגעזאָגט ארויסצוגעבן צייגענישן צו עלף אזעלכע סטודענטן, סיידן זיי וועלן זיך איינשאפן מער וויסן און קענטעניש אין יידיש, העברעאיש, פעדאגאָגיע און ענגליש [29].

אין איינצעלנע פאלן האָט דער ראט פונדעסטוועגן צוגעשטימט ארויסצוגעבן דערווייליקע צייגענישן (תעודה זמנית) מיט דעם תנאי, אז דער באטרעפנדיקער סטודענט וועט אין משך פון דעם יאָר זיך נאָכאמאָל שטעלן צום פארהער ביי דער עקזאמענירן־קאָמיסיע.

אין די ערשטע יאָרן פון סעמינאר האָט מען נישט אזוי שטרענג מקפיד געווען אויף אלע פעדאגאָגישע פרטים. דער עיקר איז נאָך דער דערעפענונג פון סעמינאר אין 1918 געווען דעם קאנדידאטס וויליקייט און גרייטקייט זיך ווידמען יידישער דערציאונג, קענען יידיש און העברעאיש, זיין באהאוונט אין יידישער געשיכטע און אוודאי און אוודאי ארויסווייזן ליבע און איבערגעגעבנקייט דעם יידישן קינד. די דאָזיקע ריין־עמאָציאָנעלע באציאונג צום יידישן סטודענט שיינט ארויס פון די שריפטלעכע און מינדלעכע ארבעטן פון די מדריכים אין יידישן שולוועזן פון אלע מדרגות אין משך פון

29 זע: פראָטאָקאָל פון פעדאגאָגן־ראט פארן יאָר 1952, וואָס געפינט זיך אין סעמינאר.

לאנגע יאָרן. אפילו נאָך אין 1973 שרייבט איינער פון די ערשטע לערער און דירעקטאָרן פון די פאָלקסשולן אין די שטאטן, אז איינס פון די עיקרים אין דער לערערישער ארבעט איז געווען דאָס איינשטעלן א משפחה־געפיל צווישן די לערער און זייערע סטו־דענטן [30].

דער דאָזיקער קוק אויף יידישער דערציאונג דארף בעיקר צוגע־שריבן ווערן איר גאָר וויכטיקן מדריך יואל ענטין, וואָס האָט אין זיין שרייבן און רעדן כסדר אקצענטירט די דאָזיקע פילאָזאָפיע און במילא אוועקגעשטעלט אלע אנדערע פעדאגאָגישע אטרי־בוטן אויף א צווייטראנגיקער פלאץ [31].

כאָטש ס'האָט זיך אין די ערשטע יאָרן כסדר ארויסגעוויזן, אז אומפאסיקע, נישט גענוג אויסגעשולטע לערער ווערן קיין מזל־ברכה אין די שולן נישט אריינברענגען, האָט דאָס ענטינען נישט צוריקגעהאלטן ארויסצווייזן גרויס האָפערדיקייט, אז אלע שוועריַ־קייטן, פיסקאלישע און אויך פעדאגאָגישע, וועלן קיין מניעה נישט זיין, מחמת דער גאנצער ענין איז א סך לייכטער ווי מען מיינט. "עפענען קינדערשולן — שרייבט ער — דארף אָנקומען זייער לייכט. צו אזעלכע שולן פאָדערט זיך זייער ווייניק, כמעט גאָרנישט קיין געלט־מיטל. אויך אין לערער וועט קיין מניעה נישט זיין... ס'זיינען דאָ פילע באגייסטערטע יונגען מענטשן, וועלכע וועלן זיך גערן נעמען פאר אזא עכטער ארבעט אין גלות" [32].

---

30 ל. רובינשטיין: "דער לערער שלמה וויסמאן" (**אידישער קעמפער**, מערץ 23, 1973).

31 שרייבט ענטין: "די יונגע לייט און מיידלעך (אין סעמינאר) האבן אין זיך איינגעזאפט תורה און חכמה מיט אזא ברען, וואָס האָט צו זיך נאָר א גלייכן צווישן די אלטע יידישע מתמידים". **שריפטן**, באנד 1, ז. 233.

32 יואל ענטין, באנד 1, ז. 13 אין **געזאמלטע שריפטן**.

קאַפּיטל ד

דער דוחק אין לערער

די ערשטע עובדה פון יידישן לערער סעמינאר איז, פארשטייט זיך געווען — אויסבילדן יונגע מענער און פרויען פאר לערער אין די יידיש־וועלטלעכע שולן, וואָס האָבן זיך געעפנט אָדער געהאלטן אין עפענען אין גרויסע צאָלן אין צווייטן צענדליק פון היינטיקן יאָר־הונדערט איבערן לאנד און אין קאנאדע.

לויט עטלעכע באריכטן, וואָס יואל ענטין און ש. שאפּיראָ האָבן צוגעשטעלט דעם צענטראלן שול־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק אין 1914, האָבן שוין דעמאָלט פונקציאָנירט, אָדער געווען גרייט זיך צו עפענען איבער פופציק אָנפאנגער־שולן אין די שטעט: אָמאהא, אָלבאני, אטלאנטא, איסט ניו־יאָרק, איסט ליווערפּול (אָהאיאָ), באָסטאָן, באָפאלאָ, באלטימאָר, בעיאָן, בראָנקס, בראָקטאָן, בריס־טאָל, בראָנזוויל, גאלוועסטאָן, גלאָווערסוויל, דעטראָיט, דענווער, האמילטאָן (קאנאדע), האליאוק (מאס.), הארטפאָרד, הייזלטאָן, וואָטערבערי, וואוסטער, וואשינגטאָן, וויניפּעג, וועסט טאָראָנטאָ, טאָראָנטאָ, טאָלידאָ, טשעלסי, לאָס אנדזשעלעס, לינקאָלן (נעב.), מעיוואוד (נ.י.), מאָנטרעאָל, מאָלדען, מערידען, מיניאפּאָליס, מילוואָקי, ניו־יאָרק, סטעמפאָרד, סינסינעטי, סיראקיוז, ספּרינג־פילד, פּיטסבורג, פּראָווידענס, פילאדעלפיע, קענזעס סיטי, ריטש־מאָנד, שיקאגאָ.

אין א צאָל פון די־אָ שולן האָבן זיך גלייך פון אָנפאנג געמאָלדן יונגעלייט מיט ענטוזיאזם און פארליבטקייט אין יידיש און אין וועלטלעכער יידישקייט, וועלכע זענען געווען גרייט צו ארבעטן

ווי לערער. נישט מער — זיי האָט געפעלט פאכמאנשאפט ווי אומ־צוגיין מיט קינדער, ווי אָנצופירן לימודים און ווי צו פארוואלטן מיט א שול, ווי קליין זי זאָל נישט זיין. אחוץ דעם, איז צו דער שוואכער געניטקייט פון אָנפירן מיט א קינדערשול, צוגעקומען דער פאקט, וואָס געוויסע אזעלכע לערער זענען געקומען אין די שולן בלויז סוף וואָך, שבת און זונטיק, אָדער נאָר זונטיק, נאָך שווערער האָרעוואניע אין פאבריקן און געשעפטן וואו זיי האָבן געארבעט די אנדערע טעג פון וואָך.

די לערער מיט וויסן און מיט לערערישער דערפארונג האָט מען שנעל אויסגעכאפט פאר די גרעסערע יידישע צענטערס איבערן לאנד. מיר האָבן אין זין, פארשטייט זיך, אזעלכע לערערישע פערזענלעכ־קייטן פון יענע ערשטע יאָרן, ווי ש. שאפיראָ, קלמן וויטמאן, לייבוש לעהרער, ש. בערקאָוויטש, שלמה ווייסמאן, ש. דונסקי, ל. רובינשטיין, יעקב זיפער, ה. נאָוואק, ה. בראָמבערג, ח. האָלמשטאָק, ז. זארעצקי, יעקב לעווין, י. קאמאי, די ברידער מאנוסאָוויטש, א.ל. גאָלדמאן, י. חייטמאן.

א באנייטער דוחק אין לערער פאר די יידיש־וועלטלעכע שולן האָט זיך אויך שטארק גענומען פילן אין די פערציקער יאָרן, ספעציעל נאָכדעם ווי אמעריקע איז אריין אין צווייטן וועלט־קריג. א שיינע צאָל יידישע לערער זיינען צוגענומען געוואָרן אין מיליטער, די רעגיסטראציע אין סעמינאר האָט זיך פארקלענערט און א צאָל צענטערן אין לאנד, וואו ס׳האָבן זיך אין משך פון יאָרן געפונען וועלטלעכע שולן, זיינען געבליבן אָן לערער. דער צענטראלער שול־קאָמיטעט האָט פובליקירט אנאָסן (זע **קעמפער**, אויגוסט 4, 1944), אז מ׳זוכט לערער פאר די שולן אין דעטראָיט, לאָס אנדזשעלעס, מילוואָקי, סט. לואיס, וויניפעג, קאלגארי, שיקאגאָ און ראטשעסטער.

פאר די שולן אויף דער פראָווינץ איז געווען ביז גאָר שווער צו געפינען פאסיקע לערער און דער דוחק האָט זיך גאנץ אָפט געפילט אפילו אין די גרויסע יידישע צענטערן. כאָטש מען האָט שוין אויף דער יידישער גאס גערעדט און געשריבן וועגן דער נויט צו עטאבלירן

א לערער־סעמינאר זינט 1909, איז מען צו דער אקטיווער זאך ערשט צוגעטראָטן אין 1918.

פלאַנעווען די צוגעפּאסטע לימודים, פאַרזאָרגן דעם סעמינאַר מיט די מינימאלע פינאנצן און קריגן די נייטיקע אינסטרוקטאָרן האָט געגומען א אכט־צען יאָר. אין דער צווישנצייט, פון 1910 ביז 1918, האָבן זיך איבערן לאַנד געעפנט איבער 100 אָנפאַנג־שולן און א טייל פון די שולן האָבן זיך געמוזט צופרידנשטעלן מיט לימודים בלויז שבת צי זונטיק, אָדער ביידע טעג.

ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, האָבן זיך די נישט דער־פאַרענע לערער לאַנג נישט געהאַלטן ביי זייער לערערישער פּראָ־פעסיע — אָדער די שולן האָבן זיך צוגעמאַכט, ווייל ס'האָט געפעלט א געניטע פירנדיקע האַנט, אָדער די פרייוויליקע לערער האָבן אליין איינגעזען זייער נישט צוגעפּאסטקייט און זיך פריי־וויליק צוריקגעצויגן.

אין אלע אזעלכע פאַלן האָט מען אויפגעהויבן א ויצעקו [33] צום "שולן־פאַרבאַנד" אין ניו־יאָרק, כאָטש די מיטגלידער זיינע האָבן ווינציק־וואָס געקאָנט טאָן די לאַגע צו מילדערן, אָדער צו פאַרבע־סערן. ס'האָבן אויך געהאָלפן די אַנאָנסן אין דער פּרעסע, אז מ'זוכט לערער. זייער ווינציק האָבן זיך אָפּגערופן אויף די אַנאָנסן און די, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן, זיינען נישט געווען די פּאסיקע מענטשן, וואָס מ'האָט געזוכט.

דער שטאַרקער דוחק אין לערער און דער פאַקט, אז א צאָל שולן האָבן זיך צוגעמאַכט, אָדער אין גאַנצן נישט באַוויזן זיך צו עפענען — האָט געצוואונגען דעם "שולן־פאַרבאַנד" אין 1918 זיך צוצואיילן מיט די צוגרייטונגען, כאָטש ס'איז אויך אין דעם יאָר

33 אזא סאָרט בריוו האָט דער "שולן־פאַרבאַנד" דערהאַלטן פון ראָטשעסטער, ניו־יאָרק, אין וועלכן זיי באַקלאָגן זיך אז פון די 100 קינדער, מיט וועלכע די שול האָט זיך געעפנט, זענען געבליבן נאָר 60 און אז פאַר די 60 איז אויך נישטאָ קיין לערער, ספּעציעל אויף זונטיק, ווען די מערסטע קינדער קומען אין שול.

נישט געווען קיין שום זיכערקייט, אז מ׳וועט קענען פאַרזאָרגן די פינאַנציעלע הצטרכותן [34].

בכדי צו ווערבירן סטודענטן, וואָס זיינען ווילּיק זיך אויסצושולן אויף לערער און אויפנעמען א גאַנץ צעטל קורסן אין משך פון צוויי יאָר — האָט מען אַנאָנסירט אין דער יידישער פּרעסע, אז מ׳זוכט אַפּליקאַנטן. די פאָדערונגען, וואָס מ׳האָט געשטעלט די, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן און די, וואָס האָבן זיך פאַררעגיסטרירט זענען געווען מינימאַלסטע. מ׳האָט דער עיקר געדאַרפט זיין א באַגייסטערטער אָנהענגער פון די אידייען, וואָס האָבן באַהויכט דאָס יידישע שולוועזן און דעם סעמינאַר און קענען לייענען און שרייבן יידיש (אויב מען האָט געקענט אויך העברעאיש, איז אוודאי געווען וואויל). א מעלדונג וואָס דער סעמינאַר האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין בולעטין פון 1923, מיט פינף יאָר נאָך דער דערעפענונג פון סעמינאַר, שטעלט אויך אַרויס די סאַמע מינימאַלסטע פאָדערונגען. אין אָט דער מעלדונג ווערט געזאָגט אז ״אָנקומען (אין סעמינאַר) קען יעדער איינער, וואָס קען אינטעליגענט לייענען און שרייבן יידיש״.

פאַרשריבן האָבן זיך אין 1918 עטלעכע און פערציק תלמידים. פון דער צאָל האָבן 12 פאַרענדיקט דעם צוויי־יאָריקן קורס. 9 פון די 12 זיינען טאַקע געוואָרן לערער אין די שולן. די אַנדערע דריי זיינען אויך, אויף אַן אומדירעקטן אופן, א לאַנגע צייט געבליבן אַרום דער אַרבעט פאַר די שולן.

די ערשטע גרופּעס לערער, וואָס דער סעמינאַר האָט באַוויזן צו גראַדואירן די ערשטע פיר יאָר פון זיין עקזיסטענץ, ס״ה 34 לערער, האָבן בשום אופן נישט געקאָנט זעטיקן די כסדרדיקע פאָדערונגען פון די לאָקאַלע שול־פאַרוואַלטונגען — מ׳זאָל זיי שיקן אָדער רעקאָמענדירן ״גוטע״ לערער. דאָס וואָרט **גוטע** איז אַקצענטירט

34 לויט דעם צוגעשטעלטן בודזשעט צום ״שולן־פאַרבאַנד״ און לויט די מעלדונגען אויף די יערלעכע קאָנפערענצן, האָט דער בודזשעט פאַרן לערניאָר באַטראָפן 1,700 דאָלאַר.

געוואָרן מחמת צו דער מלאכה פון לערנען מיט קינדער אין די שולן האָבן זיך אין א סך פאלן גענומען שטארקע חסידים פון וועלט־לעכער יידישער דערציאונג, אָבער קנאפע לערער, וואָס זיינען באהאוונט אין פעדאגאָגיק בכלל און בפרט אין דער מעטאָדאָלאָגיע פון לערנען שפראך און געשיכטע און וואָס פארמאָגן די געהעריקע אויסשולונג ווי אָנצוגיין מיט קינדער.

א גרעסערע צאָל שולן האָבן לכתחילה באוויזן צוצוציען ווי לערער פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן קיינמאָל פריער נישט געלערנט ביי קיינעם די מלאכה פון לערעריי, נאָר האָבן פארמאָגט וויסן, טאקט, א ווארעמע דיספּאָזיציע און אלע אנדערע גוטע מעלות פון גענייטע לערער, און דער עיקר — זיי האָבן באוויזן צו ״פאנגען״ די הערצער פון זייערע סטודענטן מיט זייער גרויסער איבערגעגע־בנקייט צו די שולן, צו די סטודענטן און צו דער גאנצער ארומיקער סביבה [35].

א פראָפעסיאָנעל גרויסע גרופע פון אָט די דערפאָלגרייכע לערער זיינען, ווען דער סעמינאר האָט זיך געעפנט, אויך געוואָרן די אינסטרוקטאָרן פון פארשידענע לימודים אויף די סעמינאר־קורסן פאר לערער, ווי א שטייגער: לייבוש לעהרער, יעקב לעווין, קלמן ווייטמאן, חיים ליבערמאן און א.ל. גאָלדמאן.

ס׳איז דערביי ווערט אָנצווייזן, אז אין משך פון די ערשטע צען יאָר פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין לאנד, ד.ה. פון 1910 ביז 1920, זיינען אין די שולן אָנגעקומען ווי לערער נאָר מענער. יידישע לערערינס נעמען זיך ערשט באווייזן נאָכדעם, ווי ס׳האָט גראדו־אירט דער ערשטער קלאס פון יידישן לערער־סעמינאר, ווען ס׳האָבן דעם קורס פארענדיקט 12 סטודענטן, צווישן זיי דריי פרויען: חנה גלאָבערמאן, זעלדע האָפמאן און הינדע מיראָפּאָלסקי.

ווי ס׳איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן, איז בלויז א קליינע צאָל לערער געווען פראָפעסיאָנעל צוגעגרייט צו דעם לערערישן

35 זע ווייטער בריוו פון פראָפ. גאָרדיס צום מחבר.

פאַך. אין א סך פאלן האָבן אזעלכע לערער מיט דער צייט באוויזן זיך אריינצולעבן אין דער פּראָפעסיע און אין געוויסע ערטער געהאט א פּאָזיטיווע ווירקונג אויף די תלמידים, אויף די עלטערן און אויף די שול־קאָמיטעטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער ארבעט. די אָבער, וואָס זיינען נישט געווען צוגעגרייט צו דער פּראָפעסיע און האָבן אויך נישט באוויזן אין דער פראקטיק צו באהערשן און אָנפירן מיט דער קינדער־שול, האָבן צומאָל געפירט מ׳זאָל די שול איינגאנצן צומאכן, סיידן דער צענטראלער שולן־קאָמיטעט האָט באוויזן ארויסצושיקן אנדערע לערער אויף זייערע פּלעצער, און דאָס האָט זיך נישט תמיד איינגעגעבן.

אין די פּראָטאָקאָלן פון צענטראלן שולן־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק קומט אויף בולט דער פאקט, אז שולן האָבן זיך טאקע צוגעמאכט, אָדער אינגאנצן זיך נישט געעפנט מחמת ס׳האָבן געפעלט לערער, ספּעציעל דערפארענע לערער. דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין אהרן גלאנצ׳ס ארבעט אין שול־פּנקס [36] וועגן אויפשטייג פון יידיש־וועלטלעכע שולן אין שיקאגאָ יענע ערשטע יאָרן.

אין די שפּעטע צוואנציקער און דרייסיקער יאָרן האָבן אין לאנד פונקציאָנירט איבער דריי הונדערט יידיש־וועלטלעכע שולן, און וואָס מער שולן ס׳האָבן זיך געעפנט, אלץ שארפער איז געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון פאסיקע לערער. כאָטש ס׳האָבן אין דער זעלביקער תקופה גראדואירט פון סעמינאר מן־הסתם קרוב צו 200 לערער [37], זיינען אָבער נישט אלע אריינגעטראָטן אין די וועלט־לעכע שולן — א צאָל האָבן אָנגענומען שטעלעס אין תלמוד־תורה׳ס, אנדערע האָבן זיך גענומען צו אנדערע באשעפטיקונגען מיט בעסערע געהאלטן, און א צאָל האָט איינגעזען, אז לערעריי איז ניט זייער בארוף.

דאָס געהאלט פאר די לערער, וואָס גאָר א סך שולן האָבן נישט

---

36 **שול־פּנקס**, ארויסגעגעבן פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט, שיקאגאָ.

37 אונדזער רשימה (זע ווייטער) אנטהאלט 157 נעמען פון גראדואנטן פאר דער תקופה.

באוויזן אויסצוצאָלן אין גאנצן, אָדער אויסצוצאָלן אין דער צייט — דער מאָמענט איז מן־הסתם געווען דער שטארקסטער גורם, וואָס לערער האָבן די שולן פארלאָזט און זיך אויסגעזוכט אנדערע באשעפטיקונגען.

די וואָס זיינען געבליבן אין די שולן, האָבן שטארק געליטן עקאָנאָמיש. ס'איז נישט געווען קיין זעלטענע געשעעניש צו געפינען לערער, וועמען מ'איז שולדיק געבליבן מער ווי א העלפט פון זייערע יערלעכע שכירות. און די דאָזיקע דערשיינונג האָט זיך איבער־געחזרט יאָר־יערלעך. זייער זעלטן האָבן די שולן באוויזן איינצו־קאסירן געניגנדיקע געלטער צו פארזאָרגן די לערער זייערע געהאלטן.

די דאָזיקע דערשיינונג האָט זיך טיילווייז פארבעסערט די ערשטע יאָרן פון אויפקום פון די "ארבעטער־רינג"־שולן (אין 1918) און אין יענע שולן, וואו א לערער האָט מיט זיין פערזענ־לעכן צויבער און השפעה באוויזן אריינצוציען אין דער שול פאר־וואלטונג פעאיקע און איבערגעגעבענע עלטערן און פריינד פון דער שול, וואָס האָבן דעם ענין שכירות פארן לערער באטראכט, ווי אן אחריות, פון וועלכער מען קאָן זיך נישט באפרייען. אָבער אין כלל גענומען איז לערנען אין א יידיש־וועלטלעכער שול געווען א פראָ־פעסיע, וועלכע האָט געפאָדערט מאטעריעלע קרבנות, וואָס האָט אין לעצטן סך־הכל שלעכט געווירקט אויפן גאנג פון דער ארבעט מיט די תלמידים אין קלאס און מיט די עלטערן־פארוואלטערס.

די פירערשאפט פון אלע יידיש־וועלטלעכע שולן, וואָס האָבן אין די סוף צוואנציקער און דרייסיקער יאָרן דערגרייכט א ציפער פון הונדערטער שולן מיט טויזנטער תלמידים און תלמידות, האָבן, פארשטייט זיך, געכאפט יעדן איינציקן גראדואנט, וואָס איז דיפ־לאָמירט געוואָרן פון סעמינאר, ווי פאסיק פאר די שולן. ס'זיינען אין די יאָרן געווען צוויי מקורים, פון וועלכע מ'האָט געקענט קריגן לערער — פון "יידישן לערער סעמינאר" און פון געוועזענע לערער וואָס האָבן אימיגרירט פון מזרח־אייראָפּע. די וואָס זיינען אהערגעקומען פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער האָבן אין א

סך פאלן נישט געהאט קיין דערפאַלג אין די שולן צוליב צוויי עיקר־טעמים: ערשטנס האָבן זיי זיך נישט ווי געהעריק געקענט צוזאמענריידן מיט זייערע תלמידים (אחוץ אויף יידיש), און צוויי־טנס, איז זיי דער גאנצער אמעריקאנער קולטור־איינשטעל געווען פרעמד.

האָט טאקע דער סעמינאר געמאכט כלערליי פארזוכן צו פאר־זאָרגן די־אָ לערער מיט ספעציעלע קלאסן צו לערנען ענגליש, אמעריקאנער געשיכטע און אנדערע לימודים, ווי אויך זיי אריינ־פירן אין דער גאנצער ספערע פון דער אמעריקאנער ציוויליזאציע און קולטור.

אין יענע יאָרן האָט דער סעמינאר אויך געמאכט כלערליי פאר־זוכן אריינצוציען אין דער יידישער לערער־פראָפעסיע יונגעלייט און פרויען, וואָס האָבן נישט פארמאָגט אפילו די קליינע סומעס, וואָס דער סעמינאר האָט איינגעשטעלט פאר דעם שכר־לימוד. א היפּשע צאָל פון די רעגיסטרירטע סטודענטן האָט מען אינגאנצן באפרייט פון שכר־לימוד און אנדערע האָט מען אָנגעבאָטן ספּעציעל בכבודיקע סטיפּענדיעס און סקאלערשיפּס יאָר־יערלעך מיט דער האָפענונג, אז מיט אזעלכע אָנבאָטן וועט מען קענען צוציען ספּעציעל הי־געבוירענע גראדואנטן פון די יידישע מיטלשולן.

פון יאָר צו יאָר האָט מען די סקאלערשיפּס און די סטיפּענדיעס פארגרעסערט ביז זיי האָבן דערגרייכט די הייך פון 1500 דאָלאר אין סוף 60־קער יאָרן[38]. פארשטייט זיך, אז דערביי האָט מען די סטודענטן געשטעלט געוויסע תנאים, וואָס די סטיפּענדירטע האָבן געדארפט נאָכקומען: זיי האָבן געדארפט ארויסווייזן קענטשאפט אין די לימודים און פארזיכערן דעם סעמינאר אז זיי וועלן נאָכן גראדואירן בלייבן לערער אין די שולן אין פראָפּאָרץ מיט דער צאָל סטיפּענדיעס, וואָס זיי האָבן באקומען. די דאָזיקע תנאים האָט מען מיט דער צייט פארלייכטערט.

38 דאָס איז נישט געווען כאראקטעריסטיש ספּעציעל פארן סעמינאר. אזוי האָט מען זיך געפירט אין די ישיבות און אין רעליגיעזע סעמינארן.

פון די אלע פארזוכן אריינצוציען דעם יונגן דור אין דער יידיש־וועלטלעכער שול־ארבעט דורך די לימודים און דורך דער ספּעציעלער אטמאָספּערע, וואָס דער סעמינאר האָט פאר זיי געשאפן, איז צופיל נישט דערגרייכט געוואָרן. אין 1948 האָט דער דירעקטאָר דר. פיליפ פרידמאן צוגעשטעלט א באריכט דער סעמינאר פארוואלטונג, אין וועלכן ער רעדט וועגן דעם, אז אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר (ד.ה. זינט 1918) האָבן אן ערך 5000 סטודענטן באזוכט דעם סעמינאר. אויפן סמך פון די ידיעות און אינפאָרמאציעס, וואָס מיר האָבן באוויזן צו דאָקומענטירן, זיינען מיר גענויגט צו א ציפער פון 75—100 רעגיסטרירטע סטודענטן יערלעך. וויבאלד אזוי מיינט דאָס, אז אין סעמינאר האָבן געלערנט אין משך פון די לעצטע פופציק יאָר בערך דריי טויזנט זיבן הונדערט סטודענטן.

אין פארשידענע באריכטן, וואָס געפינען זיך אין סעמינאר, און אין א צאָל פובליקירטע באריכטן אין דער יידישער פרעסע רעדט זיך כסדר אין די 50־קער יאָרן וועגן 500 סטודענטן וואָס האָבן גראדואירט פון לערער סעמינאר. אזוי שרייבט דער דירעקטאָר פּיליפ פרידמאן, דער סעקרעטאר פנחס גינגאָלד, דער פרעזידענט מאיר בראון, און אנדערע. דאָס וואָלט אויסגעמאכט א ציפער פון בערך צען גראדואנטן יערלעך — א ציפער א גאנץ באשיידענער, כאָטש ס׳זיינען געווען יאָרן ווען בלויז עטלעכע סטודענטן האָבן גראדואירט, זיינען דאָך אָבער אויך געווען יאָרן, ווען ס׳האָבן גראדואירט איבער צוואנציק סטודענטן.

ווען מיר מאכן די אלע סך־הכלען בשייכות מיט די גראדואנטן מוזן מיר פעסשטעלן אז דער סעמינאר האָט, אין גרויסן און אין גאנצן גענומען, נישט באוויזן אריינצוציען קיין סך אמעריקאנער יוגנטלעכע. דאָס ווערט באשיינפערלעך קלאָר, ווען מיר שטודירן די רשימה גראדואנטן, וואָס מיר ברענגען דאָ אין דער ארבעט. די סטודענטן אזוי גוט ווי די גראדואנטן זענען אין סאמע גרעסטן רוב געווען ניט־אמעריקאנער געבוירענע. דער צושטאנד האָט זיך

ראדיקאל געענדערט אין יאר 1960, מיט דער רעארגאניזירונג פון סעמינאר און זיין באקומען רעכט צו אויסטיילן טיטולן.

פון די באריכטן פון די פעדאגאָגישע קאָמיטעטן, וואָס דער פאקולטעט האָט באשטימט צו מעסטן און פארהערן די קאנדידאטן פאר די דיפלאָמען, ווערט קלאָר, אז די פעדאגאָגישע קאָמיסיעס האָבן זיך כסדר געראנגלט מיט דעם פראָבלעם **ענגליש**. כאָטש אין טעאָריע איז געווען אָנגענומען, אז ביים אָנקומען אין סעמינאר, האָט מען שוין געדארפט האָבן פארענדיקט צוויי יאָר ארבעט אין אן אלגעמיינעם קאלעדזש. אבער דאָס איז געווען א תנאי דער עיקר פאר די היגעבוירענע. פאר יענע סטודענטן, וואָס זיינען אהערגעקומען פון מזרח־אייראָפּע, איז דאָס קיינמאָל נישט געווען קיין תנאי אָנצוקומען אין סעמינאר און זייערע קנאפע ידיעות אין ענגליש רעדן, לייענען און שרייבן, האָבן אָפט געפירט דערצו, אז מ׳זאָל אָפּלייגן זייער גראדואירונג און פאָדערן, זיי זאָלן באזוכן ספּעציעלע קורסן דערפאר.

מיט דעם־אָ פּראָבלעם האָבן זיך געראנגלט די פּעדאגאָגישע קאָמיסיעס אין די 40־קער און 50־קער יאָרן. אין דער זעלביקער צייט זענען אויך ארויפגעשוואומען אנדערע פּראָבלעמען בשייכות מיט דער גראדואירונג פון יענע סטודענטן אין סעמינאר, וואָס האָבן פאָרמעל פארענדיקט די 4־יאָריקע לערער לימודים. מיט־גלידער פון פאקולטעט, באזונדערס לייבוש לעהרער, נחום מינקאָוו, קאזשדאן און אנדערע האָבן געהאלטן, אז סטודענטן, וואָס האָבן פאָרמעל פארענדיקט די קורסן, דארפן קריגן א צייגעניש, אָבער נישט קיין לערער־דיפּלאָם, סיידן עס וועט פעסטגעשטעלט ווערן אז דער נוגע בדבר פארמאָגט ספּעציעלע לערערישע קוואליפיקאציעס אין באנעם מיט קינדער.

די פארטיידיקערס פון אזא שטעלונג האבן געהאלטן, אז א לערער אָן אזעלכע קוואליפיקאציעס איז עלול ארויסרופן נעגאַ־טיווע באציאונגען צו זיך און גלייכציי́טיק צו די ענינים, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר: יידישקייט, יידיש, העברעאיש, יידישע שולן, יידיש פאָלק.

ס'זיינען טאקע געווען פאלן, ווען מ'האָט אין דער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע באשלאָסן נישט צו גראַדואירן געוויסע יחידים, אָדער אפילו א גאנצן קלאס[39], נישט געקוקט דערויף, וואס די סטודענטן האָבן געהאט פארענדיקט אלע געפאָדערטע קורסן אין די פיר יאָר אָבער די האנדלונג מצד דעם סעמינאר האָט נישט געפירט צו קיין פארבאָט אז אזעלכע גראַדואנטן זאָלן נישט ווערן קיין לערער אין די שולן. בעת דעם אויפשוואונג פון די שולן [40] און א צייט דערנאָך האָט מען אין א סך פאלן נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, ספּעציעל אין קלענערע שולן און קליינע צענטערן, און אָנגענומען אפילו אזעלכע, וואָס האָבן נישט געקאָנט באווייזן, אז זיי פארמאָגן די הסכמה פון סעמינאר.

פונקט א היפּוכדיקע דערשיינונג האט זיך געשאַפן אין די שפּעטע 50־קער און 60־קער יאָרן. אויב מ'האָט זיך אין די 40־קער יאָרן געראַנגלט מיט דער קנאַפּער קענטעניש פון ענגליש און אמעריקאנער געשיכטע מצד א גרויסן טייל פון די סטודענטן אין סעמינאר, האָט מען אין די הויכע פּופּציקער און זעכציקער יאָרן אָנגעהויבן זאָרגן וועגן דער קנאַפּער קענטעניש פון יידיש און פון אלץ וואָס איז פארבונדן מיטן יידישן לשון. מען האָט אין געוויסע קלאסן פון פאלקס־אוניווערסיטעט געלייענט רעפעראַטן און לעקציעס אויף ענגליש, וואָס זיינען טיילווייז געפירט געוואָרן בשותפות מיטן "הרצל־אינסטיטוט" פון דער יידישער אגענטור, מיט דעם ענגליש־רעדנדיקן אָפּטייל פון "ארבעטער־רינג" און אנדערע. אָבער אויך אין סעמינאר גופא, ד.ה. אויף עטלעכע קורסן פאר לערער־קאנדידאטן האָט מען צוביסלעך און אומאָפיציעל טיילווייז זיך באנוצט מיט ענגליש.

די קענטשאפט פון יידיש איז אזוי שטארק געפאלן אין די זעכציקער יאָרן, אז דער לערער־ראט פון סעמינאר האָט נישט

---

39 אזוינס האָט טאקע פּאסירט אין לערניאָר 1944 און אין 1952.

40 ספּעציעל אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן.

געהאט קיין אנדערע ברירה און אויף זיין זיצונג דעם 6טן דעצעמ־בער 1962 באשלאָסן [41] אַז די סטודענטן וואָס קענען נישט ענטפערן אין יידיש אויף עקזאמען־פראגעס פון יידישער געשיכטע, מעגן דאָס טאָן אויף ענגליש.

דער דאָזיקער ענין האָט ארויסגערופן שטאַרקע וויכוחים אויף די זיצונגען פון דער פארוואלטונג און אויף די באמיאונגען מצד דעם דירעקטאָר גרשון וויינער, האָט מען באשלאָסן, אַז אָפיציעל ווערט ענגליש ווי א לימוד־שפראך נישט סאנקציאָנירט, אבער די מיטגלידער פון פאקולטעט און אלע סטודענטן זענען מחויב זיך צו באנוצן בלויז מיט יידיש אָדער העברעאיש אויף די קורסן.

כדאי צו באמערקן, אז שוין אין 1956 האָט דער פאקולטעט צוזא־מען מיט דער פארוואלטונג באטראכט די מעגלעכקייט, אז א צאָל קורסן פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראטור זאָלן גע־פירט ווערן אויף ענגליש, נעמענדיק אין באטראכט דעם פאקט, וואָס אין יענע לערניאָרן האָט זיך אין סעמינאר רעגיסטרירט א גרעסערע צאָל אמעריקאנער־געבוירענע סטודענטן אין פאלקס־אוניווערסיטעט.

דער אראָפּשטייג פון יידיש — בכתב און בעל פה, איז אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן געוואָרן אזוי ערנסט, אז ס׳איז נישט דורך קיין איין זיצונג פון פעדאגאָגן־ראט און פון דער פארוואלטונג, אויף וועלכער מ׳זאָל נישט פירן קיין ערנסטע וויכו־חים, וויאזוי צו פארבעסערן די לאגע. אויף איינער אזא זיצונג אין אָקטאָבער 1962 זענען קריטיקירט געווארן אייניקע פאקולטעט־מיטגלידער, וואָס האָבן פארביטן צו אָפט יידיש אויף ענגליש אין זייערע קלאסן.

נאָך אומצאָליקע וויכוחים און שמועסן, ווי אזוי צו פארבעסערן

41 זע פראָטאָקאָל פון דער זיצונג, וואָס געפינט זיך אין סעמינאר.

די מערכה פון יידיש אין די קלאסן און אין סעמינאר בכלל, האָט דער פעדאגאָגן־ראט אָנגענומען די ווייטערדיקע רעקאָמענדאציעס :

א) פארלאנגען פון די לערער זיך צו באנוצן מיט יידיש אין אלע פאלן וואו אזוינס איז מעגלעך ;

ב) איינפירן מחוץ דעם פראגראם אָפטע און ספעציעלע בעל־פה־דיסקוסיעס אין יידיש ;

ג) אָרגאניזירן דראמאטישע קרייזן אויף יידיש ;

ד) זיך באנוצן מיט אן עלעקטראָנישן רעפראָדוקציע־מאשין, דורך וועלכן די סטודענטן זאָלן קענען פראקטיצירן און פארבעסערן זייער יידיש־אויסשפראך ;

ה) סטימולירן סטודענטן צו רעדן יידיש אין די קלאסן און אין די קאָרידאָרן פון סעמינאר.

ק אַ פּ י ט ל ה

פינאַנציעלע שוועריקייטן

שוין פון סאמע אָנהייב אין 1918 האָט דער סעמינאַר געהאַט פינאַנציעלע שוועריקייטן. נישטאָ קיין אקאדעמישע אינסטיטוציע אין דער וועלט, וואָס קאָן זיך אויפהאלטן בלויז פון די דירעקטע הכנסות פון שכר־לימוד. ס׳רוב מוז מען אָנקומען צו יחידישער און געזעלשאפטלעכער הילף, וועלכע נעמט אָן פארשידענע פאָרמען: סטיפּענדיעס פאר סטודענטן און לערערס, ספּעציעלע פאָנדן פאר ספּעציעלע פאָרשונגען, מיט וועלכע די אקאדעמישע אינסטיטוציע פירט אָן, אויפהאלט־סטיפּענדיעס פאר נויט־באדערפטיקע סטו־דענטן,ביישטייערונגען פארן בנין־פאָנד און נייטיקע מכשירים, ביבליאָטעק און כלערליי אנדערע הצטרכותן, וואָס וואקסן אויס אין לעבן פון א לערן־אינסטיטוציע.

כאָטש דער סעמינאַר האָט אויך געליטן פון אנדערע שוועריקייטן אין יענע יאָרן, איז אָבער דער פינאַנציעלער עול תמיד געלעגן ווי א שטיין אויפן נאקן און נישט דערמעגלעכט דורכצופירן א גרויסע צאָל פּראָגראַמען, וואָס האָבן געצילט צו שטארקן דעם נאציאָנאלן המשך פון די יידן אין אמעריקע, ארייננברענגען קלאָרקייט אין די אנטשטאנענע פּראָבלעמען אויף דער יידישער גאס און צוגרייטן פאך־מענטשן פאר דעם יידיש־דערציערישן און קהלשן לעבן דאָ אין לאנד.

מען דארף קאָנסטאַנטירן, אז די ברייטע יידישע סביבה, דער עיקר די יידיש־וועלטלעכע סביבה, איז נישט אנטקעגן געקומען דעם סעמינאַר מיט דער נייטיקער פינאַנציעלער הילף פון סאמע

אָנהייב אָן. פארוואָס אזוינס איז געשען ביז העט אין די פופציקער יאָרן, איז נישט אזוי לייכט אצינד אויפצוקלערן. ס'איז אָבער א געשעענער פאקט, אז מ'האָט דורך די אלע יאָרן געשטיצט דעם סעמינאר מיט בידנע גראָשנס, אפילו נאָך שטארקע באמיאונגען, באזונדערס אין די רייען פון די פאלק שולן און אין די צווייגן פון דעם ״נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד״. און שפעטער אין ״ארבע־טער רינג״.

די אָרעמקייט וואָס האָט געדריקט אויף דעם סעמינאר ביז די פופציקער יאָרן האָט גורם געווען צו א באגרענעצטן פארנעם מצד די אדמיניסטראטאָרן פון סעמינאר. ס'איז ממש געוואָרן א סעמינאר־שטייגער צו לעבן יאָר־יערלעך מיט ריזיקע דעפיציטן, וואָס זיינען איבערגעגאנגען פון איין אדמיניסטראציע צו דער צווייטער. יואל ענטינס זאָגט, אז ״קבצנות האָט . . . נישט געשטערט דעם סדר הלימוד״ און אז קיינער פון די לערערס האָט אים (דעם סעמינאר) נישט פארלאָזן ״אפילו איבער טאָטאלער אָפּוועזנטקייט פון האָנאָראר״ [42], איז אין א גרויסער מאָס געווען אמת אין די ערשטע יאָרן פון סעמינארס טעטיקייטן, אָבער ווייט ניט אזוי נאָך די ערשטע 10—12 יאָר פון זיין עקזיסטענץ. צווישן די 30־קער און 50־קער יאָרן זיינען יאָ אוועק א צאָל לערער, עטלעכע סעקרעטארן, עטלעכע דירעקטאָרן, נישט אזוי צוליב די דעפיציטן גופא, ווי צוליב דעם, וואָס די דעפיציטן האָבן נישט געלאָזט האלטן הויך דעם קאָפּ און כסדר געבונדן די הענט פון די אדמיניסטראטאָרן.

ווי א קאָנקרעטער ביישפיל פון דער שוואכער פאראינטערע־סירונג מיטן פינאנציעלן מצב פון סעמינאר אין די ערשטע יאָרן קאָן דינען דער רעזולטאט פון דעם דרינגענדיקן רוף פון ״שולן־פארבאנד״ צו די יידן אין אמעריקע.

אין יענער צייט האָבן שוין איבערן לאַנד פונקציאָנירט צווישן 40—50 קינדערשולן. די ״פועלי־ציון״־פארטיי איז געווען א

42 זע ענטין: **געזאמלטע שריפטן**, באנד 1, ז. 239.

ווירקעוודיקער יש אין לאנד און אין קאנאדע. דער "נאציאָנאַלער ארבעטער פארבאנד" איז צווישן 1918—1920 שוין געווען פעסט אָרגאניזירט מיט צענדליקער צווייגן אומעטום אין לאנד. ס'איז אויך דעמאָלט געווען א הויכפונקט אין דער פארשפרייטונג פון דער יידישער טאג־פרעסע, פון יידישע זשורנאלן, און אין א גאנצער ריי קולטור־ און בילדונג־אינסטיטוציעס, ווי דער "שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט", א גרויסער בילדונגס אָפטיילונג ביים "ארבע־טער־רינג", א היפשע צאָל יידישע פארלאגן, פריוואטע און געזעל־שאפטלעכע. צו זיי אלע האָט דער "שולן־פארבאנד" ארויסגעלאָזט א רוף מ'זאָל קומען צו הילף דעם סעמינאר.

לויט א מעלדונג פון סעקרעטאר פון "שולן־פארבאנד", ש. שאפיראָ, וואָס האָט געפירט דעם פראָטאָקאָל־בוך פון שולן־פארבאנד, האָבן זיך אויף דעם רוף אָפגערופן פיר יידישע פאָלקשולן מיט פאלגנדע סומעס:

מילוואָקי	— 7.50 $
פאל־ריווער (מאס)	— 5.00 $
שיקאגאָ	— 3.00 $
באָסטאָן	— 3.00 $
ס"ה	18.50 $

אין זעלביקן באריכט דערציילט שאפיראָ, אז די הוצאות פאר דער צייט זיינען געווען:

געהאלט פארן סעקרעטאר פאר פיר וואָכן	— 20.00	דאָלאר
פאָסט הוצאות	— 2.08	"
ס"ה	22.08	"
איז געבליבן א דעפיציט פון	— 3.58	"

אזעלכע אָרעמאנסקע באריכטן געפינען זיך אין דעם דערמאָנטן פראָטאָקאָל־בוך א היפש ביסל.

אין די 50־קער יאָרן האָט די יידישע פרעסע אין ניו־יאָרק א סך געשריבן וועגן די פארזוכן, וואָס דער סעמינאר האָט געמאכט זיך צו פארוואנדלען אין א קאלעדזש. צו דעם האָט זיך געפאָדערט,

צווישן אנדערע צוגרייטונגען, באוויזן פאר די בילדונגס־רעגענטן פון שטאַט ניו־יאָרק, אז דער סעמינאר האָט א פארמעגן אין ווערט פון אַ האלבן מיליאָן דאָלאר. צווישן די, וואָס האָבן זייער ווארעם און זייער פריינטלעך געשריבן וועגן דער גרויסער דערציערישער נויטווענדיקייט ארויסצוהעלפן דעם סעמינאר, איז געווען דער חשובער מיטארבעטער פון **פאָרווערטס** — ברוך שעפנער.

א צייט נאָכדעם ווי שעפנערס ארטיקל איז דערשינען אין **פאָרווערטס** האט דער סעמינאר דערהאלטן א טשעק אויף 5 דאָלאר, וואָס א לייענער פון "פאָרווערטס", האָט צוגעשיקט אויף זיין אדרעס.

א סך לייענער וועט זיין זייער שווער צו פארשטיין, וויאזוי ס'איז מעגלעך געווען פאר די פירערס פון סעמינאר די ערשטע יאָרן אויס־צוקומען מיט א געפלאנטן בודזשעט פון 17 הונדערט דאָלאר פאר א גאנצן שוליאָר. און ס'איז טאקע שווער צו פארשטיין. אין 1918 איז אָפּגעדרוקט געוואָרן א בראָשורקע מיט באשרייבונגען פון די קורסן אין די ערשט צוויי יאָר, מיט א פרינציפּן־דערקלערונג און מיט א רשימה פון די פאקולטעט מיטגלידער, וועלכע על פי דער רשימה זיינען באשטאנען פון: יהודה קויפמאן, אלכסנדר הארקאַ־ווי, אב. קאספע, באנדאנעס, י. יאפע, ש. הירזשדאנסקי, יואל ענטין חיים שויס, י.ל. כהן, חיים ליבערמאן, י. לעווין, ל. לעהרער, א.ל. גאָלדמאַן, י. פּיראָזשניקאָוו, חיים זשיטלאָווסקי און נחמן סירקין. הגם אקטועל האָבן אָנגעפאנגען די לימודים בלויז דרייצן לערערס, בלייבט פונדעסטוועגן די קשיה — ווי אזוי איז מען אויסגעקומען צו צאָלן געהאלט ($ 2.50 פער לעקציע) דרייצן לערערס מיט א דירעקטאָר, וואָס האָבן אויסגעמאַכט צוזאמען א בודזשעט פון 1,700 דאָלאר?

דער ענטפער אויף דער קשיה איז פשוט — מ'האָט נישט געצאָלט. איינעם האָט מען פון לכתחילה נישט געדארפט צאָלן — וועגן אים (יודא יאפע) האָט מען געמאָלדן די מיטגלידער פון "שולן־פארבאנד", נאָך איידער דער סעמינאר האָט זיך געעפנט — אז ער קומט לערנען אָן האנאראר. ב.צ. גאָלדבערג האָט אויך נישט

באקומען קיין פרוטה א לענגערע צייט [43] און לייבוש לעהרערן האָט מען אויך נישט געצאָלט די $5.00, וואָס ס'איז אים געקומען וועכנטלעך. די מערסטע אנדערע מיטגלידער האָבן פארנומען אנדערע שטעלעס, געהאט אנדערע הכנסות און צוגעשטימט, אז מ'זאָל פריער פון אלעמען צאָלן קויפמאנען און חיים שויסן — מחמת זיי האָבן קיין אנדערע הכנסות נישט געהאט.

דאָס נישט צאָלן די לערער אין משך פון יאָרן איז געוואָרן לײדער א נארמאלע דערשיינונג און קיינער איז נישט איבערראשט געוואָרן, ווען ס'האָט זיך געטראָפן, אז די באנק האָט צוריקגעשיקט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אומבאצאָלט פינף־דאָלארדיקע טשעקן, מחמת דער סעמינאר האָט נישט געהאט אזא באלאנס.

פונוואנען האָט דער סעמינאר געשעפּט זיינע אויסקומענישן צו דעקן זיינע נאָרמאלע הוצאות, וואָס האָבן אויף דער שוועל פון 1970 דערגרייכט דעם ציפער פון א פערטל מיליאָן יערלעך? א קליינער טייל איז, פארשטייט זיך, געדעקט געוואָרן פון שכר־לימוד פון יענע סטודענטן, וואָס האָבן געצאלט. א גרויסער טייל פון די סטודענטן איז כמעט יאָר־יערלעך באפרייט געוואָרן פון שכר־לימוד. פארקערט, ווי שוין אָנגעוויזן פריער, מ'האָט זיי נאָך סובסידירט מיט ממשותדיקע סומעס.

א גאנץ באדייטנדיקע סומע געלט פלעגט יערלעך אריינקומען אין דער סעמינאר קאסע פון ספּעציעלע סטיפּענדיעס, וואָס יחידים און גרופּעס האָבן איינגעשטעלט אין סעמינאר. צענדליקער אזעלכע סובסידיעס און סטיפּענדיעס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן שוין גאנץ פרי אין דער געשיכטע פון סעמינאר און האָבן זיך פארגרערט ספּעציעל אין די 60־קער יאָרן. אין די באריכטן פון די אדמיניסטראטאָרן פון סעמינאר זיינען פארצייכנט היפּש אזעלכע, אחוץ פאר יענע יאָרן, וואָס זייערע ארכיוואלע דאָקומענטן זיינען פארלוירן געגאנגען.

---

43 לויט א בריוו צום מחבר.

אונז איז לעת עתה געלונגען אויפצושטעלן די ווייטערדיקע רשימה פון יערלעכע סובסידיעס און סטיפענדיעס, וואָס א גרויסער טייל פון זיי זיינען נאָך אצינד אקטיוו. די דאָזיקע פינאנציעלע הילף פאר דער סטודענטנשאפט האָט אָנגענומען פארשידענע פאָרמען און זיינען איינגעשטעלט געוואָרן מצד יחידים און אינסטיטוציעס, וואָס האָבן דורך די סובווענציעס געוואָלט שאפן אן אָנדענק נאָך א פארדינסטפולן יחיד, אָדער פאראייביקן א געוויסע אינסטי־טוציע, וואָס האָט געהאָלפן דעם סעמינאר בכלל, אָדער יחידים פון דער סטודענטנשאפט.

כאטש סובווענציעס פאר סטודענטן זיינען איינגעשטעלט געוואָרן אונטער פארשידענע פארמען, ווי פאר ספעציעל אויסצייכענען זיך אין א באשטימטן לימוד, מאכן מיר נישט אין דער דאָזיקער רשימה קיין באזונדערע קלאסיפיצירונג און נעמען ארונטער אלע סובווענ־ציעס, סטיפענדיעס און פריזן אונטער איין קעפל אין צוויי טיילן : אזעלכע, וואס זיינען אריינגעקומען אין סעמינאר פון יחידים און אזעלכע, וואס ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס האָבן אסיגנירט.

מיר טיילן פון די אלע אויס בלויז דעם פאנד, וואס די משפחה וואלעצקי האָט איינגעשטעלט אין סעמינאר פאר הלוואות צו סטו־דענטן אָן פראָצענטער, וואָס זיי זיינען זיך מתחייב אָפּצוצאָלן אין קליינע חודשלעכע ראטעס נאָך זייער גראדואירונג.

ווערטער אין קלאמערן ווייזן אָן ווער ס'האָט אוועקגעשטעלט די סובווענציע.

יערלעכע סובווענציעס צום סעמינאר מצד אָרגאניזאציעס

1. אטראן פונדאציע
2. מאיר בראון פונדאציע (פארבאנד)
3. ב. רימער פונדאציע
4. דער נאציאנאלער ארבעטער פארבאנד
5. דער ארבעטער־רינג
6. די פועלי־ציון פארטיי (אויפן נאמען פון חיים גרינבערג)
7. דער היימישער ווינקל

8. שלום עליכם פערעיאסלאוו געזעלשאפט פון פילאדעלפיע
9. בני ציון אָרדן
10. ציוניסטישע אָרגאניזאציע פון אמעריקע
11. דער יידישער ארבעטער קאָמיטעט
12. די פאראייניקטע יידישע געווערקשאפטן
13. פעדעראציעס אין פארשידענע שטעט איבערן לאנד

עטאבלירטע פאנדן און יערלעכע סובווענציעס צום סעמינאר
מצד יחידים *

1. ה. א. אבראמסאן
2. וואלטער און בעטי ארצט
3. יעקב בערג (משפחה)
4. ריימאנד באהר
5. פראפ. אלעקסאנדער בראָדי (צוואה)
6. יוסף בערמאן
7. סאלאמאן באָגאראד
8. הערי גילדין (משפחה)
9. לעאן גילדעסגיים
10. אברהם גודמאן
11. יעקב און ליבי גודמאן
12. טשארלס גוטווירט (משפחה)
13. אבנר גרינבערג (משפחה)
14. זלמן און סאָניע דינין
15. משה האָניגבוים (צוואה)
16. דוד ווערטהיים (פריינט)
17. משה וואלעצקי
18. שרה וואקס
19. יצחק און רייזל וויגאָדסקי (משפחה)
20. יהודה זעליטש
21. הרב טייכער (משפחה)
22. אלפרעד כהן
23. יואל ליליענפעלד (משפחה)

* ווערטער אין קלאמערן ווייזן אָן ווער ס'האט איינגעשטעלט די סובווענציע.

24. משה מענאכאָווסקי (פריינד און משפחה)
25. הערי מאַנדרי (משפחה)
26. ישראל מעץ (פאנד)
27. גאָלדע סאסען
28. אהרן סימיליס (משפחה)
29. אָסקאר סטוירמאן
30. זאב און מיני זאלצמאן
31. מאקס אפעל
32. הירש עהרענרייך (פריינד)
33. דניאל פערסקי (תלמידים)
34. חיים פאָמעראנץ (ד"ר ראטנער)
35. משה און שרה פרידמאן
36. איזידאר קאפלאן (צוואה)
37. האָריס מ. קאלען (פריינד)
38. מאקס און סיידי קריגער (צוואה)
39. יעקב קליין (משפחה)
40. טביה ראָזענשטיין
41. אברהם און שרה ראבינאָוויטש
42. משה און עמא שייוער
43. ארטור און איידא שעכטער
44. שטיינבערג־עסעלסאָן (משפחה און פריינד)
45. דר. חיים שאָשקעס (פרוי)
46. ישראל שטיינבוים (פריינד)

פאר די לעצטע יאָרן, ספּעציעל אונטער דער דירעקציע פון סעמינאר־דעקאן גרשון וויינער איז געלונגען אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס צו פאראינטערעסירן א צאָל צדקה־פעדע־ראציעס איבערן לאנד אין דער סעמינאר־טעטיקייט און צוטראָגן יערלעכע סובסידיעס. ביזן יאָר 1969 האָבן די ווייטערדיקע פעדע־ראציעס זיך באטייליקט מיט יערלעכע אַלאָקאַציעס :

ראטשעסטער, עזבורי פארק, טוסאן, גלאָווערוויל, סינסינאטי, אקראָן, גאלוועסטאן, דזשעקסאָנוויל, ניו־הייווען, טערענטאָן, פעטא־לומא, ברידזשפּאָרט, הארטפאָרד, מערידיען, וואָטערבערעי, וויל־מינגטאָן, מיאמי, פענסאקאָלא, אטלאנטע, סאוואנא, גערי,

לאפאיעט, סאוטבענד, פאַל־ריווער, וואוסטער, סט. פאול, אָמאהא, קעמדען, פאָרט אמבוי, טרענטאָן, אָלבאני, פאָקיפסי, סיראקיוז, טאָלעדאָ, אלענטאָן, פיטסבורג, פראָווידענס, טשאטאנוגא, נאקס־וויל, וואקאָ (טעקסעס), מילוואָקי, שאיען (ווייאָמינג).

ס'איז נייטיק פעסטצושטעלן, אז נישט געקוקט אויף די פינאנ־ציעלע שוועריקייטן און נישט געקוקט אויף די ריזיקע דעפיציטן, וואָס זיינען גרעסער געוואָרן פון יאָר צו יאָר — איז דער סעמינאר אנטקעגנגעקומען די אָרעמע אפליקאנטן נישט נאָר דערמיט, וואָס מ'האָט פארקוקט זייער נישט איינצאָלן די קליינע שכר־לימוד סומע, נאָר מ'האָט זיי נאָך געשטיצט מיט יערלעכע סובסידיעס און ספעציעלע סטיפענדיעס.

אין די 30־קער און 40־קער יאָרן האָט דער שכר־לימוד באטראָפן 50 דאָלאר א לערניאָר. ס'זיינען אָבער יענע יאָרן געווען אפלי־קאנטן, וואָס האָבן אליין די קליינע סומע נישט געקאָנט באצאָלן. איז לא די, וואָס מ'האָט זיי אָנגענומען אין סעמינאר אָן באצאָלטס, האָט מען זיי נאָך אין צוגאָב געשטיצט אין א סך פאלן מיט 25 און מער דאָלארן א וואָך [44], אויב זיי האָבן געהאט בדעה אויפצונעמען דעם גאנצן לערער־קורס אין סעמינאר.

אין די 60־קער יאָרן זיינען יערלעכע סטיפענדיעס דערגאנגען אזוי הויך ווי 1500 דאָלאר. ס'זיינען אין אזעלכע פאלן געשטעלט געוואָרן א ריי תנאים דעם סטודענט, וואָס ער האָט געמוזט נאָכ־קומען. צווישן די תנאים איז געווען א געשריבענע התחייבות מצד דעם סטודענט, וואָס האָט זיך געלייענט אזוי: „איך באשטעטיק מיין התחייבות צו זיין א לערער אין יידישע שולן לכל הפחות צוויי יאָר נאָך דעם, ווי איך וועל פארענדיקן דעם לערער־קורס אין יידישן לערער־סעמינאר און באקומען מיין דיפלאָם.

אין פאל איך וועל מיין התחייבות נישט אויספירן, פארפליכט איך זיך צוריקצוגעבן די סטיפענדיע, וואָס איך האָב אין סעמינאר באקומען".

44 זע: **קעמפער** פון סעפ. 7, 1945.

ס׳איז בלי־ספק, אז געהאָלפן דעם סעמינאר ארויסצוקריכן פון דער שווערער פינאנציעלער לאגע האָט דער דירעקטאָר פיליפ פרידמאן, וואָס האָט מיט זיינע ארטיקלען און עפנטלעכע פאָר־טראגן באוויזן אוועקצושטעלן דעם סעמינאר און זיינע דערגריי־כונגען אויפן סדר־היום פון א גאנצער ריי אינסטיטוציעס און די ערשטע יאָרן פון די פופציקער. א ריזיקן פארשריט אין הינזיכט פון געזעלשאפטלעכער פיסקאלער אחריות מצד אינסטיטוציעס און יחידים פארן סעמינאר האָט דערגרייכט גרשון וויינער, וואָס האָט איבערגענומען די דירעקציע פון סעמינאר אָנהייב די זעכציקער יאָרן.

פון א יערלעכן בודזשעט פון 1,700 דאָלאר, וואָס יואל ענטין האָט פאָרויסגעזען אין 1918, איז דער סעמינאר אין די זעכציקער יאָרן דערגאנגען צו א בודזשעט וואָס האָט באטראָפן איבער 250,000 דאָלאר.

קאַפּיטל ו

השפּעה פון סעמינאַר

ווען מען וויל אונטערפירן א סך־הכל איבער די אויפטוען פון סעמינאַר אין דער ברייטער יידישער סביבה אין לאַנד קאָן מען נישט פארקוקן דעם פאַקט, אַז כאָטש דער סעמינאַר איז געווען דער עיקר א בילדונג־אינסטיטוציע, וואָס באַדינט די שטאָט ניו־יאָרק און איר סביבה, האָט זיך זיין השפּעה דירעקט און אומדירעקט אויסגעשפּרייט אויף ברייטערע סביבות דאָ אין לאַנד און אין קאַנאַדע.

דאָ קומען אין דער ערשטער ריי אין באַטראַכט די גרופּעס, וואָס דער סעמינאַר האָט אָרגאַניזירט אין א סך שטעט אין לאַנד מיט דער כוונה צו שאַפן פינאַנציעלע הילף, וואָס האָבן זיך אָבער דירעקט און אומדירעקט פאַרנומען מיט קולטור־אַרבעט. ס'איז שווער צו געפינען א חשובן יידישן צענטער אין אַמעריקע, וואָס איז נישט באַזוכט געוואָרן פון סעמינאַר־פאָרשטייערס און וואָס האָבן ביי פאַסיקע געלעגנהייטן פאָרגעלייענט לעקציעס איבער יידישע טעמעס. די דאָזיקע גרופּעס האָבן במשך פון יאָרן אויסגעהערט לעקציעס איבער לויפיקע פּראָבלעמען, געשיכטע פון יידיש, מדינת־ישראל, יידישע שרייבער אין דער וועלט ליטעראַטור, יידישע דענקער, יידן אין אַמעריקע, העברעאישע ליטעראַטור, פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור, פּראָבלעמען פון יידישער דערציאונג און ענלעכע טעמעס [45].

45 לויט די נאָטיצן, וואָס מ'האָט פאַרעפנטלעכט אין דער יידישער פּרעסע און רעקלאַמירט אין די געגעבענע צענטערן און אין **אידישן קעמפּער**.

אין דער צווייטער ריי קומען אין באטראכט די גראדואנטן פון די לערער־קורסן אין סעמינאר און די שטענדיקע באזוכערס אין פאָלקס־אוניווערסיטעט, וואו זיי האָבן זיך גאנץ טעטיק פארנומען מיט ציקלען לעקציעס אין משך פון יאָרן. דאָס האָט זיי געהאָלפן אקטיוו אריינטרעטן ווי מדריכים אין פארשידענע צווייגן פון יידיש־קולטורעלער טעטיקייט אין לאנד.

א סך פון די באזוכערס אין פאָלקס־אוניווערסיטעט זיינען געקו־מען הערן תורה לשמה פאר זיך גופא, און דערביי געשטארקט זייער ווארעמע באציאונג צו יידיש־קולטורעלע טעטיקייטן פון אלע מינים. אנדערע זיינען פון פאָלקס־אוניווערסיטעט אריבער אין די קינדערשולן און געוואָרן מיטארבעטערס אין די פארוואלטונגען.

פון די, וואָס האָבן גראדואירט פון סעמינאר ווי לערער, איז א שיינע צאָל נישט בלויז געוואָרן לערער אין די יידישע־וועלטלעכע שולן, אין העברעאישע שולן און אין תלמוד־תורהס. א סך פון די גראדואנטן זיינען מיט דער צייט געוואָרן אָנגעזעענע און חשובע פערזענלעכקייטן מיט א היבן סטאזש אין פערזענלעכע און געזעלשאפטלעכע דערגרייכונגען. אנדערע זיינען געשטיגן און זיך געשטעלט אין שפיץ פון דערציערישע, געזעלשאפטלעכע און ביל־דונגס אינסטיטוציעס.

ס׳איז דעריבער טאקע וויכטיק אויסרעכענען כאָטש א טייל פון יענע סעמינאר־גראדואנטן, וואָס זיינען עולה יפה געווען און זייערע דערגרייכונגען מעגן צוגעשריבן ווערן צו די אויפטועך פון דער לערן־אינסטיטוציע [46].

1. **לעאָן בּאָראָוויק** — פארדינסטפולער לערער און שפעטער א מיטגליד פון סעמינאר פאקולטעט.

46 זע: דב וויינריב — "בית המדרש היהודי למורים" אין **ספר היובל של אגודת המורים בניו־יורק**, תש"ד.

2. **גדליה ברעסלער** — איינער פון די דערפאָלגרייכסטע לערערס און דערציערישער מדריך משך לאנגע יאָרן אין פילאדעלפיע. א גרופע תלמידים זיינע האָבן משך יאָרן אויסגעטיילט א ברעסלער־מעדאל פאר דעם בעסטן תלמיד אין די שולן.
3. **שואל גוטמאן** — לאנג־יאָריקער דירעקטאָר פון שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט, שריפטשטעלער און מיטגליד פון פאקולטעט פון לערער סעמינאר.
4. **שאול הורוויץ** — לאנג־יאָריקער סעקרעטאר פון די ארבעטער־רינג שולן אין ניו־יאָרק און אקטיווער שול־טוער.
5. **פישל הערשטיין** — לאנג־יאָריקער לערער און שול־דירעקטאָר, באוואוסטער דרוקער־קאנסולטאנט, מיטארבעטער אין **אידישן קעמפער** און אנדערע זשורנאלן.
6. **ראָזאלין היבנער** — דערציאונגס־קאָנסולטאנט אין גרעץ־קאלעדזש.
7. **אברהם קארפינוס** — לערער און שריפטשטעלער.
8. **סענדער ווייסמאן** — לאנג־יאָריקער לערער אין וועלטלעכן שולוועזן און יידיש־אינסטרוקטאָר אין קאלעדזשעס אין שטאט אָהאיאָ.
9. **שרה ליבערט** — לערערין און מחבר פון יידישע טעקסטן, חשובע מיטארבעטערין אין פארשידענע פרויען געזעלשאפטן.
10. **יעקב לעוויץ** — דיפלאָמירטער לערער, שריפטשטעלער, מיטגליד פון סעמינאר פאקולטעט און איר ביבליאָטעקאר.
11. **ס. ליפצין** — לאנג־יאָריקער מיטארבעטער אין יידישע צייטונגען.
12. **שמואל לאפין** — לערער, שרייבער און עקזעקוטיוו־סעקרעטאר פון ייוואָ.
13. **לייבוש לענסקי** — טעאטראל, מיטארבעטער פון גרויסן ווערטערבוך פון דער יידישער שפראך.
14. **יוסף מלאָטעק** — לערער, שריפטשטעלער, בילדונגס־דירעקטאָר פון ארבעטער־רינג.
15. **י. מאגידאָוו** — אָנגעזעענער לערער אין די שלום עליכם שולן, שריפטשטעלער, ראדיאָ קאָמענטאטאָר.
16. **שאול מאלץ** — לערער, שריפטשטעלער, מיטארבעטער אין בילדונגס קאָמיטעט פון ארבעטער־רינג.

17. **ישעיה מאלאָוו** — פראָפעסאר פון פיזיק אין נאָרט־וועסטערן אוניווערסיטעט און אקטיוויסט אין יידישע ענינים אין סטו־דענטן־קרייזן.
18. **אנא סינטאָוו** — לערערין, לאנג־יאָריקע ביבליאָטעקארין ביי דער יידישער פעדעראציע אין מיאמי, פלאָרידא, און אין סעמינאר.
19. **חיים פרוס** — לאנג יאָריקער לערער, תנ״ך קענער, מיטארבע־טער פון גרויסן **ווערטערבוך פון דער יידישער שפראך** און פון **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**.

זינט דעם אויפשטעל פון דער גראדואיר־שול ביים סעמינאר אין די זעכציקער יאָרן האָבן 18 סטודענטן גראדואירט מיט דאָק־טראטן * (מיר פארצייכענען דערביי די דיסערטאציעס).

1. טשארלס ג. אייגען
   ״דער צוגאנג צו העברעאיש אין רעפארם־יידנטום״ (ענגליש)
2. ראובן לאקענס
   ״יידישע דערציערישע זומער־קעמפס אין אמעריקע״ (ענגליש)
3. חיים יהושע מעסקין
   ״יידיש לעבן אין מזרח־גאליציע אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט״ (ענגליש)
4. מרים רייטער־צדק
   ״די השפעה פון קינדער־ליטעראטור אויף דער אנטוויקלונג פון דער פערזענלעכקייט פון קינד״ (העברעאיש)
5. יעקב ראָזען
   ״פון חסידיזם אין יידישער ליטעראטור״ (יידיש)
6. ישעיה טרונק
   ״דאס לעבן אין געטא אונטערן נאצי־רעזשים״ (יידיש)
7. יוסף בר־אל
   ״דער יידישער בריוונשטעלער פון 18־טן ביז 20־סטן יאָרהונדערט״ (יידיש)
8. פיליפ לאזאווסקי
   ״די פונקציע פון תפילה אין א מיטלמעסיקער אמעריקאנער יידישער קהילה״ (ענגליש)

---

* די רשימה איז דערגאנצט ביזן יאָר 1977.

9. אלי ה. באום
״די געשיכטע און אנטוויקלונג פון די ארטאדאק־
סישע תלמוד־תורה׳ס אין ניו־יארק״ (ענגליש)
10. ראָבערט א. בלאו
״דינא דמלכותא דינא״ (ענגליש)
11. משה כהן
״דער חורבן־מאטיוו אין מאדערנער העברעאישער
דיכטונג״ (העברעאיש)
12. ישעיה ראקאָווסקי
״דער נאציאנאלער געדאנק אין יהודה הלוי״ (ענגליש)
13. היימאן קיש
״דער סאסוא־ישוב פון צענטראל־אייראפע אין
דער דאמיניקאנער רעפובליק״ (ענגליש)
14. סידני לאמפנער
״ר׳ נחמן בראצלעווער״ (ענגליש)
15. שמואל פולטוסקער
״אינדיאנער און נעגער אין אמעריקאנער
העברעאישער פאעזיע״ (העברעאיש)
16. הארי פראָם
״עטישע ווערטן ביי מיטלשול־יוגנט און די השפעה
פון רעליגיעזער דערציאונג״ (ענגליש)
17. סאָל פיינמאן
״מענדעלע׳ס פישקע דער קרומער, אין יידיש און
העברעאיש״ (יידיש)
18. ערווין ק. באָטווייניק
״אשכול הכופר אויפן פינפטן געבאט״ (ענגליש)

דאס זענען באשיינפערלעכע וויכטיקע אויפטוען פון דער אינטי־טוציע סיי לפנים, סיי פאר דער וועלט — א מין חשבון, וואס דער־ציילט אונדז, צי די באמיאונגען, וואָס מ׳האָט אָנגעווענדט אין דער ארבעט, האבן דערגרייכט די געזוכטע צילן.

כדי צו באקומען א באגריף, וואס די יאָרן אין סעמינאר האבן געמיינט פאר אזויפיל סטודענטן און לערער, און וואס די דערגריי־

כונגען מיינען פאר א גרויסער צאל, וואס זענען מיטן סעמינאר געווען פארבונדן — לאמיר ברענגען דאס עדות־זאגן פון א קליי־נער, אבער העכסט רעפרעזענטאטיווער גרופע.

שרייבט איינער :

״כ׳האב זיך דערמאָנט אין יידישן לערער־סעמינאר האָט מיר א טיאָכקע געטאָן אין הארץ. דער יידישער לערער־סעמינאר, וואָס האָט פאר מיר געמיינט אזויפיל אין מיין לעבן. ניין, ניט בלויז פאר מיר אליין, נאר פאר אלע מיינע חברים איז דאס געווען די שענסטע און אינטערעסאנטסטע יאָרן אין אונדזער לעבן. אזא טעם, ווי מ׳האט געפילט ביי די לעקציעס — אזא טעם האט מען געקענט פילן בלויז אינעם יידישן לערער־סעמינאר״ [47].

שרייבט א צווייטער :

״אין יידישן לערער־סעמינאר בין איך אנגעקומען על פי צופאל. די יידישע דערציאונג, וואס איך האב באקומען אין סעמינאר וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן . . . גיין אין סעמינאר איז אן איבער־לעבונג, וואס האט מיר געוויזן א דרך אין לעבן״ [48].

שרייבט א דריטער גראדואנט, אצינד א שריפטשטעלער :

״איך האָב געלערנט אין סעמינאר אין די ערגסטע יאָרן פון דער גרויסער עקאָנאָמישער דעפרעסיע (1936). מיר האָבן דעמאָלט געהאט 200 סטודענטן, פון וועלכע א גרויסער פראָצענט האָט ניט געהאט אויף צו צאָלן שכר־לימוד. ס׳איז געווען א טעגלעכער געראנגל פון סאמע עקזיסטענץ. דאָך איז די שטימונג געווען א געהויבענע, מ׳האָט געשמאק געלערנט, די באציאונג צווישן סטו־דענט און לערער איז געווען א נאָענטע, א היימישע, ווי עלטערן און קינדער״ [49].

שרייבט דער גראדואנט פישל הערשטיין : ״אין 1921 בין איך

---

47 פון א בריוו פון גראדואנט שאול אלטמאן, וווינט אצינד אין פאנאמא.

48 משה וויינטרויב, גראדואנט, 1964.

49 דער גראדואנט משה פרענק, מיטארבעטער פון **פארווערטס** און אנדערע צייטונגען.

אריין אין יידישן לערער סעמינאר. איך בין גלייך באגייסטערט געוואָרן סיי פון די לימודים, יידישע און אלגעמיינע, סיי פון דער ערנסטער תורה־אטמאָספער צווישן די לערער און די סטודענטן. ווען איך בין מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן א סטודענט אין דראפּסי, אין קאָלאָמביא, האָב איך אין ערגעץ ניט באמערקט אזא אידעאַליסטישע באציאונג צו תורה־לשמה, ווי ביי די לערער אין יידישן לערער־סעמינאר״ [50].

שרייבט א סטודענט אין דער סעמינאר־פּובליקאציע **דער סעמינאריסט** [51]: ״ביז מיט דריי יאָר צוריק האָב איך אין גאנצן נישט געהאט געהערט פון יידישן לערער־סעמינאר און פאָלקס־אוניווערסיטעט, איך בין נישט געווען באקאנט מיט דער גרויסער ארבעט, וואָס דער סעמינאר טוט פאר דעם יונגן אמעריקאנער יידישן דור און פאר דערוואקסענע יידן, וואָס ווילן ממשיך זיין זייערע יידישע אינטערעסן... איצט, מיט צוויי און א האלב יאָר שפּעטער איז דער נאָמען פון סעמינאר אן אומפּארגעסלעך וואָרט אין מיין ווערטער־אוצר, א וואָרט, וואָס וועט מיך תמיד דערמאָנען אָן א וואונדערלעכער אינסטיטוציע, וואָס איז ממשיך די דרכים פון דער יידישער טראדיציע און קולטור״.

דער דאָזיקער עפּעס, דער נישט אָנטאפּעוודיקער יש, וואָס האָט דערוואָרעמט די הערצער פון די סטודענטן לגבי דעם סעמינאר, האָט אויך געווירקט אויף די מערסטע לערערס אין פאקולטעט, וואָס האָבן דעם סעמינאר געדינט בלב ובנפש, כאָטש צייטנווייז האָבן געוויסע פאקולטעט־מיטגלידער איבערגעלעבט מאמענטן פון כעס און פון ביטול, זיינען דאָס געווען פארביילויפּנדיקע מאָמענטן. דאקעגן איז א פאקט, אז די גרעסטע צאָל פאקולטעט מיטגלידער, ווי שויס, לעהרער, גינגאָלד, ענטין, פרידמאן, מינקאָוו און א סך אנדערע — זיינען א גאנץ לעבן־לאנג געווען צוגעבונדן צו

50 אין **דאָס נייע וואָרט**, סעפּ. 1970.

51 משה וויינטרויב אין **סעמינאריסט** פון יאָר 1964.

דער אינסטיטוציע און מיט אלע כוחות זיך באמיט זי צו דערהאלטן און דערהייבן.

און אזוינס איז אמת נישט בלויז וועגן די לערער פון די דרייסי־קער, פערציקער און פופציקער יאָרן, נאָר וועגן די מערסטע לערער דורך אלע פופציק יאָר פון זיין עקזיסטענץ.

איינער פון די שפּעטערדיקע אינסטרוקטארן, און וואָס האָט אויך געדינט ווי דער דירעקטאָר, דער מנהל פון סעמינאר, דר. דב וויינריב, דריקט מן־הסתם אויס די אָפּשאצונג פון סעמינאר פון א סך אנדערע, ווען ער שרייבט [52] : ״הסמנריון היהודי למורים הנה המוסד הגבוה היחידי באמריקה שיש בו מקום לשתי השפות; עברית ואידיש. גם העובדה שאין המוסד משעובד לדת, אם כי אין בו התנגדות לדת, ויש למצוא בו יחס של כבוד לערכים דתיים עושה אותן ליחיד במינו בארץ זו, שעל כל החינוך העברי טבוע חותם דת״.

אין דעם דאָזיקן זין שרייבט א גראַדואנט פון סעמינאר און א לאנגיאָריקער מיטגליד פון סעמינאר־פאקולטעט שואל גוטמאן [53] : ״די דאָזיקע לערער זיינען נישט אלעמאָל געווען געשולטע פּעדאַ־גאָגן, אָבער וואָס עס האָט זיי געפעלט אין אויסשולונג האָבן זיי דערגאנצט מיט ליבשאפט, מיט אידעאליזם״.

אוודאי זיינען אויך געווען, ווי ס׳מוז זיין, שאָטנדיקע זייטן און נישט צופרידנשטעלנדיקע פאסירונגען, וואָס האָבן ארויסגערופן

---

52 זע: **תולדות החינוך היהודי בארצות הברית** (צבי שארפשטיין, עורך). איבערזעצונג פון ציטאט פון ד״ר דב וויינריב: דער יידישער סעמינאר פאר לערער איז דער איינציקער הויכער אנשטאלט אין אמעריקע, אין וועלכן עס איז פאראן אן ארט פארביידע שפראכן — העברעאיש און יידיש. אויך דער פאקט, וואָס דער אנשטאלט איז נישט אונטערגעאָרדנט דער רעליגיע — כאָטש ער איז איר נישט קעגן — און ער האָט א באציאונג פון אכטונג צו רעליגיעזע ווערטן, איז גורם, אז ער איז איין־און־איינציקער פון זיין מין אין דעם לאנד, אין וועלכן אויף דער גאנצער יידישער דערציאונג ליגט דער חותם פון רעליגיע.

53 **דער דרך פון שלום עליכם אינסטיטוט**, ז. 48.

נעגאטיווע באציאונגען נישט אזוי צום סעמינאר גופא, ווי בכלל צו דער יידישער סביבה אין לאנד. דערויף האָט זיך ערנסט אָפּגע־שטעלט דער יידישער געלערנטער און מיטארבעטער פון "פאָר־ווערטס", אברהם מענעס, ווען ער האָט אין דער צייטונג געשריבן: "פון איין זייט איז דער לערער־סעמינאר אן אויסגעצייכנטער ביישפיל, ווי א קליינע צאָל איבערגעגעבענע פריינד און עקשנים קאָנען אין לויף פון יאָרן אויפהאלטן א וויכטיקע קולטור־אינסטי־טוציע, פון דער אנדערע זייט, אָבער, איז דער לערער־סעמינאר א ביישפיל פון דער גייסטיקער און מאָראלישער אָרעמקייט פון אונדזער יידישיסטישער וועלט"[54].

עדות פון דער טיפער עמאָציאָנעלער איבערגעגעבנקייט צום סעמינאר זיינען די פילצאָליקע לערער, וואָס זענען יאָרן געשטאנען אויף זייערע פאָסטנס, נישט געקוקט אויף דער גרויסער אָרעמקייט, וואָס האָט ארומגענומען אלץ און אלעמען אין די יאָרן. צום טייל ווייזט אָן דערויף יואל ענטין[55] ווען ער שרייבט: "ווי האָט דער סעמינאר געקראָגן זיינע געלטלעכע אויסקומענישן?... גענוג וועט זיין צו זאָגן, אז די גאנצע נויט, קבצנות... האָבן קיינמאָל זייער ערנסט ניט געשטערט דעם סדר הלימוד". ער ווייזט ווייטער אָן, אז ס'האָט ממש קיינמאָל[56] נישט פאסירט, אז לערער זאָלן פארלאָזן דעם סעמינאר מחמת מ'האָט זיי נישט אויסגעצאָלט די אָרעמע שכירות, וואָס ס'איז זיי געקומען. דער שרייבער פון די שורות איז אן עדות דערפון. ס'איז א פאקט, וואָס מען קאָן נישט פארניינען, אז אין די ערשטע דרייסיק יאָר פון טעטיקייט, ד.ה. דורך די צוואנציקער, דרייסיקער און פערציקער יאָרן, האָט מען די מערסטע לערער נישט אויסגעצאָלט אפילו א העלפט, וואָס זיי איז געקומען, און די שכירות האָבן אין משך פון לאנגע יאָרן באטראָפן 2.50 $ פער לעקציע.

---

54 **פאָרווערטס**, יאנואר 12, 1958.

55 יואל ענטין, **געזאמלטע שריפטן**, ז. 238—239.

56 נישט אינגאנצן פינקטלעך.

דער דאַזיקער ענין, געהאלט פאר די לערער, האָט פארנומען דעם אויבנאָן אין די בעראטונגען, וואָס דער פאקולטעט האָט צונויפגערופן פון צייט צו צייט. אין די פערציקער יאָרן [57] האָבן א גרופע לערער [58] צוגעשטעלט א דרינגענדע בקשה צו דער פארוואלטונג, אין וועלכער זיי בעטן אין נאָמען פון דעם גאנצן פאקולטעט, אז מ׳זאָל זיך פארזיכטיקער באנעמען מיט די לערערישע שכירות און אָנגעוויזן, אז מ׳האָט שוין זעקס וואָכן קיין שכירות נישט געצאָלט. אין מאי פון זעלבן יאָר האָבן די זעלביקע לערערס אנגעשריבן א בריוו, דאָס מאָל אויך מיט דער אונטערשריפט פון חיים שויס, אין וועלכן זיי פּראָטעסטירן הלמאי מ׳האָט זיי נישט געענטפערט אויף דעם בריוו פון פעברואר און זיי געבן דער פארוואלטונג עטלעכע וואָכן צייט צו נעמען א שטעלונג. מיט א יאָר שפּעטער פאָדערן די זעלביקע לערער מ׳זאָל העכערן זייערע געהאלטן. וואָס האָט די פארוואלטונג נעבעך געקאָנט טאָן? זי האָט נישט געענטפערט נישט אויפן ערשטן פּראָטעסט און נישט אויף דער צווייטער פאָדערונג — מ׳האָט געצאָלט, ווען און וויפל מ׳האָט געקאָנט.

אזעלכע בקשות און אזעלכע פאָדערונגען האָבן לערער ארויסגעשטעלט נישט איין מאָל, נאָר א סך מאָל. אָבער דער אינטערעסאנטסטער מאָמענט פאר דער באציאונג צום סעמינאר איז דער פאקט, וואָס די גרעסטע צאָל לערער, ווי יחידים, צי ווי אן אָרגאניזירטע גרופע, האָבן דעם סעמינאר נישט פארלאָזט צוליב קנאפּער צאָלונג, אָדער נישט צאָלונג.

עפּעס גאָר חשובס דערציילט אונדז דער דאָזיקער פארזוך מצד דער וועלטלעכער יידישקייט אין אמעריקע אויפצושטעלן לערערן־אינסטיטוציעס פאר עלעמענטארער, מיטעלער און העכערער יידישער דערציאונג.

---

57 אין פעברואר 1947.

58 ש. בערנהאָלץ און נ. מינקאָוו.

קאַפּיטל ז

די באַציאונג צום סעמינאַר

אויב דאָס האַרץ קווועלט אויף, ווען מ׳לייענט וועגן די אָפּרופן און די רעאַקציעס פון די סטודענטן און די לערערס, איז שווער אויס־צומיידן אַ געפיל פון פאַרביטערונג לגבי היפשע צאָלן פאַרשער און לערער מחוץ דעם סעקולערן יידישן סעקטאָר, וואָס האָבן דורך די אַלע יאָרן דעם סעמינאַר פאַרשוויגן אין אַלע זייערע פאָרש־אַרבעטן, אַזוי ווי די דאָזיקע לערן־אינסטיטוציע וואָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין משולחת, וואָס מ׳טאָר איר נאָמען אויף די ליפּן נישט ברענגען.

די דאָזיקע אומפאַרשטענדלעכע דערשיינונג שטאַרצט בולט אַרויס, ווען מ׳נעמט זוכן, ספּעציעל אין דער יידיש־ענגלישער דער־ציאונגס־ליטעראַטור רעפערענצן און דאַטעס, וואָס האָבן אַ שייכות מיט די יידישע לערער־סעמינאַרן מכל המינים.

מיר וועלן דאָ ברענגען בלויז אַ צאָל ביישפּילן וועגן פולשטענדיק און בכיוונדיק איגנאָרירן דעם יידישן לערער־סעמינאַר און אַרויס־שטעלן פּעלערהאַפטיקע פּרטים ווי דאָס וואָלט געווען די עיקר אויפגאַבע פון די שרייבער און באַריכט־אָפּגעבער.

איך האָב אַדורכגעבלעטערט אַ צאָל געשיכטעס פון יידישער דער־ציאונג אין אַמעריקע, פּובליקירט אין משך פון אַ סך יאָרן אין זשורנאַלן און דער עיקר אין ענציקלאָפּעדיעס, געניסטערט, געבלע־טערט און געזוכט אַ וואָרט כאָטש, אַז יידן אין אַמעריקע האַלטן אויס אַזעלכע אַקאַדעמישע דערציאונגס־אינסטיטוציעס אויף יידיש. אין געוויסע אַזעלכע אַרבעטן, אין וועלכע די אַקאַדעמישע

אינסטיטוציעס ווערן פארבייגייענדיק דערמאָנט, זיינען שווארץ אויף ווייס אָפּגעדרוקט טעותן, וואָס נעמען זיך פשוט פון אומוויסן. לאָמיר אָנווייזן אויף עטלעכע אזעלכע ווערק:

א) **די אוניווערסאלע יידישע ענציקלאָפּעדיע** [59] דרוקט א גרעסערע ארבעט איבער יידישער דערציאונג אין אמעריקע. דער מחבר פון דער ארבעט איז פּראָפעסאָר לעאָן האָנאָר [60]. האָנאָר רעכנט דאָרטן אויס אלע יידישע שולונג־סעמינארן אין לאנד, אָבער א וואָרט נישט וועגן יידישן לערער־סעמינאר.

ב) דער זעלביקער לעאָן האָנאָר איז אויך דער מחבר פון א גרעסערער ארבעט איבער דער געשיכטע פון יידישער דערציאונג אין אמעריקע געדרוקט אין צווייטן באנד פון דער ענגלישער אויפלאגע פון די בענדער **יידן** [61], וואָס דער ציקאָ־פארלאג האָט ארויסגעגעבן. אין אָט דער ענגלישער אויפלאגע רעדט האָנאָר גאנץ ברייט ארום אלע דערציאונג־אינסטיטוציעס, וואָס יידן אין אמעריקע האָבן אויפגעשטעלט זינט דעם סוף 19־טן און דורך דעם 20־סטן יאָרהונדערט. האָנאָר רעדט דאָרטן וועגן גרעץ־קאלעדזש, וועגן לערער־אינסטיטוט ביים טעאָלאָגישן סעמינאר, וועגן מזרחי לערן־אינסטיטוט, וועגן העברעאישע לערער־אינסטיטוטן אין באָסטאָן, באלטימאָר, שיקאגאָ, קליוולאנד, און פּיטסבורג, וועגן הרצליה־

59 די דאָזיקע Universal Jewish Encyclopedia דריקט א היפּש ביסל ארבעטן וועגן יידישער דערציאונג אין אמעריקע. צווישן די ארטיקלען געפינט זיך א גרעסערע ארבעט פון שרה דאַף (Sarah Duff), אין וועלכע זי רעדט ארום דעם אויפשטייג פון העכערע בילדונגס אינסטיטוציעס און לערער־סעמינארן מכל המינים אין די פאראייניקטע שטאטן. אין איר לענגערער ארבעט דערמאנט זי אפילו נישט מיט קיין וואָרט דעם יידיש־וועלטלעכן שולוועזן און פארשווייגט אינגאנצן דעם לערער־סעמינאר. (זע: באנד דריי, זייט 630).
אויך הרב יוסף לוקשטיין, אין דער דאָזיקע ענציקלאָפּעדיע, (באנד 10, ז. 186), באגייט עוולות לגבי דעם יידיש־וועלטלעכן שולוועזן און דעם יידישן לערער סעמינאר. ער דערציילט אין זיין ארבעט, אז דער סעמינאר איז א לערער־אינסטיטוט פון די יידישיסטן און דער סעמינאר איז א טייל פון פאָלקס־אוניווערסיטעט.

60 פּראָפ. פון דערציאונג אין דראָפּסי קאלעדזש.

61 ארויסגעגעבן פון ציקאָ, 1948.

סעמינאר (וואָס האָט אין 1967 זיך פאראייניקט מיטן יידישן לערער סעמינאר) — אָבער איר וועט אין דער געשיכטע נישט געפינען א וואָרט וועגן יידישן לערער־סעמינאר [62].

אינטערעסאנט איז דער פאקט, אז אויף די שער־בלעטער פון דעם באנד **יידן** (אויף ענגליש) פיגורירן, ווי די רעדאקטאָרן: בן־אדיר, אהרן שטיינבערג, אברהם מענעס, יעקב לעשצינסקי און עטלעכע אנדערע. איז צו בן אדירן און שטיינבערגן קאָן מען קיין צו שטארקע טענות נישט האָבן פאר די בלויזן וואָס זיי האָבן ווי רעדאקטאָרן, דורכגעלאָזט. אָבער ווי קען מען אזוינס פארשטיין אין שייכות מיט לעשצינסקי און מענעסן — ביידע זיינען דאָך געווען לערער אין סעמינאר!

ג) דר. יוסף קאמענעצקי איז דער מחבר פון א גרויסער ארבעט איבער דער געשיכטע פון יידישער דערציאונג אין אמעריקע, געדרוקט אין א נייער ענציקלאָפעדיע [63] פון דערציאונג, וואָס איז דערשינען אין 1971. קאמענעצקי רעכנט אויס און באשרייבט א צאָל יידישע סעמינארן פאר יידישע לערער, דערמאָנט אָבער נישט דעם יידישן לערער־סעמינאר.

אין דער זעלביקער ארבעט דערציילט קאמענעצקי וועגן דעם **דיאלעקט** יידיש (אין 1971 ?) און זאָגט, אז "א צאָל אָרטאָ־דאָקסישע שולן באנוצן זיך מיט יידיש, ווי די לימוד־שפראך מחמת דער **דיאלעקט** ווערט נאָך ברייט גענוצט". א ביסעלע ווייטער שרייבט ער: "שולן אויף יידיש שפילן מער נישט קיין ראָלע אין דער אמעריקאנער יידישער דערציאונג" [64].

ד) פראָפעסאָר אברהם פראנצבלאו פון היברו יוניאָן קאלעדזש

62 מיט עטלעכע יאָר שפעטער האָט האָנאָר פארבעטן דעם סעמינאר אָנטיילצו־נעמען אין א קאָנפערענץ וועגן דוחק אין לערער, פאררופן פון דער "אמערי־קאנער אָרגאניזאציע פאר יידישער דערציאונג". די שריפטלעכע פארבעטונג געפינט זיך אין סעמינאר.

63 Encyclopedia of Education, 1971.

64 "Yiddish Schools are no longer a factor in American Jewish Education".

איז דער מחבר פון דעם ארטיקל איבער יידישער דערציאונג אין דער אייגבענדיקער **ענציקלאָפעדיע פון דערציאונג**, וואָס איז דער־שינען אין 1947 [65]. ער דערמאָנט מיט א וואָרט נישט דעם יידישן לערער סעמינאר.

ה) אפילו אונדזער שמחה פּיעטרושקא דערמאָנט מיט א וואָרט נישט דעם סעמינאר אין זיין צוויי־בענדיקער פאָלקס־ענציקלאָ־פּעדיע.

ו) נישט קיין בעסערע מערכה האָט דער יידישער לערער־סעמינאר אין דער גרויסער נישט לאנג דערשינענער ענגלישער **ענציקלאָפּעדיע יודאאיקא**, וואָס איז ארויס אין זעכצן בענדער אין ישראל. דער מחבר פון דער ארבעט איבער יידישער דערציאונג אין אמעריקע איז דר. יהודה פּילטש, אליין שפּעטער דער דירעק־טאָר פון דער גראדואיר־אָפּטיילונג אין סעמינאר, און ער באשרייבט גאנץ אויספירלעך דעם אויפשטייג פון לערער־סעמינאר אויף ענגליש און העברעאיש. דעם יידישן לערער סעמינאר דערמאנט פּילטש אגב־אורחאדיק און מאכט דערביי דעם טעות, ווען ער זאָגט אז ער איז אויפגעקומען אין 1919.

כאָטש אין ערשטן באנד געפינט זיך א פארצייכעניש אונטערן נאָמען Jewish Teachers Seminary (U.S.) מיט אן אָנווייז אין וועלכן באנד איר קאָנט לייענען וועגן סעמינאר, וועט איר אנטוישט ווערן, מחמת ס'איז אין דעם זעקסטן באנד גאָרנישט דאָ אזא מין אָפּהאנדלונג וועגן דער אקאדעמישער אינסטיטוציע ביי יידן אין אמעריקע פאר די לעצטע קנאפּע 60 יאָר. וואָס איר געפינט יאָ אין דעם 6טן באנד איז א קורצע נאָטיץ וועגן יואל ענטינען, אז ער איז געווען דער גרינדער פון סעמינאר. אגב, דער מחבר פון דער נאָטיץ איז דווקא אליהו שולמאן, א מיטגליד פון סעמינאר־פאקולטעט און ער האָט געמעגט וויסן, אז יואל ענטין איז געווען **איינער** פון די גרינדערס.

---

65 .Encyclopedia of Education, 1947

ז) דעם זעלבן מזל האָט דער סעמינאר אין דער **ענציקלאָ־פעדיע פון דערציאונג**, וואָס איז אויפסניי ארויסגעלאָזט געוואָרן אין 1966 [66]. די דאָזיקע ענציקלאָפּעדיע דריקט איבער פּאול מאָנראוס א לענגערע ארבעט וועגן דער געשיכטע פון יידישער דערציאונג אין אמעריקע און דערציילט לחלוטין גאָרנישט וועגן לערער־קורסן, סעמינאר־קורסן און ענלעכע אנדערע סעקולערע, אקאדעמישע אינסטיטוציעס אויף דער יידישער גאס אין אמעריקע.

ח) רופוס ליארסי, דער מחבר פון דער **געשיכטע פון יידן אין אמעריקע**, פארנעמט זיך גאנץ ברייט מיט די קולטור דערגריי־כונגען פון די יידן אין אמעריקע, זאָגט אָבער קיין וואָרט נישט וועגן יידישן לערער־סעמינאר [67].

ס'איז נויטיק צו פארנאָטירן, אז ווען די ענגלישע ארבעטן פון אונדזערע געשיכטע־שרייבער שטעלן זיך יאָ אָפּ אויף פּרטים אין דער יידיש־סעקולערער דערציאונגס־ארבעט זיינען זיי, אין א סך פאלן, פול מיט טעותן. לאָמיר פארצייכענען עטלעכע אזעלכע טעותן.

1. די פריערדיקע דערמאָנטע "ענציקלאָפּעדיע יודאאיקא" שרייבט אין דעם ביאָגראפישן נאָטיץ וועגן אבן שמואל (דר. יהודה קויפמאן), אז שוין אין 1913 איז ער געווען אקטיוו אין דער ציוניסטישער באוועגונג אין מאָנטרעאָל (קאנאדע) און איז געוואָרן דער דירעקטאָר פון איר לערער־סעמינאר, ווען אין 1913 איז בכלל נישט געווען אזא קאלעדזש אָנגעפירט פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

2. פּראָפעסאָר זעליג אדלער, אין זיין געשיכטע פון דער יידישער קהילה אין באָפאלאָ, ניו־יאָרק, שרייבט אז דר. חיים זשיטלאָווסקי, וואָס איז "געווען דער פאָטער פון דער פאָלקסשול אידייע", איז געווען דער בילדונגס־דירעקטאָר פון ארבעטער־רינג.

66 A Cyclopedia of Education, edited by Paul Monroe, 5 vol. 1966.

67 The Jews in America, by Rufus Learsi.

3. אין ענלעכן טעות מאכט די **ענציקלאָפּעדיע יודאא** אין איר קורצן ביאָגראפישן נאָטיץ וועגן לייבוש לעהרערן. די ענציקלאָ־פּעדיע שרייבט: „פון 1919 האָט ער געלערנט אין לערער־סעמינאר פון שלום עליכם אינסטיטוט אין ניו־יאָרק" [68]. דער שרייבער פון דער נאָטיץ האָט געמעגט וויסן, אז אָנגעהויבן לערנען אין סעמינאר האָט לעהרער אין 1918 און נישט אין סעמינאר פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט, נאָר אין סעמינאר, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן פון די „פּועלי־ציון", „נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד" און א צאָל יחידים, אומפארטייאישע.

דער מחבר האָט אויך געמעגט וויסן, אז דער „שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט" האָט קיינמאָל נישט אָנגעפירט מיט א לערער־סעמינאר.

נישט בעסער איז דער מזל פון יידישן לערער־סעמינאר אפילו אין די הענט פון אייגענע, וואָס וואָלטן געמעגט בעסער וויסן. דער „ארבעטער־רינג" איז צוזאמען מיט אַ צאָל אנדערע יידישע אָרגאני־זאציעס איינע פון די אויסהאלטערס און אויפפאסערס פון יידישן לערער־סעמינאר. דער ארבעטער־רינג גיט ארויס א צוויי־מאָנאט־לעכן ענגלישן זשורנאל פאר זיינע טויזנטער מיטגלידער. אין מערץ־אפּריל נומער געפינט זיך אן ארטיקל וועגן סעמינאר, געשריבן פון הערָאלד פלאט. שרייבט הערָאלד פלאט [69]:

א) זלמן שזר (דער נשיא פון ישראל), איז געווען איינער פון די גרינדערס פון סעמינאר;

ב) דער סעמינאר האָט ארויסגעלאָזט איבער טויזנט גראדו־אנטן.

פון וואנען דער שרייבער פלאט האָט גענומען די דאָזיקע פּרטים זאָגט ער נישט אויס. דאָס זעלביקע אין י. שמולעוויטשעס ארטיקל אין „פאָרווערטס", אין וועלכן ער שרייבט, אז „אין פארלויף פון

68 Encyclopedia Judaica 1974, vol. 10, p. 1585.

69 *The Call*, official organ of the Wormen's Circle, March-April 1973.

דעם העכער האלבן יאָרהונדערט האָבן פון דעם יידישן לערער־סעמינאר גראַדואירט איבער טויזנט לערער״ [70].

פול מיט טעותן איז אויך די ארבעט איבער יידישער דערציאונג אין אמעריקע אָנגעשריבן פון הרב יוסף לוקשטיין אין דער ענגלישער ״אוניווערסאלער יידישער ענציקלאָפּעדיע״, וואָס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן. הרב לוקשטיין גיט אָן אלע נייטיקע און ריכטיקע פּרטים וועגן א גאנצער ריי סעמינארן אין אמריקע, ווען ס׳קומט צום יידישן לערער־סעמינאר רעדט דער מחבר וועגן די ״יידישיסטן, וואָס האָבן זייער אייגענעם סעמינאר מיטן נאָמען דער ״יידישער לערער־סעמינאר״. דער סעמינאר איז א טייל פון יידישן פאָלקס־אוניווערסיטעט״.

אן אינפאָרמאציע א מער נאָנטע צום אמת וועגן סעמינאר און בכלל וועגן די יידישן סעקולערע לערן־אינסטיטוציעס גיט די אמעריקאנער פארלאג געזעלשאפט, וואָס גיט ארויס יערלעך אינפאָרמאטיווע פּובליקאציעס וועגן כלערליי אקאדעמישע און בילדונגס־אינסטיטוציעס איבער דער וועלט אונטערן נאָמען The College Blue Book. אין דעם באנד פארן אקאדעמישן יאָר 1969—1970 ווערט אויספירלעך באשריבן דער ״יידישער לערער־סעמינאר״, ס׳ווערן אָנגעוויזן די פאָרמען פון רעגיסטראציע, צאָל תלמידים, בודזשעט, א.א.וו.

צו דער קליינער צאָל שרייבער וועגן סעמינאר דארף מען אויך פאררעכענען דעם מיטגליד פון סעמינאר־פאקולטעט און היסטאָריקער פון יידישער דערציאונג אין אמעריקע — צבי שארפשטיין, וואָס האָט אין זיין געשיכטע פון יידישער דערציאונג אין אמעריקע [71] איינגעשלאָסן א גרעסערע ארבעט וועגן סעמינאר פון סעמינאר דירעקטאָר דב ווינריב.

א שענערע באציאונג צום יידיש־וועלטלעכן סעקטאָר און זיינע

---

70 **פאָרווערטס**, מאי 16, 1973.

71 צבי שרפשטיין, (עורך) **תולדות החינוך היהודי בארצות הברית.**

דערציאונגס־אינסטיטוציעס ווייזט אויך ארויס דער יידישער געלע־רנטער פראָפעסאָר ראָבערט גאָרדיס פון יידישן טעאָלאָגישן סעמי־נאר אין ניו־יאָרק און מחבר פון א צאָל ווערק מיט טיפן יידישן אינהאלט. אין אן ארטיקל, וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק אָפּגעדרוקט אין דעם באוואוסטן יידיש־ענגלישן זשורנאל „דער מנורה זשורנאל" [72] דערציילט גאָרדיס וועגן דער טיפער השפעה, וואָס זיין ווערן א סטודענט אין א יידיש־נאציאָנאל־ראדיקאלע שולע האָט אויף אים איבערגעלאָזט. אין אָט דעם ארטיקל שרייבט גאָרדיס:

„ווען איך בין אלט געווען זעקס יאָר און ס'איז געקומען די צייט אָנצופאנגען מיין פאָרמעלע יידישע דערציאונג, האָט מיין טאטע מיך פארשריבן אין צוויי באזונדערע שולן מיטאמאָל. א גאנצע וואָך בין איך געגאנגען אין ת"ת צו לערנען העברעאיש און טראדיציאָ־נעלע יידישקייט און שבת און זונטיק אין דער נאציאָנאל־ראדיקאלער פאָלקשול וואָס די פועלי־ציון האָבן אָנגעפירט צו לערנען יידיש. אין דער שול האָב איך געלערנט דריי יאָר און די שול האָט אויף מיר געהאט א דאָמינירנדיקע השפעה. אין דער שול האָט געהערשט א פראכטפולער גייסט, א ליבע אָן א גרענעץ פארן יידישן פאָלק און פאר ישראל, דרך ארץ פאר יידישער טראדיציע מיטן דרוק אויף די אידעאלן פון גערעכטיקייט און פון ברידער־לעכקייט".

אין א בריוו צום מחבר מיט יאָרן נאָכן אָפּדרוקן די ציטירטע פאראגראפן שרייבט פראָפּ. גאָרדיס:

„איך וויל צוגעבן, אז איך באטראכט מיין דערפארונג, ווי א סטודענט אין דער נאציאָנאל־ראדיקאלער שול, אפשר ווי דעם איינציק־גרעסטן פאקטאָר, וואָס האָט מאָטיווירט מיין איבער־געגעבנקייט צום יידישן לעבן און ווי א דירעקטער רעזולטאט פון

---

72 Menorah Journal, Spring issue, 1947.

דער השפּעה (אויף מיר) מצד די אידעאַליסטישע און פּעאיקע לערער, וואָס מיט זיי בין איך געווען פאַרבונדן".

פאַרוואָס איז אַזוינס געשען? מיר האָבן געמאַכט עטלעכע פאַר־זוכן אויפצוקלערן דעם דאָזיקן פענאָמען אין שמועסן, וואָס מיר האָבן געפירט מיט גראַדואַנטן פון סעמינאַר, און פון ענטפערס, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אַ צאָל מיטגלידער פון סעמינאַר פאַקולטעט.

אַ טייל גראַדואַנטן האָבן דערקלערט, אַז זיי האָט נישט געקי־מערט דער פאַקט, וואָס אַנדערע יידיש־אַקאַדעמישע אינסטי־טוציעס און זייערע פירער האָבן דעם סעמינאַר איגנאָרירט. אַנדערע האָבן אָנגעוויזן דערויף, אַז בעת זיי האָבן געלערנט אין סעמינאַר האָבן זיי בכלל נישט געפילט, אַז עמעצער איז מבטל דעם סעמי־נאַרס אויפטוען. אַנדערע גראַדואַנטן האָבן געטענהעט, אַז דער סעמינאַר האָט זיך נישט אָנגעשטרענגט צו אָרגאַניזירן אַ שטענ־דיקע אַלומניי־פאַרבאַנד, ווי ס'טוט זיך אין אַנדערע אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן, און במילא האָט ער אַזוי אַרום פאַרלוירן די שטענ־דיקע מיטגלידערשאַפט, וואָס גראַדואַנטן ווייזן נאָמינעל אַרויס צו זייער אַלמא־מאַטער. די מערסטע גראַדואַנטן און די מערסטע פאַקולטעט־מיטגלידער, מיט וועמען איך האָב געשמועסט וועגן סעמינאַר האָבן כסדר אַקצענטירט דעם פאַקט, אַז נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און אויך אויף דעם וואָס אַ סך זאַכן האָבן געפעלט, האָט דער סעמינאַר:

1) פאַרשפּרייט יידיש וויסן צווישן טויזנטער יונגע מענער און פרויען אין אַמעריקע;

2) דערצויגן קאַדרען יידישע לערער פאַר יידישע קינדער־שולן;

3) אַרויסגעגעבן אַ באַדייטנדיקע צאָל מדריכים, וואָס האָבן גענומען און נעמען נאָך אַצינד אַן אַקטיוון אָנטייל אין היגן יידישן לעבן און

4) געגעבן אַ גרויסע צאָל יידישע געלערנטע די מעגלעכקייט

ממשיך צו זיין זייערע פֿאָרשונגען און דערמיט שטארקן און רייכער מאכן דאָס יידיש־וויסן.

איין לאנג־יאָריקער מיטגליד פון סעמינאר־פאקולטעט האָט אָנגעוויזן [73] אז אויב דער סעמינאר האָט ווען נישט איז געליטן פון מאנגל אין אקאדעמישן ניוואָ, איז אין דעם נישט געווען שולדיק דער סעמינאר גופא, נאָר גיכער דער יידיש־וועלטלעכער סעקטאָר אין לאנד, וואָס האָט זיך נישט באמיט, אז פון סעמינאר זאָל ארויסוואקסן אן ערשט־קלאסיקער אוניווערסיטעט.

אנדערע האָבן אָנגעוויזן אויף א חיסרון מצד געוויסע לערער וואָס פלעגן נישט קומען אין דער צייט און פלעגן נישט פארענדיקן זייערע קורסן, ווייל זיי זיינען ארויסגעפאָרן אויף לעקציעס. דאָס־גלייכן פלעגן געוויסע לערער נישט דערלויבן די סטודענטן אויס־צודריקן מיינונגען להיפוך צו זייערע אייגענע אויספירן.

דער יידישער לערער־סעמינאר איז יאָרן געווען און איז עד היום פארבליבן א חד במינו צווישן אלע אנדערע אקאדעמישע אינסטי־טוציעס, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט באוויזן אויפצובויען דאָ אין לאנד.

דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אז ס'זיינען נישט געווען צייטן און געשעענישן, וואָס האָבן ארויסגערופן קעגנערשאפט אפילו אין די רייען און קרייזן אויף דער יידישער גאס, וואָס מ'וואָלטן געקאָנט מיינען אז זיי זיינען דירעקט און אומדירעקט געווען די שאפערס פון סעמינאר. די דאָזיקע קעגנערשאפט האָט זיך אָפט אויסגע־דריקט אין דער פאָרעם פון פארשוויגן דעם סעמינארס טעטיקייטן, פון באשולדיקן אים אין צו שטארקער פארבינדונג מיט ציוניסטישע גרופירונגען, אין צו פיל אקצענטירן די העברעאישע לימודים און צו ווינציק לייגן אכט אויף די יידישע לימודים. ס'איז אויך געווען צו מערקן א נעגאטיווע באציאונג צום סעמינאר מצד די, וואָס האָבן קורץ נאָכן אויפשטייג פון סעמינאר אָרגאניזירט די לערער־

73 אויף זיין בקשה גיבן מיר נישט אָן זיין נאָמען.

קורסן פון ארבעטער־רינג, כאָטש די פירער פון די דאָזיקע קורסן זענען אליין געווען לערער אין סעמינאר. זיי האָבן פלוצלונג איינגע־זען, אז דער סעמינאר וועט נישט קאָנען ווי געהעריק אויסשולן לערער פאר די יידישע שולן, וועמענס לאָזונג ס'איז געוואָרן: "דאָס יידישע ארבעטער־קינד פארן יידישן ארבעטער פאָלק".

כאָטש ס'האָט געהערשט א קאלטקייט אין געוויסע יידיש־סעקולערע קרייזן [74] און א פארשוויייגן אין געוויסע העברעאיש און ענגליש־רעדנדיקע סעקטאָרן לגבי דעם סעמינאר, האָט זיך דאָס, זעט אויס, קנאפ אָפגערופן אויפן קאליבער סטודענטן, וואָס זיינען געקומען אין סעמינאר צו לערנען לשמה, כדי צו קענען דינען דעם יידישן קינד פארן יידישן פאָלק. דאָס זעט זיך קלאָר ארויס אין דער מסירת־נפש, וואָס די סטודענטן, ספּעציעל די סטודענטן, וואָס זיינען אהערגעקומען פון מזרח־אייראָפּעאישע שטעט און שטעטלעך, האָבן ארויסגעוויזן דעם סעמינאר, און גאָר ספּעציעל, ווען זיי זיינען געוואָרן לערער אין די קינדערשולן אויף קבצנישע שכירות.

74 אין **צוקונפט** פון מאי־יוני 1953 שרייבט חיים בעז: "ס'איז די געוויינ־לעכע קאלטקייט אין אונדזער סביבה, וואָס גיט יידישע קולטור־און־לערן אינסטיטוציעס קיין מאָל נישט גענוג".

קאַפּיטל ח

די פאַרלאָזלעכקייט פון די ציפערן און צאָלן

ס'איז שוין עטלעכע מאָל אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אין משך פון לאַנגע יאָרן, ספּעציעל ביז די 50־קער יאָרן, האָט מען נישט צו שטאַרק מקפּיד געווען אויף דער גענויקייט אין אָנגעבן ציפערן און צאָלן. א חוץ דעם, וואָס מ'פּלעגט זיך באַנוצן מיט אַזעלכע גאָרנישט זאָגנדיקע "אַן ערך, אַרום, מער אָדער ווינציקער", ווען ס'איז געקומען אָנצווייזן אויף דער צאָל סטודענטן אין סעמינאַר, אָדער באַזוכער און צוהערער אויף די לעקציעס פון פאָלקס־אוניווערסיטעט, האָבן די באַריכט־אָפּגעבער אָפט מאָל זיך סותר געווען.

אין אַלע פאַלן, וואו ס'איז אויסגעקומען אָנצוטרעפן צוויי פאַרשידענע ציפערן בנוגע רעגיסטראַנטן אָדער גראַדואַנטן פון סעמינאַר, האָבן מיר אויסגעקליבן דעם קלענערן ציפער.

איין בײַשפּיל וועט דאָס אילוסטרירן: אין די **ידיעות פון סעמינאַר**, פעבר. 1953 שרײַבט מאיר בראָון, אַז אין די לעצטע 35 יאָר האָבן אין סעמינאַר געלערנט 8000 סטודענטן, אָבער אין **קעמפּער** פון מערץ 9, 1956 ווערט געמאָלדן אַז פאַר די לעצטע 38 יאָר האָבן אין סעמינאַר געלערנט מיט 1000 ווינציקער, בלויז 7000 סטודענטן. ענלעכע סתירות געפינען מיר אין די צאָלן און ציפערן, וואָס ענטין, גינגאָלד און בראָון האָבן פאַרעפנטלעכט וועגן די גראַדואַנטן פון לערער־סעמינאַר.

ס'איז זיכער נישט קיין גוזמא צו זאָגן אַז אין משך פון די ערשטע 50 יאָר פון סעמינאַר זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן א 500 און אפשר 600 גראַדואַנטן, מיט דיפּלאָמען אַלס יידישע און יידיש־

העברעאישע לערער, קיין גענויערע צאָלן וועט מען שוין מן הסתם קיינמאָל נישט האָבן צוליב די צוויי סיבות, וואָס אויף זיי האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט עטלעכע מאָל: די אַדמיניסטראַטיווע אָפּגע־לאָזנקייט פון דער גאַנצער אַרכיוו־אַרבעט, וואָס האָט געהערשט די ערשטע 30—40 יאָר, און דער פאַרלוסט פון דער פאַרבליבענעם אַרכיוו, ווען דער סעמינאַר האָט פאַרלאָזט זיין היים אויף דער 70סטער גאַס אין שוליאָר 1960—61.

כאָטש מיר געפינען אָנזעעוודיקע סתירות אין פאַרשידענע באַ־ריכטן וועגן דער צאָל גראַדואַנטן פון סעמינאַר, וועט עס דאָך נישט זיין איבערגעטריבן, ווען מיר וועלן פון די אָנגעגעבענע ציפערן אָננע־מען די קלענערע צאָלן.

אויב, למשל, בראַון שטעלט פעסט אין די 50־קער יאָרן, אַז אַן ערך 25,000 האָבן באַזוכט דעם פאַלקס־אוניווערסיטעט [75] מעג מען זיכער אָננעמען, אַז אין די 60־קער יאָרן איז דער ציפער שוין גאָר־נישט איבערגעטריבן. 25,000 אין 50 יאָר מאַכט אויס — 200 יערלעך און דאָס איז שוין אפילו צו ווינציק. צו אַ סך ציקלען לעקציעס זענען געקומען הונדערטער באַזוכער. ס׳איז אויך קלאָר, אַז צווישן די באַזוכער אין פאַלקס־אוניווערסיטעט זענען געווען אַ היפּש ביסל, וואָס זיינען געקומען צו מער ווי אַן איינמאָ־ליקער לעקציע — זיי האָבן באַזוכט גאַנצע ציקלען, ווי מיר ווייזן אָן אין קאַפּיטל איבערן פאַלקס־אוניווערסיטעט.

ס׳איז אויך ווערט צו געדענקען, אַז דער סעמינאַר האָט אין משך פון אַ סך יאָרן אָנגעפירט מיט ציקלען לעקציעס מחוץ דער שטאָט ניו־יאָרק און אָנטיילגענומען אין סעריעס לעקציעס בשותפות מיט אַ צאָל יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס — ווי ״דער אַרבעטער־רינג״, דער ״קולטור־קאָנגרעס״, ״פּיאָנערן פרויען״, ״הרצל אינסטיטוט״ און אַנדערע.

בלייבן מיר ביים ציפער — 25,000 יידן, וואָס זיינען געקומען

---

75 וועגן פאַלקס־אוניווערסיטעט זע ווייטער ז. 100.

הערן און לערנען תורה אין פאָלקס־אוניווערסיטעט פון יידישן לערער־סעמינאר.

אביסל שווערער איז צו דערגיין צו א נישט איבערגעטריבענעם ציפער, וואָס איז שייך גראַדואַנטן פון לערער־סעמינאר, וואס דאָס איז דאָך געווען זיין עיקרדיקע עובדה.

די אלע וואָס האָבן געשריבן וועגן סעמינאר און זיינע לערער־גראַדואַנטן סוף 50־קער און אין די מיטעלע 60־קער יאָרן רעדן וועגן 500 ביז 600 מענער און פרויען, וואָס האָבן פארענדיקט צו ערשט דעם צוויי יאָריקן, שפּעטער דעם דריי יאָריקן און לסוף דעם פיר יאָריקן לערער־קורס אין סעמינאר. אחוץ דעם ציפער, פארפעלן נישט די באריכט־אָפּגעבער און שרייבער אָנצווייזן דערויף, אז א גרויסע צאָל סטודענטן, וואָס האָבן געלערנט אין סעמינאר, האָבן די פולע קורסן נישט פארענדיקט און זענען סיי־ווי אריינגעטראָטן אין די וועלטלעכע שולן, ווי לערער.

האָט דער סעמינאר טאקע ארויסגעלאָזט 600 גראַדואַנטן ?

פון מיין אויספאָרשונג אין די פאראַנענע דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין סעמינאר, אין די באריכטן פון די פארשידענע דירעקטאָרן, ווי אויך אין די סעמינאר־נאָטיצן פון דער טעגלעכער יידישער פּרעסע און אין **דער אידישער ארבעטער, דער אידישער קעמפער, געדאַנק און לעבן** און אין **די סעמינאר ידיעות,** בין איך געקומען צום אויספיר, אז אין משך פון די ערשטע 50 יאָר האָבן פון סעמינאר גראַדואירט מן־הסתם מער ווי 600 סטודענטן, נישט אריינרעכנדיק די ארויסלאָזן פון קינדערגאָרטן־פּראָגראַם, פון סעקרעטאַריאַלע־קורסן, פון הבונים־גראַדואַנטן און פון יענע לערער־גראַדואַנטן, וואָס זיינען צוגעקומען ווי א רעזולטאַט פון דער פאראייניקונג מיט די ארבעטער־רינג לערער קורסן און מיטן העברעאישן סעמינאר הרצליה.

מיר האָבן זיך באַמיט צונויפצושטעלן א רשימה פון די אלע, וואָס זיינען דיפּלאָמירט געוואָרן פון סעמינאר פון 1920, ווען די ערשטע 12 אָדער 13 האָבן פארענדיקט דעם צוויי־יאָריקן לערער קורס, ביזן יאָר 1968, ווען ס'האָבן פון סעמינאר גראַדואירט 20

סטודענטן פון דעם פאַראייניקטן[76] יידישן לערער־סעמינאַר־הרצליה. פון אלע די, וואָס האָבן דעם סעמינאַר פאַרענדיקט ווי לערער, האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו פאַרצייכענען נישט מער ווי 322 נעמען. צו דער צאָל דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, צורעכענען די צאָל גראַדואַנטן, וואָס זיינען אין געוויסע יאָרן דיפּלאָמירט געוואָרן און וועגן זיי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ידיעות אין די אָפיציעלע אָרגאַנען פון די "פּועלי־ציון" און פון "יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד".

אַזוי, למשל, לייענען מיר אַ באַריכט אין "אידישער אַרבייטער" פון 24טן יולי 1931 וועגן אַ צוזאַמענקום, אויף וועלכן מ'האָט געפייערט דעם סיום פון דרייצן סעמינאַר־סטודענטן, אָבער די נעמען פון די גראַדואַנטן ווערן נישט דערמאָנט. אַן ענלעכן באַריכט וועגן אַזאַ סיום לייענען מיר אין "אידישער קעמפער" פון 23סטן יולי, 1933, וואָס דערציילט אויך וועגן דרייצן סטודענטן, וואָס האָבן יענעם יאָר גראַדואירט פון סעמינאַר.

ווען מיר נעמען די 26 גראַדואַנטן און רעכענען זיי צו צו די 322 באַקומט זיך אַ דערוויילעקער סך הכל פון 348 גראַדואַנטן.

מ'דאַרף דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז מ'קען זיך אויף דעם אַליין נישט פאַרלאָזן מחמת די סיבות, וואָס מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל אָנגעוויזן: די ניט־אָפּגעהיטנקייט מצד די אַדמיניס־טראַטאָרן צו פאַרצייכענען גענויע פּרטים און דער פאַקט, וואָס אַזוי פיל פון דעם סעמינאַר־אַרכיוו איז פאַרלוירן געגאַנגען.

אַז דער חשבון 500—600 סעמינאַר גראַדואַנטן איז נישט איבער־געטריבן ווערט קלאָר, ווען מיר צעטיילן די גראַדואַנטן לויט די יאָרן פון גראַדואירונג. ווען מיר טוען אַזוינס קומט אויס, אַז פאַר געוויסע יאָרן האָבן מיר נישט קיין איינציקן גראַדואַנט און פאַר אַנדערע בלויז געציילטע, ווי למשל: פאַרן יאָר 1930 בלויז 4 גראַדואַנטן, פאַרן יאָר 1940 — 4 גראַדואַנטן, פאַר 1944 — 2,

76 זע ווייטער דאָס קאַפּיטל: פאַראייניקונג מיטן בית מדרש למורים הרצליה, ז. 137.

פאר 1946 — 4 און פאר 1962 — 2 [77]. אין דער צייט, ווען בלויז פארן לערניאָר 1930 אליין האָבן געמוזט זיין אפשר פיר מאָל פיר — נאָך דער פאראייניקונג פון די ארבעטער רינג קורסן מיטן לערער־סעמינאר אין 1929 [78]. וואָס ס'איז געשען מיט די אויסגעלאָזענע אָדער ניט־פארצייכנטע נעמען פון גראדואנטן פון אלגעמיינעם לערער־סעמינאר, איז געשען מיט די גראדואנטן פון די איין־יאָריקע און צוויי־יאָריקע קינדערגאָרטן־קורסן, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין סעמינאר אין משך פון א ריי יאָרן אונטער דער דירעקציע פון מרים העלער־גוטמאן.

די זייער אָרעמע דעטאלן, וואָס מיר פארמאָגן וועגן דעם אָפטייל פון סעמינאר, דערציילן ווייט נישט די געשיכטע פון קינדערגאָרטן־פראָגראם. אָבער אלע די, וואָס זיינען מיטן סעמינאר געווען פאר־בונדן אין משך פון די פערציקער יאָרן, ווייסן, אז ס'זיינען דעמאָלט געווען גוט־באזוכטע איין און צוויי־יאָריקע קינדערגאָרטן־פראָגראמען.

וואָס מיר פארמאָגן יאָ נעמען מיר ארויס פון די באריכטן [79], וואָס די דירעקטאָרן פיליפ פרידמאן און צבי כרמל האָבן יענע יאָרן צוגעשטעלט צו דער פארוואלטונג.

לויט פרידמאנס באריכט קומט אויס, אז פון 1949 ביז 1955 האָבן פון קינדערגאָרטן־פראָגראם גראדואירט מיט ספעציעלע דיפּ־לאָמען 21 סטודענטן און אז אין 1956 האָבן אכט פארענדיקט די קורסן. איז לויט פרידמאנען קומט אויס א חשבון פון 29 קינדער־גאָרטן־לערערינס האָבן גראדואירט פון סעמינאר.

דער צווייטער באריכט איז פון סעמינאר דירעקטאָר צבי כרמל אין יאָר 1959. צווישן אנדערע פּרטים דערציילט כרמל, אז אין דעם שוליאָר 1959 וועלן זעקס סטודענטן גראדואירן פון קינדערגאָרטן פּראָגראם.

---

77 די באריכטן געפינען זיך אין סעמינאר־ארכיוו.

78 וועגן דער פאראייניקונג זע ווייטער, ז. 130.

79 די באריכטן געפינען זיך אין סעמינאר־ארכיוו.

ווען מיר נעמען אָן, אַז די זעקס האָבן טאַקע גראַדויִרט און רעכענען דעם ציפער צו צו די 29, וואָס פרידמאַן דערמאָנט אין זיין באַריכט, באַקומט זיך אַ סך־הכל פון 35 גראַדואַנטן ווי קינדער־גאָרטן־לערערינס.

ווער זיינען געווען די 35 גראַדואַנטן, וואָס האָבן אין משך פון עטלעכע יאָר געאַרבעט צו ווערן קינדער־גערטנערינס? אין די צוויי באַריכטן געפינט זיך נישט קיין איינציקער נאָמען.

אונדז אַליין האָט זיך איינגעגעבן צו געפינען רשימות גראַדואַנטן פון קינדערגאָרטן־פּראָגראַם פאַר די יאָרן 1956 און 1957 — 8 גראַדואַנטן פאַר 1956 און 6 פאַרן יאָר 1957. בס״ה — 14.

צורעכענענדיק די 14 גראַדואַנטן צו די 35, וואָס וועגן זיי דער־ציילן פרידמאַן און כרמל, האָבן מיר אַ קימאַ־לן פון 49 גראַדואַנטן.

עפּעס ענלעכס צו דעם, וואָס ס׳איז געשען מיט די פּראָטאָקאָלן און באַריכטן וועגן די פּראָגראַמען און תלמידים פון קינדערגאָרטן־אָפּטייל, איז אויך געשען מיט דעם אָפּטייל, וואָס האָט זיך פאַר־נומען מיט אויסשולן און צוגרייטן באַהאַוונטע סעקרעטאַרינס פאַר די יידישע אינסטיטוציעס מכל המינים אין ניו־יאָרק און מחוץ.

אין די ערשטע 50־קער יאָרן האָט דער ״יידישער קולטור־קאָנגרעס״ אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די אַדמיניסטראַציעס פון די יידישע צייטונגען און צו כלערליי יידישע אינסטיטוציעס מיט דער בקשה צו באַשעפטיקן, ווי זייערע סעקרעטאַרן, די גראַדואַנטן פון יידישן לערער־סעמינאַר, וואָס האָבן פאַרענדיקט דעם איינ־יאָריקן קורס פון יידישער סטענאָגראַפיע און יידישער מאַשינ־שריפט און די לימודים, וואָס זיינען מיט זיי פאַרבונדן.

פון שמועסן מיטן פאַרשטאָרבענעם לערער א.ל. גאָלדמאַן האָב איך געוואוסט, אַז ער האָט געפירט אין סעמינאַר אַ קורס פון יידישער סטענאָגראַפיע און מאַשינשריפט נאָך פאַר דעם לערניאָר 1956, וואָס מיינט, אַז מ׳האָט אין סעמינאַר געפירט אַזעלכע קלאַסן נאָך איידער דער קולטור־קאָנגרעס האָט אַרויסגעלאָזט זיין אויפרוף. דער אויפרוף גופא איז מחייב דעם אויספיר, אַז אין 1958 זענען שוין געווען אַזעלכע אויסגעשולטע סעקרעטאַרן.

אונדז האָט זיך איינגעגעבן צוזאמענצושטעלן א קליינע רשימה נעמען פון אזעלכע סעקרעטארן פאר דעם יאָר 1956 און פארן יאָר 1964. פארן יאָר 1956 פארמאָגן מיר 9 נעמען פון סעקרעטארן און פאר 1964 — אויך 9. די לערערין אין דעם קורס איז יאָרנלאנג געווען מאניא גאָלדבערג.

מן־הסתם האָבן זיך אויפן רוף פון קולטור־קאָנגרעס אָפּגערופן א צאָל אינסטיטוציעס. אונדז איז אין דעם פּרט באקאנט נאָר איין אזא פאל. די "אמעריקאנער אָרט־געזעלשאפט", דערציילט צבי כרמל, האָט צוגעשטימט צום רוף. ס'קען אויך זיין אז אדאנק דעם דאָזיקן רוף איז אין "פאָרווערטס" פון 5טן אפריל 1958 דערשינען א בריוו פון א לייענער מיטן נאָמען מ. ליעליק, אין וועלכן ער דער־ציילט, אז ער האָט אויסגעארבעט א סיסטעם פון יידישער סטענאָ־גראפיע [80] און ער וואָלט וועלן וויסן, אין וועלכער יידישער אינסטי־טוציע ער וואָלט געקענט קומען און דעמאָנסטרירן זיין סטענאָ־גראפישע סיסטעם פאר יידיש.

ס'איז אויך כדאי צו פארצייכענען, אז אָן וועלכע נישט איז שטארקע רעקלאמעס האָבן דריי יחידים, יעדער אויף זיין אופן, אויסגעארבעט א סיסטעם פאר יידישער סטענאָגראפיע. אויף וויפל מיר איז באקאנט איז א. ל. גאָלדמאן געווען דער ערשטער און ער האָט א לענגערע צייט זיך געקליבן אָפּצודרוקן זיין סטענאָגראפישע סיסטעם.

א צווייטע איז געווען א. ליבערזאָן, וואָס האָט לענגערע יאָרן אָנ־געפירט מיט די סעקרעטאריאלע קורסן. א דריטער, לויט דער מעלדונג אין "פאָרווערטס", וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט, איז געווען מ. ליעליק, וואָס מחוץ דעם בריוו אין "פאָרווערטס" האָבן מיר פון אים מער נישט געהערט.

אין דער ענגלישער אויפלאגע פון די **סעמינאר־ידיעות** פון זומער 1963 ווערט דערציילט וועגן דעם דערפאָלג פון די סעקרע־

80 א. ל. גאָלדמאן האָט דאָס באוויזן א סך פריער.

טאַריאַלע קורסן, אָבער ס'וועלן נישט אָנגעגעבן קיין אַנדערע פּרטים אחוץ וואָס עס ווערט דערציילט, אַז די סטודענטן אויף דעם קורס אין שולייאָר 1962—1963 לערנען אויסער סטענאָגראַפיע און מאַשינשרייבט אויך עלעמענטאַר־יידיש און העברעאיש. דער נומער "ידיעות" דערציילט אויך, אַז די דאָזיקע סעקרעטאַריאַלע קורסן זיינען א חד במינו אין דער יידישער אמעריקע.

קאַפּיטל ט

די גראַדואַנטן
1920—1968

די רשימה גראַדואַנטן וואָס מיר ברענגען דאָ ווייטער איז טענטאַטיוו דערמיט, וואָס ס'פעלן דאָ זייער א סך נעמען. פון די פאַרשידענע באַריכטן וואָס די סעמינאַר אַדמיניסטראַציע האָט פאַרעפנטלעכט פון צייט צו צייט האָט מען געקענט דערוואַרטן א צאָל פון 500—600 גראַדואַנטן פון 1920—1968 [81]. דאָס ביסל וואָס מיר ברענגען האָט זיך איינגעגעבן צונויפצושטעלן פון א גאַנצער ריי מקורים :

1. פון סעמינאַר־גראַדואַנטן וואָס ווערן דערמאָנט **פריער.**

2. פון באַריכטן געדרוקט אין **ידיעות פון יידישן לערער סעמינאַר** און פון **דער סעמינאַריסט** [82], **געדאַנק און לעבן, דער אידישער אַרבייטער, דער אידישער קעמפער.**

3. פון שריפטלעכע ענטפערס, וואָס דער מחבר האָט דערהאַלטן פון יחידים אויף זיין רוף, געדרוקט אין טאָג־מאָרגן־זשורנאַל (1966).

---

81 דער אַלגעמיינער סך־הכל ביז 1975 — נאָך א 50 גראַדואַנטן בערך, אחוץ גראַדואַנטן פון הרצליה פּאַראַיינינקט מיטן סעמינאַר.

82 אומפּעריאָדישע פּובליקאַציע פון סעמינאַר־סטודענטנשאַפט.

4. א צאָל נעמען זיינען צו אונדז דערגאַנגען פון אַן אויספרעג, וואָס פיליפ פרידמאַן האָט פאַנאַדערגעשיקט צו געוועזענע תלמידים סוף די פערציקער יאָרן [83].

5. פון פאַרשידענע בילדער געדרוקט אין "פאָרווערטס" צוגע־שיקט פון גראַדואַנטן.

אין פאַרבינדונג מיט דער רשימה איז כדאי צו האָבן אין זין א צאָל פרטים:

א) די יאָרן, וואָס גייען נאָך די נעמען פון די גראַדואַנטן קענען, אין געוויסע פאַלן, זיין פעלערהאַפטיק. דאָס נעמט זיך פון א צאָל סיבות: דער גראַדואַנט גופא אָדער דער אינפאָרמאַנט, איז נישט געווען זיכער צי דאָס יאָר איז, למשל, 1936 אָדער גאָר 1935. ס'זיי־נען געווען פאַלן, ווען א סטודענט האָט באַקומען זיין דיפּלאָם מיט א יאָר פריער פון דעם קלאַס, אָדער מיט א יאָר שפּעטער.

ב) דער נאָמען וואָס מיר ברענגען אין דער רשימה קאָן זיין אַנדערש, ווי דער פאַקטישער נאָמען איז געווען, ווען דער גראַדואַנט איז געווען א תלמיד אין סעמינאַר, אָדער ווייל זיי האָבן די נעמען געביטן, אָדער ביי פרויען ווייל זיי האָבן איבערגענומען דעם נאָמען פון זייערע מענער נאָך דער חתונה.

ג) די אָנגעגעבענע יאָרן קענען אויך זיין אַנדערש צוליב דעם, וואָס אַמאָל האָט דער סעמינאַר געניצט דאָס קאַלענדאַרישע יאָר און אַמאָל דאָס אַקאַדעמישע יאָר. מיר האָבן דעם אונטערשיד נישט געמאַכט.

ד) נעמען חזרן זיך איבער, סיי די אינדיווידועלע נעמען, סיי די פאַמיליע־נעמען. מיר האָבן די שוועריקייט געלייזט דערמיט, וואָס מיר האָבן אָנגענומען, אַז ביי אַזעלכע אינדיווידועלע נעמען, ווי

---

83 די באַשריבענע רעזולטאַטן פון דעם אויספרעג געפינען זיך אין סעמינאַר.

רחל און רייזל, משה און מאָריס, פייגל און צפורה, חסיה און כאַסיע, א.א.וו. האנדלט זיך וועגן איין און דעם זעלביקן גראַדואַנט, אויב זיי האָבן זיך באַוויזן אין דעם זעלביקן גראַדואיר־יאָר.

אָן ענלעכע שוועריקייט האָט זיך ארויסגעוויזן מיטן פאַמיליע־נאָמען כהן. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע אויסלייגן ווי כהן, קאַן, קאַהען און קאָהן. מיר האָבן אָנגענומען, אַז וויבאַלד דער ערשטער נאָמען איז דער זעלביקער מיט איינעם פון די אויס־לייגן מיינט דאָס, אַז ס׳איז איינער און דער זעלבער פערזאָן, סיידן דאָס יאָר פון גראַדואירונג איז פאַרשידן. ווי למשל: לייבל כהן 1924 און לייבל קאָהען 1952. דעם זעלבען צוגאַנג האָבן מיר אַנגעווענדט לגבי ראָזע און רייזל, רבקה און רחל. **אָן** אויסנאַם האָבן מיר געמאַכט אין יענע פאַלן, ווען ס׳איז געווען זיכער, אַז עס האַנדלט זיך וועגן באַזונדערע גראַדואַנטן, כאָטש מיט די זעלביקע נעמען. אַכט נעמען געפינען זיך אין דער רשימה אָן די יאָרן פון גראַדואירונג. די דאָזיקע נעמען זיינען צו אונדז דערגאַנגען פון אַנדערע גראַדואַנטן, וואָס זיינען געווען זיכער, אַז די פערזאַנען האָבן דעם סעמינאַר גראַדואירט, אָבער אומזיכער בנוגע דעם יאָר פון גראַדואירונג.

אין לעצטן סך־הכל זיינען די פּינקטלעכע יאָרן פון גראַדואירונג נישט פון דער גרעסטער וויכטיקייט און ווערטיקייט. וואָס ס׳איז יאָ וויכטיק, איז צו פּרוּוון פולער מאַכן די רשימה, כדי אַלע די, וואָס האָבן געהאַט אַ חלק אין אויפהאַלטן דעם המשך זאָלן נישט אויסגעמעקט ווערן פון אונדזער זכרון.

מיר האָבן אין דער רשימה אויך איינגעשלאָסן די נעמען פון (8) אַ צאָל סטודענטן, וואָס האָבן מיטגעטיילט, אַז זיי האָבן דעם סעמינאַר גראַדואירט, כאָטש עטלעכע גראַדואַנטן, מיט וועמען מיר האָבן זיך אָפּט געעצהט, האָבן אויסגעדריקט ספיקות וועגן זייער גראַדואירונג. אָבער מיר האָבן ניט געהאַט קיין פעסטע באַווייזן, אַז די ספיקות זיינען באַרעכטיקט.

גראדואנטן פון יידישן לערער סעמינאר

א

אבראמאָוויטש, אשר	1968
אונגער, משה	1950
אווסייעוו, טאניע	1947
אָסטערבאך, מנחם	1968
אויערבאך, חנה	1936
אייכנבוים, בריינדל	1961
אַלשאקער, פישל	1922
איינגבערמאן, חנה	1952
איזראעלאָוו, פ.	1933
אייגען, טשארלס	1968
אייזמאן, בען	1937
אלטמאן, שאול	1928

ב

באס, דוד	1952
באס, מרדכי	1946
באַראָוויק, לייב	1950
באַרנשטיין, דוד	1968
באראן, מיכל	1933
בוירשט	1934
ביבערשטיין, רות	1968
בילענקי, הדסה	1936
ביאלאָסטאָצקי, נחמה	1956
בידערמאן, רחל	1956
בילענקי, מרים	1926
בייער, שרה	1946
ביק, ביילע	1955
בלאנק, יעקב	1938
בענדיטאָוויטש, ש.	1949
בערעזאָוויטש, לאה	1926
בעקלער, פעסל	1952
בראָמבערג, א.	1928
ברינקער, משה	1933
בריקמאן, לעאָן	1948
ברענער, סעמיועל	1936
ברענער, שרה	1940
ברעסלער, גדליה	1920

ג

גאָווסייעוו, רבקה	1928
גאָווסייעוו, ליבע	1924
גאָלד, עלא	1924
גאָדינער, רחל	1956
גאָלדמן, חנה	1926
גאָלדמאן, שלמה	1950
גאָלדבערג, רות	1965
גאָלדבערג, מרים	1950
גאָלדקראנץ	
גאָרדאָן, מרדכי	1928
גוטמאן, שואל	1928
גוטמאן, שרה	1953
גידאנסקי, אסתר	1931
גידאנסקי, הערש	1931
גימפלין, סאל	1935
גינזבורג, איטע	1922
גלאָבערמאן, חנה	1920
גליקסאָן, יאָאכים	1952
געלמאן, לאה	1967
געלפאר, ברכה	1967
געצאָוו, ווערא	1967
גאָלד, שרה	1936
גארפינקעל, יעקב	1924
גארפילד, מרים	
גליק, חיה	1950
גלאט, צביה	1968

גלאטשטיין, שרה	1952
גלאזמאן, שמשון [83*]	1926
גלעזער, חנה	1928
גערשנפעלד, משה	1928
גערשנפעלד, חנה	1928
געניער,ביילע	1947
גענדזל, אהרן	1949
גרים, שרה	1953
גראָסמאן, דוד	1954
גרינבערג, יוסף	1956
גרינשפאן, משה	1956
גלאָצער, אסתר	1953
געלמאן, מאיר	1924

ד

דאשעווסקי, לייב	1931
דוד, שושנה	1955
דודזאָן, שמריה	1931
דאָמיניץ, מרדכי	1955
דוניעץ, מאקס	1950
דיזנהויז, פייגל	1968
דייוויס, פאניע	1936
דזשעקסאָן, מאלי	1924

ה

האזע, סאשע	1947
האָניג, זעלדע	1964
האָפמאן, שיינדל	1920
הורוויץ, שאול	1922
הימלשטיין, בעסי	1936
הענדלער, שיינדל	1922
הערשבערג, ח.	1924
הערשבערג, מרים	1953
העריס, גאָלדע	1952
הערשטיין, פישל	1924

וו

וואורם, לוסי	1955
וויינטרויב, משה	1964
וויינפער (קארפינוס) אברהם	1924
ווייצעל, יוסף	1964
ווילקאָ, אָלגא	1968
וויינשטיין, באשע	1957
ווינער, ביילע	1954
וואָלמאן, שרה	1950
ווייס, מ.	1922
ווייס, יוכבד	1951
ווייסמאן, סענדער	1949
ווייסמאן, סילוויע	1947
ווייסמאן, מינדל	1952
וועלין, פרענציס (דייוויס)	1936
ווארעטא, מ.	1928
ווייץ, הערי	1926
וואן זייג, חנה	1964

ז

זאבלאָצקי, ברוך	1951
זאָמערשטיין, משה	1968

83* אין א שמועס מיט גלאזמאנען האט ער אנגעוויזן אויפן פאקט אז ער האט ניט געקראגן זיין תעודה דערפאר ווייל ער צוזאמען מיט אנדערע האבן דערמיט אויסגעדריקט זייער פראטעסט אנטקעגן דער האנדלונג מצד דעם סעמינאר לגבי משה אָלגין.

זיגעל, רחל 1965
זיוויטמאַן, בערטא 1936
זימערמאַן, הדסה 1953
זילבערשטראָם, לייבל 1964
זעלינגער, שמואל 1922
זעלינגער, דבורה 1924
זייפע, יצחק
זאַלצמאַן, לאה 1924

ח

חזן, לבנה 1968
חובב, לאה 1968
חשמל, לייב 1920

ט

טאַבאַק, בעלא 1928
טאוב, משה 1928
טושוועל, נתן 1950
טעפּליצקי, חוה 1956
טרייסטער, יצחק 1956
טראַכטמאַן, דינה 1950
טרייסטער, שיינדל 1956
טשאַרין, שרה 1967
טשינסקי,ביילע 1949
טשערנער, פּאַליע 1926
טראַכטמאַן, אשר 1950

י

יאַקאָבסאָן, רות 1926
ירדני, פייגל 1924

כ

כהן, לייבל 1924

ל

לעווין, סאל 1920
לאָקענס, ראובן * 1968
לאַזאַרוס, גאָלדע 1924
לאַפּין, פאַניע 1936
לאַפּין, שמואל 1946
לאַדיגער, אליעזר
לוי, רבקה 1968
ליוו, שמואל 1931
ליבערט, שרה 1931
ליפשיץ, סימע 1922
לאַנדאַו, חיה 1956
לעווין, יוסף 1957
לי, מלכה **
ליבערמאַן, רבקה 1924
ליפשיץ, ישעיה 1928
ליכטענשטיין, משה 1936
ליפּצין, ס. 1920
לענסקי, לייב 1950
לעוויטש, יעקב 1940
לעוויט, חנה 1931
לעסער, חסיה 1964
לעדערהענדלער, בלומע

מ

מאַלץ, שאול 1936
מאַנדעל, געניע 1950
מאָרגענשטערן, פאַניע 1953
מאַלאָוו, ישעיה 1964

* דאָקטאָראַט פון דער גראַדואיר־שול.
** לויט א מעלדונג אין **פאָרווערטס** מאַי 1976.

מאגידאָוו, י.	1926
מארדיכאָוו, מאָריס	1928
מילער, חנה	1930
מילער, תמר	1965
מילער, פלאָרענס	
מילער, חנה	1967
מארקוס, ב.	1924
מילשטיין, צבי	1950
מאָריץ, דוד	1952
מינאָוויץ, פרידע	
מינקאָווסקי, חנה	1936
מינסקי, נתן	1955
מיראָפּאָלסקי, הינדע	1920
מלאָטעק, יוסף	1951
מעסקין, חיים *	1968
מרגלית, שרה	1922

נ

נאפּאָרסט, לאה	1952
נוריך, זאב	1968
נאקדימון, עלקע	1926
נאָוויק, חנה	1928
ניומאן, חנה	1928
נאָדל, עמנואל	1950
ניימאן, פישל	1920
ניסבוים, משה	1937
ניסנזאָן, שושנה	1936

ס

סמאָלענסקי, רעי	1928
סאָפּיאן, חנה	1928
סאנדלער, יהודית	1967
סטאָדאָלסקי, בנימין	1926
סילווערשטיין, פּערל	1937
סינטאָווסקי, אנא	1936
סאָמערשטיין, מארק	1968
ספּיראָ, ישראל	1936
סייקין, בתיה	1929
סילווערבערג, מרים	1968
סליפּצין, מרים	1922
סילווערמאן, חנה	1922
סיראָטאָ, קאָפּל	1950
סימיליס, אהרן	1940
סיגל, שמואל	1936

ע

עטקין, העלען	1924

פּ

פּאָרט, הענרי	1952
פּאטשולסקי, לאה	1952
פּאלעווסקי, עליע	1965
פּאדווע, אשר	
פּאלטוסקי, שלמה	1949
פּרוס, חיים	1924

פ

פוקס, שרה	1928
פינק, י. (ניט געענד.)	1928
פייזער, מ. (ניט געענד.)	1926
פריד	1924
פישער, משה	1931
פעלדמאן, מרים	1950
פלעשלער, אהרן	1922
פראנק, פרידע	1936

* דאָקטאָראט פון דער גראדואיר־שול.

פראַנק, משה 1936
פרידמאַן, פערל 1948

צ

צוקער, שרה 1922
צוויטמאַן 1936
צדק־רייטער, מרים * 1968

ק

קאַן, מלך 1920
קאַן, זעלדע 1920
קאַן, רבקה 1924
קאַהען, ראַזע (כהן) 1924
קאַהען, לייבל 1952
קאַפּלאַן, אהרן 1924
קאַץ, ראַזע 1922
קאַלמאַנאָוויטש, שלמה 1930
קאַן, אידע 1950
קאַמלאַט, נחום 1952
קאַדאַר, אסתר 1931
קאַלקאַ, פּישל 1928
קאַלקאַ, לאה 1936
קלמן, שלמה 1932
קאַהען, משה 1935
קאַסאָווער, רות 1965
קאַליער, יעטע ** 1924
קודלאָוויטש, ה. 1926
קלאַפּאַט, שרה 1967
קויפמאַן, מיכל 1924
קליין, מענדל 1946
קליגער, עזרא 1968
קוואַלוואַסער 1922

קליינמאַן, יהושע 1922
קדיש, אנאַסטין 1963
קראַוטשיק, לאה 1931
קאַרלעצקי, לאה 1952
קאַסאַק, חסיה 1956
קרוין, הירש 1955
קדיש, רחל 1968
קלינג, לאַזאַר 1940
קראַנץ, גאָלדע
קרוגליקאָוו, גאָלדע 1947
קלעמענטינאָווסקי, דוד 1920
קאַרני, אליהו 1968
קאַרפּ, פּאָלאַ 1968
קריטמאַן, נעכע 1922

ר

ראָכמעס, דאַראַטי ***
רעכטשאַפּער, חנה 1922
רייכסאַן, העראַלד 1935
ראָזמאַן, זלאַטע 1929
ראָזנטאַל, דבורה 1950
ראָטבאַרד, דבורה 1922
ראָזנבערג, צפּורה 1965
ראַבינער, אסתר 1924
ראָזמאַן, חיים 1963
ראָטשטיין, רות 1951
ראָזנטאַל, סאָניאַ 1936
ראָזלער, פייגל 1924
רובין,ביילע 1928
רובין, יצחק 1928
ריז, יעקב 1956
ראָטענבערג, שרה 1929

* דאָקטאָראַט פון דער גראַדואיר־שול.
** גראַד. פון דער ערשטער נאַצ. ראַד. שולע.
*** לויט א מעלדונג אין **פאָרווערטס** מאַי 1976.

ריבנער, ראַזלין	1949
ש	
שאַר, איידע	1947
שאַר, בנימין	1949
שאכנער, חנה	1956
שאפּיראָ, שרה	1922
שווייד, געלע	1947
שיכמאַן, וועלוול	1936
שווארץ, כייקע	1926
שווארץ, אהרן (איגניץ)	1922
שיינבראָן (דעמביץ), זלאטע	1926
שילער, י.	1928
שיינבראָן, אברהם	1924
שיילי, יהודית	1965
שיסלער, איידל	1964
שמוקלער, שבע	1953
שמולעוויטש (האפמאן), מרים	1957
שמוקלער, פייגל	1952
שעכטער, ישעיה	1964
שעכטער, מרדכי	1952
שעכטער, בן־ציון	1952
שטערן, פייגל	1928
שערמאַן, זאב	1936
שלאָסער, נח	1931
שוב, לאה	1929
שלעזינגער	1922
שניידער, משה	1926
שחיזער, דוד	1922
שולעק	1924

אנדערע אָפּטיילונגען

1. **קינדערגערטנערינס:** שוין אין די פערציקער יאָרן געפינען מיר אין סעמינאר באריכטן וועגן דער ארבעט אויפן קינדערגאָרטן־פּראָגראַם, וואָס זיין ציל איז געווען אויסצושולן לערערינס פאר די קינדערגערטנער, וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרן אין א צאָל נאָכ־מיטאָג־שולן איבערן לאנד. ווען אזעלכע ספּעציעלע איין־יאָריקע אָדער צוויי־יאָריקע קורסן האָבן זיך אָנגעפאנגען איז אונדז נישט געלונגען פעסטצושטעלן. סוף לערניאָר 1955 שטעלט פרידמאן צו א באריכט צו דער פארוואלטונג און אין אָט דעם באריכט דער־ציילט ער וועגן 21 תלמידים אין סעמינאר וואָס האָבן פון 1949 ביז 1955 גראדואירט פון סעמינאר מיט דיפּלאָמען ווי לערער־קינדער־גערטנערינס.

אויך דער סעמינאר דירעקטאָר צבי כרמל שטעלט מיט א יאָר שפּעטער צו א באריכט [84] צו דער פארוואלטונג, אין וועלכן ער דער־

84 די באריכטן, וועגן וועלכע ס׳גייט דאָ א רייד געפינען זיך אין סעמינאר.

ציילט, אז אין דעם שול־יאָר וועלן זעקס סטודענטן גראדואירן, ווי לערער־קינדערגערטנערינס. האָבן מיר צוזאמען 27 גראדואנטן. די נעמען פון אָט די 27 גראדואנטן האָבן מיר דערווייל נישט געפונען. מיר האָבן יאָ געפונען די נעמען פון די סטודענטן, וואָס האָבן אין די צוויי לערניאָרן 1956 און 1957 גראדואירט פון די איין־יאָריקע ספעציעלע קינדערגאָרטן־קורסן.

פון די דאָזיקע צופעליקע באריכטן, וואָס מיר האָבן געפונען שטעלט זיך אויך ארויס, אז א צאָל סטודענטן, וואָס האָבן פארענדיקט די דריי־יאָריקע און פיר־יאָריקע סעמינאר־קורסן האָבן אויך אויפגענומען דעם ספעציעלן איין־יאָריקן קורס פאר לערער־קינדערגערטנערינס און ארויסבאקומען צוויי באזונדערע דיפלאָמען.

די גראדואנטן פון די קינדערגאָרטן־קורסן

נחמה ביאליסטאָצקי	1956	יוכבד איליוויצקי	1957
רחל בידערמאן	1956	גוטע ראק	1957
פייגל גאָדינסקי	1956	אבתל ד'הוגאָף	1957
חנה פייערשטיין	1956	י. מאנטער	1957
מארטא טאָלפין	1956	ר. שטערנבערג	1957
פייגל בענסאָן	1956	ביילע שעכטער־	
חיה לאנדאו	1956	גאָטעסמאן	1952
נינא רודאָמין	1956	הדסה צימערמאן	1957
יוכבד דאָלינסקי	1957		

די לייטערין פון די קורסן איז פאר א צייט געווען מרים העלער־גוטמאן.

2. **סעקרעטארינס**: אין די פערציקער יאָרן האָט דער סעמינאר אויך איינגעפירט ספעציעלע קורסן פאר יידישע סעקרעטארינס. ס'איז זייער מעגלעך, אז אזעלכע ספעציעלע קורסן האָבן עקזיסטירט אין סעמינאר נאָך פריער. דערויף זאָגט עדות א. ל. גאָלדמאן, וואָס האָט מיט יאָרן פריער געגעבן א קורס אין יידישער סטענאָ־

גראַפיע און מאַשינשריפט. קיין פאַרצייכנטע באַריכטן וועגן דעם האָבן מיר דערווייל אין ערגעץ נישט געפונען. וואָס מיר האָבן יאָ געפונען, באַציט זיך צום יאָר 1946, ווען ס'האָבן פון דעם קורס גראַדואירט 22 סטודענטן.

א. ל. גאָלדמאַן איז משמעות געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויף זייער א געשיקטן אופן אויפגעשטעלט א רעלאַטיוו־לייכטע סיסטעם פון ייִדישער סטענאָגראַפיע, געבויט אויף דער ענגלישער פּיטמאַן־סיסטעם. ווען מ'האָט אים אין די דרייסיקער יאָרן[85] פאַרבעטן צו געבן אַזא קורס אין סעמינאַר, האָט מען שוין צוזאַמען דערמיט איינגעשטעלט עטלעכע אַנדערע סעקרעטאַריאַלע קורסן, ווי: מאַשינשריפט, רעכענען, ייִדיש [85*].

ייִדישע סעקרעטאַרינס מיט סטענאָגראַפישע קענטענישן האָט מען יענע ערשטע יאָרן געזוכט מיט ליכט, גאָר באַזונדערס אין ניו־יאָרק. אין די רעדאַקציעס פון ייִדישע צייטונגען, אין ייִדישע אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס, אין אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער ״אַרבעטער־רינג״, דער ״פאַרבאַנד״, דער ״שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט״, דער ״האיאַס״, דער ״ייוואָ״, דער ״אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס״ און א צאָל אַנדערע.

דאָס באַשעפטיקן אַזעלכע אויסגעשולטע ייִדישע סעקרעטאַרינס איז אויך געווען שטאַרק אָנגענומען אין די 50־קער יאָרן, ווען דער ״ייִדישער קולטור קאָנגרעס״ האָט דורך א ספּעציעלער קאָמיסיע אַרויסגעלאָזט א רוף צו אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס אָנצושטעלן ווי סעקרעטאַרן די גראַדואַנטן פון די סעקרעטאַריאַלע קורסן אין ייִדישן לערער סעמינאַר.

די דאָזיקע קורסן זיינען געווען קורץ־טערמיניקע און מ'קאָן

---

85 לויט א מעלדונג אין "The American Examiner" מערץ 15, 1962.

85* אויך איידע ליבערזאָן, איינע פון די שפּעטערדיקע לערערינס פון די סעקרעטאַריאַלע קורסן, האָט צוגעגרייט א סטענאָגראַפיש לערנבוך. אויך איר לערנבוך איז נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן.

אָננעמען, אַז די קורסן האָבן געענדיגט אַ סך מער יונגע פרויען, ווי ס'האָט זיך אונדז איינגעגעבן פעסטצושטעלן.

אַ חוץ די 22, וואָס מיר האָבן דערמאָנט פריער, האָבן מיר באַוויזן צוזאַמענצושטעלן אַ רשימה פון אַכצן גראַדואירטע סעקרע־טאַרינס — די ערשטע רשימה פאַרן יאָר 1956 און די צווייטע פאַרן יאָר 1964, בס"ה 40 גראַדואַנטן [85א].

פאַרן יאָר 1956	פאַרן יאָר 1964
רעגינאַ פעלדאָן	יוכבד דובלמאַן
רחל גרינבוים	יעטאַ פראַנק
אסתר גערשנער	ריטאַ פרישער
ראָזע גאָלדבערג	שמואל הייבער
פייגע טאָפּף	רבקה שערמאַן
דאָראַ פראַנק	צירל שטיינגאַרט
דינה טראָקמאַן	שולמית וואַלדענבערג
מרים שמולעוויטש	פּאָלאַ יאַרמוס
באַשע פּודלאָ	נינאַ ראָגאָוו

85א אין די באַריכטן פון סעקרעטאַר צו דער פאַרוואַלטונג פון סעמינאַר אין 1962 רעדט זיך וועגן אַ סעקרעטאַריאַלן־קורס, וואָס ווערט דעמאָלט אָנגעפירט. קיין פּרטים ווערן דערביי נישט אָנגעגעבן.
די ספּעציעלע סעקרעטאַריאַלע קורסן פאַר סטענאָגראַפיע און מאַשינשריפט זיינען אין משך די יאָרן אָנגעפירט געוואָרן פון א. ל. גאָלדמאַן, איידאַ ליבערזאָן און מאַניע גאָלדבערג.

קאַפּיטל י

דער פֿאָלקס־אוניווערסיטעט

דער פֿאָלקס־אוניווערסיטעט ביים יידישן לערער סעמינאר האָט אָנגעפאנגען זיינע טעטיקייטן אין דעם זעלביקן טאָג, ווען דער סעמינאר איז דערעפנט געוואָרן.

דאָס ווערט באשיינפערלעך קלאָר, ווען מיר עקזאמינירן די ערשטע פּראָגראמען, וואָס אנטהאלטן טעזן און לימודים פון גאָר אן אלגעמיינעם כאראקטער, ווי למשל דער ציקל לעקציעס איבער יידישע סאָציאל־קולטורעלע פּראָבלעמען. דאָס זעלבע איז צו זען פון קוריקולום, וואָס איז פּארפּארטיקט געוואָרן מיט א צאָל יאָרן שפּעטער, און בלי שום ספק אויך פון די פּראָגראמען פון די שפּעטערדיקע יאָרן.

דער פֿאָלקס־אוניווערסיטעט ביים סעמינאר איז געווען א המשך פון ענלעכע יידישע בילדונגס־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געווירקט אויף דער יידישער גאס אָנפאנגענדיק פון 1894, ד.ה. מיט וואָסערע 25 יאָר איידער דער סעמינאר האָט זיך געעפנט. אין די ניינציקער יאָרן האָבן שוין דאָ געוואוינט גדולי־ישראל, וואָס זענען נאָך מעבר לים געגאנגען אין פֿאָלק מיט בילדונג, מיט תורה, מיט כלערליי געזעלשאפטלעכע אינפֿאָרמאציעס.

ס'זיינען שוין דעמאָלט געווען דאָ אין לאנד חיים זשיטלאָווסקי, נחמן סירקין, צבי האָפמאן (צביון), י. א. מעריסאָן, קארל פארנ־בערג, יואל ענטין, אלכסנדר הארקאווי, ברוך צוקערמאן, ב. באָראָ־כאָוו, משה כץ, מאָריס ווינטשעווסקי, אייב קאהאן, א. ליעסין, זרובבל, מאיר בראון, יעקב גאָרדין, לעאָן קאָברין, אב. קאספּע, ה. זאָלאָטאָראָוו און א סך אנדערע.

ס'איז פון יעדן שטאַנדפּונקט געווען אַ תקופה פון איינוואַרצלען און באַפעסטיקן דאָ אין לאַנד אויף אַ פּראַקטישן אופן די אידייען און אידעאַלן, וואָס מיט זיי זיינען די דערמאָנטע פּערזענלעכקייטן אויפגעוואַקסן אין מזרח־אייראָפּע, און ממשיך זיין צווישן די „גרינע" די געזעלשאַפטן און די אינסטיטוטן, וואָס מ'האָט ערשט נישט לאַנג צוריק אָנגעפאַנגען אויפשטעלן אין די גרעסערע און קלענערע צענטערס מעבר לים.

דערציילט אונדז טאַקע יואל ענטין, איינער פון יענע ערשטע פּיאָנערן, אַז „מיט אַ 20 יאָר צוריק[86] האָבן מיר דאָ אין יידישן קוואַרטל געהאַט... די אַרבעטער בילדונג־שול, געגרינדעט פון עלטערע יידישע סאָציאַליסטן. שפּעטער איז דערפון אַרויסגעוואַקסן „די עדיוקיישאָנעל ליג", ביידע האָבן געווירקט שיינע יאָרן".

מיט צוויי יאָר שפּעטער (אין 1896), דערציילט אונדז ווייטער ענטין[87] „גרינדעט זיך.... אויף אַ מיטינג פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט דורך יעקב גאָרדינען און זיינע פריינד „די פרייע יידישע פאָלקס־בינע", וואָס הייבט אָן געבן לעקציעס שיער נישט אויסשליסלעך וועגן יידישער דראַמע און ליטעראַטור און לויט אַ פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע בלויז אויף יידיש. די לעקטאָרן זיינען געווען יעקב גאָרדין, מיין ווייניקייט, לעאָן קאָברין, דר. ה. זאָלאָטאָראָוו, דר. אב. קאַספּע, דר. גורר־דאַנסקי, ל. בודיאַנאָוו, בודין, א. אַנד.".

די דירה פון דער „עדיוקיישאָנעל־ליג" האָט זיך געפונען אויף 143 מעדיסאָן עוועניו, ניו־יאָרק. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס די ערשטע יידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולע האָט זיך געעפנט אין דער זעלביקער דירה.

בילדונג־פאַראיינען, קולטור־קלובן האָבן פונקציאָנירט אויך אין אַנדערע יידישע ישובים מחוץ ניו־יאָרק. אַזוי שרייבט, למשל,

---

86 אין 1894.

87 יואל ענטינ'ס אַרבעט אין **פאַרבאַנד־זאַמלבוך**, ז. 162—111.

אהרן גלאנץ [88] : ״מיר האָבן געהאט קינדער־קלובן, עלטערן־קלובן, פרויען־קלובן, און ספּעציעלע קורסן פאר דערוואקסענע״.

אויך אין **דאָס נייע לעבן** דערציילט זיך אין 1914 וועגן א פאָלק־אוניווערסיטעט, וואָס האָט יענע צייט פונקציאָנירט אין ניו־יאָרק און מען פארבעט די לייענער צו קומען זיך רעגיסטרירן. וויבאלד עס האָט שוין אין 1914 פונקציאָנירט אן אָרגאניזירטער פאָלקס־אוניווערסיטעט הייסט דאָס, אז מיט יאָרן, איידער דער סעמינאר איז ארויסגעקומען מיט זיין פאָלק־אוניווערסיטעט, האָבן אנדערע שוין פריער אָנגעפירט מיט קורסן און לעקציעס פארן ברייטערן עולם.

דער מחבר פון **צו דער געשיכטע פון שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט,** אשר פען [89] רעדט אין זיין ארטיקל וועגן א פאָלק־אוניווערסיטעט, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן ״ארום יענער צייט [90] פון א גרופּע קולטור־טוער און איז אין יאָר 1918 געוואָרן א טייל פון שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט״.ליידער דערציילט אונדז ניט דער מחבר וועגן די מקורים, פון וועלכע מ׳קען דרינגען, אז דער ״שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט״ האָט אָנגעפירט מיט א פאָלק־אינסטיטוט, וואָס איבער הונדערט מענער און פרויען זיינען געווען די צוהערערס. א קליינע צאָל גראדואנטן פון דער שלום עליכם מיטלשול האָבן א צייט באזוכט העכערע קורסן, אָבער נאָך עטלעכע יאָר האָט מען דאָס אויפגעגעבן.

ווען דער שרייבער פון די שורות איז אָנגעקומען קיין באָסטאָן אין 1913, האָבן זיך אין דער שטאָט שוין געפונען אָרגאניזירטע גרופּעס ביי די ״סאָציאליסטן־טעריטאָריאליסטן״, ביי די ״פּועלי־ציון״, ביים ״אינדעפּענדענט ארבעטער־רינג״ און אויך ביי די אלגעמיינע ציוניסטן און ביי דער גאנץ שטארקער ״אגודת־המו־רים״. יעדע פון די גרופּעס באזונדער, און טיילמאָל בשותפות מיט

88 אין **שול־פּנקס** פון שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט, שיקאגאָ.

89 זע : **דער דרך פון שלום עליכם אינסטיטוט**, ניו־יאָרק, 1972.

90 באציט זיך מן־הסתם צו די יאָרן ווען די שלום עליכם שולן זיינען אויפ־געקומען.

אנדערע, פלעגט פעריאָדיש פארבעטן בארימטע לעקטאָרן פון ניו־יאָרק און אראנזשירן עפנטלעכע לעקציעס איבער אלגעמיינע און ריין־יידישע טעמעס, וואָס פלעגן צוציען היפשע צאָלן פון די אויבנדערמאָנטע גרופעס און סתם פאראינטערעסירטע אין יידישע פראָבלעמען [91]. איך געדענק זייער וואויל א צאָל אזעלכע אָפטע לעקטאָרן, ווי: חיים זשיטלאָווסקי, פרץ הירשביין און יואל ענטין.

כאָטש ס׳דארף זיין קלאָר, אז די אידייע און די מאָטיוון, וואָס האָבן געפירט צום אויפשטייג פון פאָלקס־אוניווערסיטעט ביים יידישן לערער־סעמינאר זיינען געווען די זעלביקע, וואָס האָבן מיט צוויי און א האלב דעקאדן פריער געפירט צו דער גרינדונג פון די פארשידענע "עדיוקיישאָנעל־ליגס" אין א צאָל יידישע צענטערן אין לאנד, האָט זיך דער פאָלקס־אוניווערסיטעט אויסגעצייכנט פון די פריערדיקע בילדונגס־גרופעס דערמיט, וואָס אין טעמאטיק איז ער תמיד געווען אומפארטייאיש אויסגעהאלטן און מער סיסטעמאטיש פארטראכט, ווי זיינע קלענערע פאָרגייערס.

די לימודים און די טעמאטיק, וואָס דער סעמינאר האָט פראָגראַמירט פאר די קלאסן אין פאָלקס־אוניווערסיטעט און פאר גרעסערע פארזאמלונגען זיינען אין א גרויסער מאָס געווען די זעלביקע, ווי אין סעמינאר גופא מיט דעם אונטערשיד, וואָס די זעלביקע טעמעס זיינען נישט באהאנדלט געוואָרן אזוי אויספירלעך ווי פאר די לערער־קאנדידאטן אין סעמינאר.

כאָטש ס׳זיינען געווען פאלן ווען מ׳האָט אין פאָלקס־אוניווערסיטעט געלייענט אן איין־און־איינציקע לעקציע איבער א געוויסער לויפיקער און צייטלעכער טעמע, זיינען די לעקציעס בכלל אין דער גרעסטער מאָס באשטאנען פון גאנצע ציקלען, וואָס האָבן אָפטמאָל

91 אזוי דערציילט אויך ב. צ. גאָלדבערג, אז נאָך מיט יאָרן פריער איידער דער סעמינאר און פאָלקס־אוניווערסיטעט האָט זיך געעפנט, האָט מען אין דער בראָנקס, ניו־יאָרק, אָנגעפירט מיט אזעלכע קורסן פארן ברייטערן עולם. זע: **טאָג־מאָרגן זשורנאל**, יוני 26, 1968.

ארומגענומען פון 5—10 באזונדערע לעקציעס, געלייענט פון איין אָדער מער לעקטאָרן.

דער ברייטער און טיפער פארנעם פון די אלע לעקציעס, ציקלען און קורסן קען צום בעסטן באוויזן ווערן מיט א צאָל אילוסטראַציעס פון די פאָרגעלייגטע פראָגראמען. מ'דארף דערביי אָנווייזן אז דער סעמינאר האָט גענומען אייגטריט־געלט צו די לעקציעס אין פאָלקס־אוניווערסיטעט.

דריי ביישפילן פון קורסן און ציקלען־לעקציעס אין פאָלקס־אוניווערסיטעט אין די 60־קער יאָרן :

1) העכערע קורסן.

קורס 1 : **יידישע ליטעראטור אין סאָוויעט רוסלאנד :**
די ווערק, אידייען און פערזענלעכקייטן פון בערגלסאָן, האלקין, האָפשטיין, כאריק, נסתר, מארקיש, קיפניס, קולבאק, קוויטקאָ, פעפער.
לעקטאָר : דר. שלמה ביקל

קורס 2 : **יידישע ליטעראטור אויפן ראנד פון 20סטן יאָרהונדערט :**
די וויכטיקסטע מאָמענטן אין די שאפונגען פון וייסנבערג, ווינטשעווסקי, עדעלשטאט, נאָמבערג, רייזען, ראָזענפעלד און פינסקי.
לעקטאָר : יצחק כארלאש

קורס 3 : **יידישע דערציאונג דורך דורות :**
די אנטוויקלונג פון יידישער דערציאונג אין די פארשידענע תקופות, אריינגעמענדיק די הויפט פערזענלעכקייטן, שיטות, שאפונגען און לערן־אנשטאלטן אין די תפוצות.
לעקטאָר : לייבוש לעהרער

קורס 4 : **יידישע געשיכטע אין מיטלאלטער :**
פון חתימת התלמוד ביז גירוש ספרד, וויכטיקע סאָציאלע, עקאָנאָמישע און פאָליטישע דערשיינונגען. קול־

טורעלע בייטראגן, גייסטיקע שאפונגען, גדולי הדור, ישיבות און ספרים.

לעקטאָר: י. ליפשיץ

קורס 5: **יידן אין די ווייטע ישובים** — (צען לעקציעס):

1. ביי די שווארצע יידן אין עטיאָפּיע (פֿאלאשן);
2. די ברוינע יידן אין אינדיע (בני־ישראל);
3. די פֿארלוירענע קהילות אין כינע;
4. די נייע יידישע צענטערן אין אויסטראליע און ניי־זעלאנד;
5. מיט יידן אין סאָוויעטן פֿארבאנד און הינטערן אייזערנעם פֿאָרהאנג;
6. די יידישע קהילות אין לאטיין־אמעריקע;
7. נעכטן און היינט ביי די יידן אין אלזשיר;
8. יידן אין די אראבישע לענדער — עגיפּטן, סיריע, איראק און תימן;
9. די אלטע ישובים אין טערקיי, איראן, און אפגא־ניסטאן;
10. יידן אין די נייע מדינות אין צענטראל אפריקע.

לעקטאָר: דר. חיים שאַשקעס

קורס 6: **חסידיזם:**

ציקל לעקציעס צוזאמען מיטן הרצל־אינסטיטוט פֿון ניו־יאָרק.

1. דאָס חסידישע געזאנג. — לעקטאָר: חזן לייב גלאנץ;
2. מנהגים און טראדיציעס אין חסידות. — לעקטאָר: הרב אהרן ווערטהיים;
3. חסידישע מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראטור. — לעקטאָר: דר. שלמה ביקל;
4. ישראל און די חסידישע באוועגונג. — לעקטאָר: הרב צבי טאבאָרי;
5. חסידיזם אין יידישן פֿאָלקלאָר. — לעקטאָר: מנשה אונגער;
6. די פֿילאָזאָפֿיע פֿון חבד. — לעקטאָר: דר. ניסן מינדעל;

7. ר׳ נחמן בראצלאווער. — לעקטאָר: אהרן צייט־לין;
8. חסידיזם, היסטאָריש באטראכט. — לעקטאָר: דר. שלמה נאָבל;
9. חסידישע מאָטיוון אין דער העברעאישער ליטע־ראטור. — לעקטאָר: דר. חיים בראנדוויין;
10. דער בערדיטשעווער. — לעקטאָר: דר. יוסף שאפראן.

היות ווי די תוך־כוונה פון דער אדמיניסטראציע פון פאָלקס־אוניווערסיטעט איז כסדר געווען אנטקעגנצוקומען גרעסערע יידישע מאסן מיט וויסן און בילדונג אין לעבן בכלל און אין יידישן לעבן בפרט, איז לחלוטין נישט קיין חידוש, ווען מיר דערוויסן זיך, אז וואו נאָר ס׳איז אנטשטאנען אזא נויט, האָט דער סעמינאר פרובירט ארייַנשטעלן זיין פוס. אזוי געפינען מיר, אז ווען ס׳האָבן זיך אומגעקערט יידישע יונגעלייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין די פערציקער יאָרן און פון דער מלחמה אין קאָרעא אין די פופציקער יאָרן האָט דער סעמינאר מודיע געווען וועגן ספּעציעלע קורסן פאר זיי אין א גאנצער ריי לימודים — פריי. בשותפות מיט אנדערע יידישע אינסטיטוציעס און אליין האָט מען פאר די געוועזענע יידישע סאָלדאטן און פאר אנדערע צוגע־גרייט ספּעציעלע קורסן פאר סעקרעטארן, אָנפירערס פון יוגנט־גרופּעס, קורסן אין יידיש, העברעאיש, בשותפות מיטן ״ארבעטער־רינג״ און מיטן ״נאציאָנאלן ארבעטער־פארבאנד״ קורסן פון ענגליש, פון אמעריקאנער געשיכטע און קלאסן צו לערנען פרעמדע שפּראכן, ווי שפּאניש און איטאליעניש, מחמת אין יענע יאָרן האָט זיך שוין געהאט געביטן אין א גרויסער מאָס דער עטנישער צו־זאמענשטעל פון די פארשידענע נאָדל־אינדוסטריעס אין לאנד*. מ׳האָט אפילו אין יענער צייט זיך פארנומען אין אויספּלאנעווען

* די געדרוקטע מודעות וועגן אזעלכע קורסן געפינען זיך אין ארכיוו פון סעמינאר.

א מין ארבעטער־קאלעדזש, וואָס זאָל האָבן פאר זיין עיקר־עובדה אויסצובילדן טיכטיקע ארבעט־פירערס, וויסיקע ארבעטער־זשור־נאליסטן און פעאיקע פאַרשטייערס פון די ארבעטער־יוניאָס און זייערע מיטגלידער.

צו די פארבינדונגען, וואָס דער סעמינאר פאָלקס־אוניווערסיטעט האָט געמאכט מיט פארשידענע יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַ־ניזאציעס ארײנצוברענגען תורה און חכמה אין דער ברייטער יידישער סביבה אין ניו־יאָרק און מחוץ, דארף מען אויך צורעכענען ציקלען לעקציעס אָנגעפירט בשותפות מיט „אָזע", צו וועלכע ס'זיינען געקומען איבער הונדערט באזוכערס צו הערן לעקציעס וועגן —

שפּייז און דערנערונג,
גייסטיקע שטערונגען און
אלגעמיינע פסיכאָלאָגיע (אין די 60־קער יאָרן).

ס'זיינען אין משך פון די יאָרן געווען א סך פאלן, ווען קלענערע יידישע אינסטיטוציעס האָבן פארבעטן דעם פאָלקס־אוניווערסי־טעט דורכצופירן מיט זיי בשותפותדיקע קורסן אין זייערע זאלן אין דער שטאָט. אזוי למשל, האָט געטאָן שול 41 פון שלום עליכם פאָלקס־אינסטיטוט (און אנדערע שולן) אין 1963 ווען זי האָט דורכן פאָלקס־אוניווערסיטעט דורכגעפירט א סעריע לעקציעס מיט דר. שלמה בערנארדס איבער דער טעמע: „סעקטעס ביי יידן".

אין 1951 דערציילט דר. פיליפּ פרידמאן אין זיין באריכט, דאטירט סעפּטעמבער 24, וועגן אן אָפּמאך מיט „בית־עם" פון ברוקלין אין ניו־יאָרק, דורכצופירן צוזאמען א ציקל לעקציעס און וועגן איינשטעלן א שטענדיקן אָפּטייל פון פאָלקס־אוניווערסיטעט אין יענעם צענטער.

ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, אז דער פאָלקס־אוניווער־סיטעט האָט נישט דורכגעלאָזט קיין שום פּאסיקע געלעגנהייט אויפצוקלערן פארן גרעסערן עולם טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען, וואָס זיינען אנטשטאנען אין דער ברייטער יידישער סביבה אין אמעריקע און איבער דער וועלט.

ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אז אונדזער פאָלק האָט געליטן דעם גרעסטן חורבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט דער פאָלקס־אוניווערסיטעט אליין, און שפּעטער בשותפות מיט דעם ״הרצל־אינסטיטוט״ פון ניו־יאָרק, דורכגעפירט א גאנצע ריי לעקציעס איבער דעם חורבן און איבער נאצי־דייטשלאנד. לעק־טאָרן וואָס האָבן אליין איבערגעלעבט דעם שוידערלעכן חורבן, ווי י. י. טרונק, מרדכי בערנשטיין, לייזער ראַן, יאָנאס טורקאָוו, וולאדקע מיד און א צאָל אנדערע, האָבן אָנגעפירט מיט די לעקציעס אין משך פון עטלעכע יאָר.

מיט דער פינאנציעלער הילף פון יידישן דערציאונגס־קאָמיטעט פון ניו־יאָרק [92] האָט דער פאָלקס־אוניווערסיטעט דורכגעפירט ספּעציעלע קורסן [93] פאר א צאָל צוריקגעקומענע יידישע סאָלדאטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דריי שעה א טאָג האָבן די באזוכערס געלערנט העברעאיש און אנדערע צוגעפּאסטע לימודים.

דער פאָלקס־אוניווערסיטעט האָט זיך אויך געשטעלט אין דינסט פון דער גרופּע קאצעטלער און זיי אויסגעשטרעקט א ברידערלעכע האנט אין צוגרייטן און דורכפירן קורסן פון ענגליש און פון אמעריקאנער געשיכטע, כדי לייכטער מאכן פאר זיי דאָס צופּאסן זיך צו דער נייער סביבה און קולטור, וועלכע זיינען געווען פאר זיי אומבאקאנט.

א גרויסע השפּעה האָט דער פאָלקס־אוניווערסיטעט געהאט אויף א ריי פארזאמלונגען און באנקעטן, וואָס מ'האָט איינגע־אָרדנט אין ניו־יאָרק און אין א סך שטעט איבערן לאנד [94], אין דער ערשטער ריי טאקע, כדי באקאנט צו מאכן די באזוכערס מיט די אקטיוויטעטן פון סעמינאר און וואָס זיינען אָבער אין רוב פאלן פארוואנדלט געוואָרן אין ״אָוונטן״ איבער ליטעראטור, אי־

---

92 Jewish Education Committee of New York.

93 אויספירלעכער אין ב׳ 4, נומער 1 פון **גערדאנק און לעבן**.

94 לויט א מעלדונג אין נומער 1 פון **געדאנק און לעבן**, ז. 60, אין וועלכער ס'ווערט דערציילט וועגן דעם אויסגעפּלאנטן רייזנדיקן פאָלקס־אוניווערזיטעט פון לערויאָר 1944—1945.

בער דער געשיכטע פון יידיש, איבער יידישער געשיכטע און דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן פון די יידישע מאסן איבער דער וועלט. אויף איינעם אזא באנקעט אין 1947 זיינען ארויסגעטראָטן מיט וויכטיקע רעפעראטן דוד פינסקי, יעקב לעשצינסקי, אברהם מענעס און נחום מינקאָוו.

אויף א ספעציעלער קאָנפערענץ, פאררופן פון פאָלקס־אוניווער־סיטעט דעם 14טן פעברואר, 1953, זיינען ארויסגעטראָטן מיט רעפעראטן שמואל ניגער, דר. עזריאל אייזענבערג, דר. פיליפּ פריד־מאן, חיים בעז, י. גובקין און מאיר בראון.

אין פריערדיקע יאָרן זיינען דורכן סעמינאר און פאָלקס־אוני־ווערסיטעט דורכגעפירט געוואָרן א צאָל אויסשטעלונגען פון די קונסט־שאפונגען פון יידישע מאלער־קינסטלער [95]. אן אויסשטע־לונג באקאנט צו מאכן דעם גרויסן עולם מיט די שאפונגען און דערגרייכונגען פון די טויזנטער סטודענטן אין די יידיש־וועלט־לעכע שולן אין לאנד איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1931 מיט דער הילף פון סעמינאר און פאָלקס־אוניווערסיטעט. ס'זיינען אויס־געשטעלט געוואָרן הונדערטער און הונדערטער מוסטערן פון האנט־ארבעטן, פון קאָמפּאָזיציעס און אָריגינעלע שאפונגען פון די סטודענטן פון געשיכטע, פון יידישע ליטעראטור, (פּראָזע און פּאָעזיע) און ענלעכע [96].

דער ציקל פון די בילדונג־טעטיקייטן פון סעמינאר און פאָלקס־אוניווערסיטעט רופט באמת ארויס באוואונדערונג, באזונדערס דערפאר, ווייל דאָס איז אלץ אָנגעפירט געוואָרן אין משך פון אזויפיל יאָרן און אונטער די שווערסטע באדינגונגען פון פינאנ־ציעלער אָרעמקייט. שוין די ציפערן אליין דערציילן וועגן גרויסן

95 איינע אזא גרויסע אויסשטעלונג איז דורכגעפירט געוואָרן פאר דעם מאלער פרענק האָראָוויץ אין 1946.

96 די דאָזיקע אויסשטעלונג פון אלע טיפּן שולן איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער האיאס געביידע אין ניו־יאָרק און האָט צוגעצויגן הונדערטער באזוכערס. מ'האָט אָבער די עקספּאָנאטן ניט אָפּגעהיט און אלץ איז געגאנגען צו גרונט.

אויפטו צוצושטעלן פאר גרויסע מאסן יידן די גייסטיקע שפייז, וואָס האָט זיי געהאָלפן זיך איינהיטן ווי יידן און ווי וויסיקע און אינפאָרמירטע יידן. ס'איז גאָרנישט קיין קליייניקייט — וואָס איבער 250 לעקטאָרן האָבן געלערנט און געלייענט לעקציעס אין סעמינאר אין פאָלקס־אוניווערסיטעט.

ס'איז באמת שווער צו געפינען א יידישן געלערנטן אויף דער יידיש־וועלטלעכער גאס אין אמעריקע, וואָס האָט נישט מיט עפּעס בייגעשטייערט צו דער אויסבילדונג פון איבער 25,000 באזוכערס אין משך פון די יאָרן זינט דער פאָלקס־אוניווערסיטעט איז אויפ־געקומען, ווי אן אינטעגראלער טייל פון דעם לערער סעמינאר.

מיר האָבן זיך דאָ באנוצט מיט זייער א פארעלטערטער ציפער, א ציפער, וואָס מאיר בראון האָט ארויסגעשטעלט יאָרן פריער, איידער דער סעמינאר איז אלט געוואָרן 50 יאָר. 25,000 אין 50 יאָר מאכט אויס א קימא־לן פון 500 א יאָר — און דאָס איז ווייט נישט דער סכום צוהערער, וואָס זיינען געקומען הערן און לערנען וואָך־איין, וואָך־אויס, יאָר־איין, יאָר־אויס.

אין א באשטימטן זין איז דער פאָלקס־אוניווערסיטעט געווען א גוט פעלד פאר די יידישע געלערנטע דאָ אין לאנד צו געווינען א גרייטע אוידיטאָריע פאר זייערע שטודיעס און אויסגעפינסן. דער נאציאָנאלער ווערט פון דערמעגלעכן די גדולי הדור זיך צו טיילן מיט זייער וויסן און זייערע קענטשאפטן איז דאָך אין לשער. שוין דערמיט אליין, וואָס דער סעמינאר מיטן פאָלקס־אוניווער־סיטעט האָט אין משך פון לאנגע יאָרן צוגעגרייט א פאראינטע־רעסירטע און וויליקע אוידיטאָריע פאר איבער צוויי הונדערט לעקטאָרן — שוין דערמיט אליין האָט ער באוויזן צו פארשרייבן א ווערטיק קאפיטל אין דער געשיכטע פון יידישן לעבן דאָ אין לאנד אין היינטיקן יאָרהונדערט.

ס'איז ווערט אונטערצופירן א שטיקל סך־הכל פון די אקטיווי־טעטן פון פאָלקס־אוניווערסיטעט אין משך פון די לעצטע 50 יאָר פון זיין עקזיסטענץ.

1. איבער צוויי הונדערט יידישע געלערנטע האָבן אין משך פון לאנגע יאָרן אָנגעפירט מיט קלאסן און פארזאמלונגען, וואָס זיינען

2. באזוכט געוואָרן פון איבער 25,000 צוהערער און באזוכער ;

3. אָנגעפירט מיט ספּעציעלע ציקלען לעקציעס געהאלטענע דורך מיטגלידער פון פאקולטעט און אנדערע לעקטאָרן אין א גאנצער ריי שטעט איבערן לאנד.

4. צוגעצויגן צו שותפותדיקער ארבעט דורכן פאָלקס־אוניווער־סיטעט אזעלכע אינסטיטוציעס אויף דער יידישער גאס ווי :
   א) דער ״הרצל־אינסטיטוט״ פון דער יידישער אגענטור ;
   ב) דער ״ארבעטער־רינג״ (לעקציעס אין ענגליש פאר די ענגליש־רעדנדיקע ברענטשעס);
   ג) יוניאָנס פון די ״פאראייניקטע געווערקשאפטן״ אין ניו־יאָרק ;
   ד) איינצלנע יידיש־וועלטלעכע שולן און ״שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט״ ;
   ה) צוזאמען מיטן ״יידישן קולטור־קאָנגרעס״ אויפגעשטעלט אן אינסטיטוט פאר יידישע פּראָבלעמען (1960). אין דער דאָזיקער טעטיקייט האָט אויך מיטגעהאָלפן דער ״יידישער ארבעטער־קאָמיטעט״.

5. בשותפות מיט אנדערע גרופּירונגען אָנגעפירט ציקלען לעק־ציעס וועגן מדינת ישראל [97] און וועגן יידישן לעבן איבער דער וועלט.

6. אויפגעשטעלט און אָנגעפירט ציקלען לעקציעס און קלאסן אין א צאָל ניו־יאָרקער צענטערס אין דערבייאיקע שטעט און

97 די הוצאות פאר די לעקציעס זיינען געדעקט געוואָרן פון ישראל קאָנסולאט אין ניו־יאָרק.

שטעטלעך, באזונדערס אין ברוקלין, בראָנקס, סי־געיט, פילא־דעלפיע. אין צוויי פון די צענטערן, אין סי־געיט און ברייטאָן־ביטש האָט דער פאָלקס־אוניווערסיטעט אין משך פון 2—4 חדשים אָנגעפירט מיט קלאסן פון יידיש, תנ״ך, תלמודישע ליטעראטור, העברעאיש, סאָציאָלאָגיע, יידישע געשיכטע. דאָס זיינען געווען קאָנצענטרירטע ווי אויך קאָנדענסירטע קורסן מיט הונדערטער באזוכער.

עס דארף אויך פארצייכנט ווערן, אז די זייער אָפטע פארזאמלונגען, קאָנצערטן, באנקעטן און צערעמאָניאלע פייערונגען פון סיומס יעדן צווייטן יאָר, און א מאָל נאָך אָפטער — אז די אלע צוזאמענקומען זיינען אין רוב פארוואנדלט געוואָרן אין פאָרומס, מיט וועלכע דער פאָלקס־אוניווערסיטעט האָט אָנגעפירט. צו די אלע אונטערנעמונגען זענען אין משך פון די יאָרן געקומען שווערע טויזנטער צוהערער און מיטבאטייליקטע, וואָס האָבן אין משך פון 3—4 שעה אויפגענומען רעדעס און לעקציעס, וואָס האָבן געשטארקט און געהויבן זייער אמונה אין די צילן, וואָס דער סעמינאר האָט זיך געשטעלט. ווי א גוטער ביישפיל פון אזעלכע באלערנדיקע פארזאמלונגען קען דינען דער צווייטער סיום־קאָנצערט, וואָס דער סעמינאר האָט דורכגעפירט אין ניו־יאָרק אין איינעם פון די גרויסע שטאָט־זאלן (״טאַון האל״) אין 1920. א חוץ דעם קאָנצערט, וואָס עס האָבן דורכגעפירט די קינסטלער אליהו טענענהאָלץ, וולאדימיר חפץ, יוסף סטאפאק און נינא קאָשעץ, האָבן געלייענט קורצע רעפעראטן: דר. חיים זשיטלאָווסקי, דר. משה אָלגין, דר. י. מאָלטער, יעקב מילך, אלכסנדר הארקאווי, יואל ענטין, קאספער לעווייאס, דר. יהודה קויפמאן.

מיר האָבן פריער, אגב־אורחאדיק, אָנגעוויזן אויף ציקלען לעקציעס, וואָס דער פאָלקס־אוניווערסיטעט האָט דורכגעפירט אין געגנטן מחוץ ניו־יאָרק. פון די באריכטן אין דער יידישער פרעסע וועגן די־אָ קולטורעלע אקציעס פון סעמינאר פאָלקס־אוניווערסיטעט ווערט קלאָר, אז דאָס איז נישט געווען קיין איינ־

מאָליקע אקציע, נאָר האָט זיך אין משך פון די יאָרן איבערגעחזרט פון מאָל צו מאָל. א ביישפיל פון אזא רייזנדיקן סעמינאר, אָדער פֿאָלקס־אוניווערסיטעט, קענען מיר געפינען אין א מעלדונג פון **געדאנק און לעבן** [98] וואָס לייענט זיך אזוי :

"אין די ערשטע מאָנאטן פון 1945 וועט דורכגעפירט ווערן פון סעמינאר א רייזנדער אוניווערסיטעט מיט סעמינאר־לעקטאָרן אין פילאדעלפיע, פיטסבורג, סינסינאטי, דעטראָיט, קליוולאנד, שיקא־גאָ, מילוואָקי, וויניפעג, סט. לואיס. די קורסן : יידישע געשיכטע, יידישע ליטעראטור, העברעאישע ליטעראטור, ארץ־ישראל דער־ציאונג־פראגן און צייט־פראגן".

ס'איז נישט קיין גוזמא צו זאָגן, אז ס'איז נישט געווען קיין וויכטיקע געזעלשאפטלעכע און דערציערישע אקציע ביי די פאר־שידענע יידיש־וועלטלעכע אינסטיטוציעס אין ניו־יאָרק און אין דערבייאיקע יידישע צענטערן, אין וועלכער דער סעמינאר זאָל נישט האָבן געהאט קיין חלק. צי דאָס איז געווען א ציקל לעקציעס, וואָס דער "בית־עם" אין ברוקלין האָט אויסגעפלאנע־וועט פאר די אָנהענגער און באזוכער, צו אן איינצעלנע לעקציע איבער יידישער טעמאטיק — אין פיל אזלעכע פאלן האָט מען זיך געווענדט צום סעמינאר, וואָס האָט צוגעשטעלט די לעקטאָרן אָדער אינסטרוקטאָרן. און געווענדט צום סעמינאר האָבן זיך א שיינע צאָל יידישע אינסטיטוציעס, ווי דער "יידישער ארבעטער קאָמיטעט", די "פיאָנערן פרויען אָרגאניזאציע" אין אמעריקע, דער "נאציאָנאלער ארבעטער פארבאנד", א.א. אין יעדן אזא פאל איז מען אויסן געווען נישט סתם אזוי אויסהערן א לעקציע, נאָר גיכער א גאנצן ציקל, וואָס וועט קאָנען ארומנעמען א געגעבענע טעמע פון פארשידענע קוקווינקלען און אזוי ארום רייכער מאכן די ידיעות און שטארקער מאכן די צוגעבונדנקייט מצד די צוהערער צו דער אינסטיטוציע.

א קלאָרן מוסטער פון אזעלכע אינטענסיווע לעקציעס, וואָס דער

98 באנד 2, יולי־אָקטאָבער, 1944.

סעמינאר האָט דורכגעפירט מיט א צאָל מיטגלידער פון זיין פאקולטעט פאר געוויסע יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאניזאציעס אין און ארום דער שטאָט ניו־יאָרק, זעען מיר פון א באריכט וועגן א ציקל לעקציעס, וואָס דער סעמינאר האָט דורכגעפירט פארן ״נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד״ אין ניו־יאָרק אין 1941 [99]. דאָס איז געווען א ציקל לעקציעס פאר די סעקרעטארן און פאר די אָנפירער פון די צענדליקער צווייגן אין ניו־יאָרק און איז אויסן געווען צו שולן זיי, ווי בעסער און טיכטיקער אָנצוגיין מיט זייערע אמטן און מיט זייערע אחריותן:

א) די יידישע ארבעטער־באוועגונג אין אמעריקע. לעקטאָר — י. לעשצינסקי;
ב) די יידישע ארבעטער־באוועגונג אין ישראל. לעקטאָר — דב וויינריב;
ג) די יידישע ארבעטער־באוועגונג אין אמעריקע. לעקטאָר — הערי לאנג;
ד) פארלאמענטאר־פירונג. לעקטאָר — ל. סיגאל;
ה) יסודות פון געזעלשאפטלעכער פארזיכערונג. לעקטאָר — מאיר בראון.

דער אינטענסיווער און ברייטער פארנעם מצד דעם פאָלקס־אוניווערסיטעט אריינצוברענגען וואָס מער בילדונג פאר דעם ברייטן יידישן עולם זעט זיך שטארק ארויס פון די אָפטע סעריעס לעקציעס, וואָס מ׳האָט דורכגעפירט פרילינג פון 1950. יעדע סעריע איז באשטאנען פון 5 לעקציעס מיט די סעמינאר לערער: נחום מינקאָוו, אברהם מענעס, דוד מארמאָר, יעקב שאצקי, חיים גיניגער און נ. קאנטאָראָוויטש.

99 זע: **אידישער קעמפער**, נאָוו. 21, 1941.

קאַפּיטל יא

דירעקטאָרן פון סעמינאַר

אין שפּיץ פון סעמינאַר זיינען דורך די יאָרן געשטאַנען אַ צאָל יידישע געלערנטע פון אַ הויכן קאַליבער, וואָס האָבן געשמט אויף דער יידישער גאַס מיט זייער יידישער און וועלטלעכער ערודיציע.

איינער פון זיי, יואל ענטין, כאָטש ער איז קיינמאָל נישט דערוויילט געוואָרן אויפן אמט פון סעמינאַר־דירעקטאָר, איז ער פּאַקטיש געווען דער ראש, ספּעציעל אין די שפּעטע צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן און אין אַ סך פּרטים כמעט ביז זיין פּטירה.

אין אַ געוויסן זין איז דאָס אויך אמת וועגן אַ צווייטן פירער פון סעמינאַר, פּנחס גינגאָלד. גינגאָלד האָט אָנגעפאַנגען זיין אמט, ווי דער סעקרעטאַר פון סעמינאַר נאָכדעם, ווי חיים ליבערמאַן האָט דעם אמט אויפגעגעבן אָנהייב די 20־קער יאָרן. צוליב דעם וואָס יהודה קויפמאַן, דער ערשטער סעמינאַר דירעקטאָר, האָט זיך לאַנג אויף דעם אמט נישט געהאַלטן און יואל ענטין איז זייער אָפּט געפאָרן איבערן לאַנד לטובת דעם סעמינאַר, זיינען אַלע נאָרמאַלע אחריותן געפאַלן אויף גינגאָלדס אַקסלען און אַזוי אַרום איז אים אויסגעקומען צו שפּילן אַ צווייענדיקע ראָלע, ווי דירעקטאָר פון סעמינאַר און זיין סעקרעטאַר, כאָטש ער איז צום ערשטן אמט נישט דערוויילט געוואָרן.

עפּעס ענלעכס דערצו איז געשען מיט אַן אַנדערן מיטגליד פון סעמינאַר־פאַקולטעט, מיט לייבוש לעהרערן. אויף וויפל איך ווייס, האָט ער קיינמאָל נישט געזוכט צו ווערן דער ראש פון סעמינאַר, אָבער אין נויטפאַלן — און אַזעלכע האָבן זיך געטראָפן

גאנץ אָפּט — איז ער בדיעבד געוואָרן, אויב נישט דער איינציקער, איז כאָטש איינער פון די ראש־המדברים, ווען ס'איז געקומען צו פראגן פון לימודים, עקזאמענס און ענלעכע ענינים.

די צען דירעקטאָרן פון סעמינאר פון 1918 ביז 1968 זיינען אין צייט־סדר געווען:

1. **יהודה קויפמאן** (שפּעטער באוואוסט ווי אבן שמואל — קויפ־מאן). נאָך איידער ער איז דערוויילט געוואָרן אין 1918 צום אמט פון סעמינאר איז ער שיינע יאָרן געווען אַ פּירנדיקע פיגור אין די ציוניסטישע ארבעטער קרייזן אין קאנאדע און אין די אָרטיקע בילדונג־אינסטיטוציעס און פאָלקס שולן. ווען ער איז אָנגעקומען אין די שטאטן אָנצופירן מיטן סעמינאר, האָט ער געמאכט עטלעכע נסיעות איבערן לאנד לטובת דעם סעמינאר, געהאָלפן אויסארבעטן דעם לימודים־פּראָגראם און זיך באטייליקט אין צוזאמענשטעלן דעם צעטל אינסטרוקטאָרן צוזאמען מיט ענטינען, ליבערמאנען און שאפּיראָן.

ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָט זיך קויפמאן לאנג נישט גע־האלטן. אין 1921 איז ער אָפּגעפאָרן קיין ישראל. ער איז צוריק־געקומען אין 1923, צוריק איבערגענומען דעם אמט און געבליבן ביזן דריטן ארויסלאָז אין 1924. אין מיטן פון 1926 איז ער ווידער אָפּגעפאָרן קיין ישראל להשתקע.

ווען יהודה קויפמאן איז צום ערשטן מאָל אוועק פון סעמינאר אין 1921, האָט מען אויף זיין אָרט נישט דערוויילט קיין אנדערן דירעקטאָר. אלע זיינען געווען זיכער, משמעות, אז ער וועט אין קורצן צוריקקומען. אין דער צווישנצייט איז חיים ליבערמאן אוועק פון זיין אמט ווי דער סעקרעטאר פון סעמינאר און די גאנצע אָנפירערשאפט איז געבליבן אין די הענט פון יואל ענטינען. און טאקע אין יענער צייט האָט יואל ענטין פאקטיש אָנגעפירט מיטן אמט פון דירעקטאָר, כאָטש פאָרמעל האָט דאָס אויסגעפירט א מיטגליד פון פאקולטעט, ועמען ענטין האָט צוגעצויגן נאָך אין

1920 ווי דעם אינסטרוקטאָר אין אלגעמיינער פסיכאָלאָגיע — בן־ציון גאָלדבערג [100].

2. **בן־ציון גאָלדבערג** [101] — וועגן דעם האָט מיר מיטגעטיילט מיט א צייט צוריק גאָלדבערג גופא. אין 1923 האָב איך געטראָפן גאָלדבערגן אין סעמינאר, וואו ער האָט טאקע מיט ענטינען אָנגעפירט מיט די אחריותן פון א פאָרמעלן דירעקטאָר, ספּעציעל ווען ענטין איז נישט געווען אין שטאָט. אונטער גאָלדבערגס דירעקציע איז דורכגעפירט געוואָרן דער פערטער ארויסלאָז פון גראדואנטן אין 1924.

3. **א. ש. זאקס**, איז געווען דער דירעקטאָר פון סעמינאר נאָך ב. צ. גאָלדבערגן, ד.ה. נאָך 1924.

אין זיין עסיי לכבוד דעם 50־יאָריקן יובל פון יידישן לערער־סעמינאר [102] שטעלט זיך משה שטארקמאן אָפּ אויף די פילצאָליקע דערגרייכונגען פון זאקסן.

א. ש. זאקס איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע לערער אין סעמינאר, צוזאמען מיט חיים שויסן. מן הסתם דערפאר, ווייל סיי ביי שויסן (לערער פון תנ״ך און געשיכטע) און סיי ביי זאקסן (לערער פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע) זיינען תמיד אנטשטאנען וואַרעמע וויכוחים, אין וועלכע די סטודענטן האָבן געקענט אָנטיילנעמען און ניט זיצן בלויז ווי צוהערער.

---

100 אין **טאָג־מאָרגן זשורנאל** פון יוני 27, 1968, שרייבט בן ציון גאָלדבערג, אז קויפמאן און ענטין האָבן אים ממש געצוואונגען איבערצונעמען קויפמאנס אָרט, ווען ער האָט זיך געגרייט קיין ישראל. ״פאר מיר איז דאָס געווען א היפשער האָרב אויף די פלייצעס, אָבער מיך האָט אימפּאָנירט אזא וויכטיקע ארבעט און נאָך פארנעמען קויפמאנס אָרט״.

101 אין **ספר היובל של אגודת המורים** (העורך, צבי שרפשטיין) שרייבט דב וויינריב: ״בהנהלת המוסד שמש זמן מה ב. צ. גאָלדבערג, ל. לעהרער״ א.א.

102 **די צוקונפט**, מערץ־אפּריל, 1966, אויך: **דער אידישער ארבייטער**, אָקט. 16, 1931. אויך: וויינריב, אין **ספר היובל**, אויבן.

4. **פנחס גינגאָלד** — גינגאָלד האָט לאנגע יאָרן געדינט אין סעמינאר אויף עטלעכע אמטן — סעקרעטאר, מיטגליד פון פא־קולטעט (געלערנט פסיכאָלאָגיע), דירעקטאָר בעת עטלעכע אינ־טעררעגנומס און שטענדיקער שליח לטובת דעם סעמינאר אין ניו־יאָרק און איבערן לאנד. ער האָט די אמטן אָנגעהאלטן ביז קורץ פאר זיין פטירה [103].

5. **יואל ענטין.** ענטין ווערט, מיט רעכט, אומעטום פארעכנט, ווי דער גרינדער, שליח, מליץ־יושר און הויפט־זאָרגער און צום טייל אויך פארזאָרגער פון סעמינאר אין משך פון די ערשטע צוואנציק יאָר פון זיין אויפקום, אָבער נישט ווי זיין דירעקטאָר. אין תוך איז עס אן אומרעכט : ווער ס'איז געווען פארבונדן יענע יאָרן מיטן סעמינאר ווייס וואויל, אז ענטין איז געווען כל ימיו דער כל־ולך פון סעמינאר. ער פלעגט זיין אן אָפטער באזוכער אין אלע קלאסן, מיט אים האָט מען זיך שואל עצה געווען וועגן לערער, וועגן סטודענטן, וועגן לימודים און וועגן כלערליי פינאנ־ציעלע און געזעלשאפטלעכע פראָבלעמען, וואָס זיינען אנטשטאנען טאָג־טעגלעך און יאָר־יערלעך. צוזאמען מיט גינגאָלדן האָט ער געהאָלפן אין דער אָנפירונג פון סעמינאר סוף צוואנציקער און דורך די דרייסיקער יאָרן.

6.] **לייבוש לעהרער.** לייבוש לעהרער איז געווען פארבונדן מיטן סעמינאר פון סאמע ערשטן טאָג אָן, ווי א לערער פון קינדער־פסיכאָלאָגיע, געשיכטע פון דערציאונג און פון לימודים, וואָס בינדן זיך מיט די צוויי געביטן. ער איז געווען אן אקטיווער מיטגליד פון פאקולטעט לענגער, ווי וועלכער נישט איז אנדערער לערער. ער איז געווען איינער פון די חשובסטע און פאָפולערסטע לערער אין סע־

---

103 אז גינגאָלד האָט פארנומען דעם אמט פון סעמינאר־דירעקטאָר דרינגט ארויס פון דער פאָטאָגראפיע אין דער 30־יאָריקער יובל שריפט פון סעמינאר, אונטער וועלכער עס זאָגט זיך: "געוועזענער דירעקטאָר פון יידישן לערער סעמינאר".

מינאר און פארוואלטער, לערער און סטודענטן האָבן פון אים געהאלטן אן עולם ומלואו. אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט זיך ארויסשטעלן ווי דער ראש פון דער לערן־אינסטיטוציע.

אין זיין פריער־דערמאָנטן העבּרעאישן עסיי וועגן סעמינאר שטעלט דב וויינריב אים אריין אין צעטל פון סעמינאר דירעקטאָרן. אין א בריוו־אויסטויש צווישן מחבר און בן ציון גאָלדבערגן וועגן דעם ענין שרייבט גאָלדבערג, אז לויט אים האָט לעהרער דעם אמט קיינמאָל נישט פארנומען. אויב יאָ, האָט דאָס געמוזט זיין אין די שפּעטער דרייסיקער יאָרן.]

7. **דב וויינריב.** נאָך דער שווערער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע פון די דרייסיקער יאָרן איז דב וויינריב פארבעטן געוואָרן אין 1941 איבערצונעמען דעם אמט פון דירעקטאָר. ער האָט דעם אמט אָנגעהאלטן ביז נאָך די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און געשטאנען אויפן אמט א קימא־לן פון 7—8 יאָר. וויינריב איז אָנגעקומען אין סעמינאר, ווי א יידישער אקאדעמיקער פון דער ערשטער מדרגה, און האָט דורך די יאָרן פון זיין דירעקציע געמאכט כלערליי פארזוכן דעם סעמינאר אוועקצושטעלן אויף א געזונטן לערערישן מצב, אדמיניסטראטיוו און אקאדעמיש.

איינע פון זיינע דערגרייכונגען איז בלי ספק די פּובליקאציע אונטער זיין רעדאקציע פון א סעריע זאמלביכער מיטן נאָמען **געדאנק און לעבן** [104], וואָס איז דערשינען אויףביידע לשונות — יידיש און ענגליש.

8. **פיליפ פרידמאן.** ער האָט אָנגעהאלטן דעם אמט פון 1948 ביז 1956. אחוץ די נאָרמאלע ארבעטן, וואָס זיינען פארבונדן מיט דער דירעקציע פון לערן־אינסטיטוט, האָט פרידמאן אוועקגעגעבן לייב־און־לעבן צוזאמענצוברענגען אלע יידיש־אקאדעמישע אינ־סטיטוטן און אזויארום ענדלעך אויפשטעלן איין גרויסן יידיש־

---

104. דערשינען צווישן 1943—1948.

וועלטלעכן אוניווערסיטעט, וואָס זאָל באַדינען אַלע יידישע נויטן און אינטערעסן אין אַמעריקע. ער האָט פאַר דעם צוועק אַרויס־געלאָזט גוטפּאַרטראַכטע מעמאָראַנדומס, דורכגעפירט אַ ריי קאָנ־פערענצן מיט פאָרשטייערס פון ייוואָ, פון בית־מדרש למורים „הרצליה" און מיט פאָרשטייערס פון די „אַרבעטער־רינג" לערער־קורסן, וואָס דער „אַרבעטער־רינג בילדונגס־קאָמיטעט" האָט אָנגעפירט אין ניו־יאָרק. פון אַלע זיינע פאַרזוכן צו שאַפן איין גרויסן יידישן לערן־אינסטיטוט איז אים געלונגען אַריינצוברענגען אין סעמינאַר די „אַרבעטער־רינג" לערער־קורסן, וואָס האָבן פונקציאָנירט אין ניו־יאָרק זינט 1920.

9. **צבי כרמל.** כרמל איז געווען סעמינאַר־דירעקטאָר פון 1956 ביזן לערניאָר 1960. ער האָט מיטגעמאַכט שווערע פינאַנציעלע און אַדמיניסטראַטיווע קריזיסן, ספּעציעל צוליב דעם, וואָס נאָך אַלע אָנשטרענגונגען איז נישט געלונגען צו פועלן ביי די בילדונגס־רעגענטן פון שטאַט ניו־יאָרק, אַז דער סעמינאַר זאָל האָבן אַלע רעכטן צו געבן זיינע סטודענטן אַקאַדעמישע טיטולן און דורך דעם באַווייזן אַריינצוציען די יידישע קאָלעדזש־יוגנט אין סעמינאַר. דער סעמינאַר און זיין דירעקטאָר אין יענער צייט האָבן אויך געליטן פון די נאָכווייענישן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין 1959, בעת מ'האָט פאַרקויפט די אייגענע געביידע אויף דער 70סטער גאַס אין ניו־יאָרק און נישט באַוויזן זיך איינצוקויפן אַ נייע דירה אין דער צייט.

10. **גרשון וויינער.** וויינער האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט פון דירעקטאָר צען יאָר, פון 1960. פאַרבונדן מיטן סעמינאַר איז וויינער געווען זינט די 50־קער יאָרן. ער האָט אויף אַן אַקטיוון אופן ממשיך געווען די אַרבעט פון די דירעקטאָרן וויינריב, פרידמאַן און כרמל, דערמיט וואָס אונטער זיין דירעקציע זענען דורכגעפירט געוואָרן די אַקאַדעמישע רעכט וואָס זיינען לכתחילה אָנגעגעבן אין „טשאַרטער" פון שטאַט ניו־יאָרק אין 1935, ד.ה.

צוטיילן באקאלאווראט און דאָקטאָראט טיטולן. אונטער זיין דירעקציע זיינען אויך אויפגעשטעלט געוואָרן אקאדעמישע קאָמיסיעס, וואָס א דאנק זייערע פארמיטלונגען האָט ווינער באוויזן צו עפענען נייע טירן אויף דער יידישער גאס. עס איז אויך צושטאנד געקומען די פאראייניקונג פון דעם יידישן לערער סעמינאר מיטן העברעאישן לערער סעמינאר — "בית מדרש למורים הרצליה", נאָך פארזוכן וואָס האָבן זיך אָנגעפאנגען אָנהייב די 50־קער יאָרן.

11. אין 1969 איז **הלל הענקין** באשטימט געוואָרן אלס געהילפס־דעקאן פון סעמינאר, און אין 1970, ווען ווינער איז עולה געווען קיין ישראל האָט ער איבערגענומען דעם אמט פון דעקאן (דירעקטאָר).

קאַפּיטל יב

דער פאַקולטעט

אַז מיר קוקן איבער די רשימה פון אינסטרוקטאָרן אין יידישן לערער־סעמינאַר פון סאַמע אָנהייב אין 1918 ביזן סוף פון די ערשטע 50 יאָר, מוזן מיר מאַכן דעם אויספיר, אַז פון ריין לערערישן שטאַנדפּונקט האָט דער סעמינאַר תמיד באַוויזן צו פאַרזאָרגן זיינע סטודענטן מיט די סאַמע בעסטע לערערישע כוחות אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די באַציאונג צום סעמינאַר מצד דער ברייטער יידישער סביבה אין גרויסן און גאַנצן גענומען איז געווען אַ מילדע און אין געוויסע פּרטים אַ קעגנערישע, צום טייל אויך אַ פאַרשווייגנדיקע[106], האָט דער סעמינאַר צווישן אַלע יידיש־אַקאַדעמישע אינסטיטוטן דאָ אין לאַנד באַוויזן צוצוציען, קוואַלי־טאַטיוו און קוואַנטיטאַטיוו אַ גרויסע צאָל יידישע געלערנטע און ספּעציאַליסטן אויף אַלע געביטן פון יידישן און אַלגעמיינעם וויסן. פאַרשידענע סטודענטן און גראַדואַנטן פון סעמינאַר האָבן קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט, ווען ס'איז זיי אויסגעקומען צו רעדן אָדער שרייבן וועגן סעמינאַר, אָנצווייזן דערויף, אַז זיי האָבן געהאַט די זכיה צו זיין סטודענטן אין דעם אָדער אַ צווייטן לעקטאָרס קלאַסן[107]. און ס'איז נישט שווער איינצוזען פאַרוואָס: די מיטגלידער פון שטענדיקן פאַקולטעט צוזאַמען מיט די לעק־

106 מיטן אויסנאַם פון די מחנכים צבי שאַרפשטיין און יהודה פּילטש.
107 זע ז. 64—67.

טאָרן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דערוויילעקע אָדער מיט גע־קירצטע קורסן, האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אוצר פון וויסן און גלייכצייטיק ארויסגעוויזן טיפן אינטערעס צו זייערע תלמידים.

ס'איז כדאי דערביי צו באמערקן, אַז אַ טייל פון דעם שטענדיקן פאקולטעט האָט אָנגעפירט מיט קלאסן אין סעמינאר קרוב צו 50 יאָר. ד.ה. זיי האָבן אָנגעפאנגען אין 1918 און געלערנט ביזן טאָג, ווען זיי האָבן זיך געזעגנט מיטן לעבן אויף דער וועלט. דאָס איז ריכטיק וועגן אזעלכע לערערס ווי: לייבוש לעהרער, א. ש. זאקס, י. א. יאפע, ש. ניגער, יואל ענטין, פנחס גינגאָלד, חיים שויס, און י. ל. כהן.

מיר פארצייכענען דאָ ווייטער די נעמען פון אלע לעקטאָרן, סיי אין סעמינאר, סיי אין פאָלקס־אוניווערסיטעט און סיי אויף די ספּעציעלע קורסן, וואָס דער סעמינאר פלעגט איינשטעלן ביי דער געלעגנהייט פון אויסערגעוויינטלעכע פּאַסירונגען אין יידישן לעבן און אויף דער וועלט, ווי א שטייגער די גרויסע קאטאסטראָפע אין די פערציקער יאָרן, דער אויפקום פון מדינת־ישראל און אנדערע. די רשימה שטעלן מיר אויס לויטן א״ב. נישט געקוקט דערויף, וואָס מיר האָבן מיט גרויס פאַרזיכטיקייט נאָכקאָנטראָלירט אלע מעגלעכע מקורים, כדי צו זיין זיכער, אַז מיר האָבן נישט בשוגג דורכגעלאָזט די נעמען פון געוויסע לעקטאָרן, איז זייער מעגלעך, אַז געוויסע נעמען פעלן דאָ. בעטן מיר ביי די דורכגעלאָזטע מחילה.

מיטגלידער פון סעמינאר־פאקולטעט און לעקטארן אין פאָלקס־אוניווערסיטעט

א

יוסף אָפּאטאָשו, אלחנן אינדעלמאן, מיכאל אסטור, ש. אווער־באך, משה אָלגין, מילטאָן אָסניס, מנשה אונגער, מ. איוועגסקי, א. אָסטראָווסקי, יעקב אבידור, יהודה אייזנשטיין.

ב

נייטן באָטוויניק, ה. בורגין, יוסף באָדי, פיליפּ בירנבוים, חיים בראַנדוויין, י. מ. בידערמאַן, ז. ברושי, חיים בעז, שלמה ביקל, ס. בערנהאָלץ, ברזילי, י. בוימל, סידאָר בעלארסקי, לייב באַראַוויק, באַדאַנעס, י. ביאַלאָסטאָצקי, מרדכי בערנשטיין, מאיר בראַון, מ. ש. בן־מאיר, שושנה בלום, שלמה בערנארד, שמואל בלומענפעלד.

ג

ב. צ. גאָלבערג, יקותיאל גינזבורג, א. ל. גאָלדמאַן, י. גערשוני, אהרן גיאת, מאַניע גאָלדבער, שואל גוטמאַן, מרים גוטמאַן, נתן גאָלדבערג, רודאָלף גלאַנץ, ה. ל. גאָרדאָן, אהרן גלאַנץ, חיים גרינבערג, ברוך גלאַזמאַן, חזן לייב גלאַנץ, יונה גאָלדבערג, י. דזשייקאָבסאָן, שלמה ד. גאָלדפארב, משה גאָטליב, יעקב גאָרדאָן, ישראל גובקין, שמואל גרינהאַוז, א. גראָסמאַן, חיים גיניגער, מ. גאַסטנער, וו. געלבאַרט, פנחס גינגאָלד.

ה

סיימאָן הירזשדאַנסקי, י. ט. העלמאַן, מיכאל היגער, מרדכי הלוי, אלסכנדר הארקאַווי, יצחק אייזיק הורוויטש, ה. הורוויץ, נוגה הראובני, הלל הענקין, חנה הענקין, ס. הורוויץ, אַרטור הערצאָג, מרים העלער־גוטמאַן, ב. ד. האַרטמאַן, בען האַלפּערן.

וו

דב ווײַנריב, ש. וואַגנער, גרשון ווײַנער, קלמן ווײַטמאַן, מאָריס ווינטשעווסקי, יהודה ווייס, אהרן ווערטהיים, דוד ווײַנטרויב, ירחמיאל ווײַנגאַרטן, טשאַרני וולאַדעק.

ז

א. ש. זאַקס, חיים זשיטלאָווסקי, יצחק זאַר, נתן זיסקינד, י. זעמל.

ח

וולאַדימיר חפץ, א. חייקעס.

ט

יאָנאס טורקאָוו, י. י. טרונק, ארטור טשיל, אריה טארטאקאָ־ווער, ב. טשובינסקי, יוחנן טווערסקי.

י

זלמן יעפרויקין, י. ש. יפה, א. יאקאָבסאָן, י. א. יאפע, פּ. יאסי־נאָווסקי, סאָפיע יודין.

כ

יצחק כארלאש, י. ל. כהן, צבי כרמל, מרים כהן, צבי כהן, יחזקאל כהן.

ל

הערי לאנג, קאספער לעווייעס, חיים ליבערמאן, ה. לייוויק, לעאָ ליאָוו, יואל לעוויט, לייבוש לעהרער, איידא ליבערסאָן, יחזקאל ליפשיץ, יעקב לעשצינסקי, א. ליבערמאן, יצחק לעוויטאַץ, ע. ליפשיץ, יוסף לאנדיס, יעקב לעוויטש, בערל לאָקער, י. לעווענבאך, מיס לואיס, אברהם ליס, מאקס לעווין.

מ

יעקב מילך, ש. ב. מאקסימאן, דזשוליוס מאלער, א. מאיראָ־וויטש, ר. מארגאָלין, אברהם מענעס, נחום מינקאָוו, רפאל מאהלער, יודל מארק, י. א. מעריסאָן, מ. מאָשקאָוויטש, הערי מאלטער, מאיר מעלמאן, וולאדקע מיד, יששכר מירון, מתתיהו מאָסענקיס, י. מיקלישאנסקי, דוד מארמאָר, מישעל, דזש. מילער, ניסן מינדעל, אריאל מענזעל.

נ

ש. ניגער, משה נאטאנסאָן, עדוואַרד ניופעלד, בן נתן, יעקב נאָסקאָוויץ, שלמה נאָבל, נחום נארדי.

ס

שלמה סיימאָן, געניע סילקעס, ל. סיגאל, יעקב סילווערמאן, שלום סעקונדא, ראוז סטאָלאָף.

ע

יואל ענטין, מענדל עלקין, ס. עפראָן, דר. נתן עק.

פּ

יהודה פּילטש, גבריאל פּרייל, ש. פּאָלאַק, דוד פּינסקי, ש. פּערסאָוו.

פֿ

חיים פֿיינמאן, פֿיליפּ פֿרידמאן, לאזאר פֿאָגעלמאן, א. ד. פֿלעש־לער, ד. פֿעפֿער, יצחק פֿיין, א. פֿישהאָף, פֿרידבערג, בערל פֿרימער, מיידא פֿיינגאָלד, אירווינג פֿישמאן.

צ

ש. צמח, אהרן צייטלין.

ק

יהודה קויפֿמאן, חיים קאזדאן, אייב קאספּע, מרדכי קאָסאָווער, א. קאראלניק, ס. קורלאנד, יודזשין קולמאן, וו. קאהען, שלמה קודש, ברכה קאָפּשטיין, וו. קאלווין, האָראס מ. קאלען, הערי קופּערשמידט, אברהם קאָטלער, אידא קאמינסקא, דוד קוסע־וויצקי, נ. קאנטאָראָוויטש, אליהו קאסטין.

ר

ש. ראסקין, א. רעגעלסאָן, א. רעוואוצקי, הלל ראָגאָף, מנחם ריבאַלאָוו, נתן רייך, רות רובין, מ. רייכמאן, ריטשארד רובינשטיין, לייזער ראָן, מרדכי ראָטענבערג.

ש

ש. שאפּיראָ, חיים שויס, מרדכי שעכטער, בצלאל שערמאן, יהודה שאפּיראָ, צבי שארפשטיין, אליהו שולמאן, ל. שפּיזמאן, פ. שניאור־סאָן, ישראל שאָר, חיים שאַשקעס, וואַלף שניידער, חוה שמיר, מארק שווייד, טעדי שאפּיראָ, יוסף שאפּראן, אירווינג שיפּמאן, ישראל שטיינבוים, יעקב שאצקי.

ת

צבי תבורי.

קאַפּיטל יג

באַמיאונגען זיך צו פאַראייניקן

די פּראַקטישע רעזולטאַטן, וואָס דער סעמינאַר האָט דערגרייכט אין זיינע באַמיאונגען אויסצושולן לערער פאַר אַלע טיפּן יידיש־וועלטלעכע שולן, האָבן משמעות קיינמאָל נישט צופרידנגעשטעלט די פירער פון דער לערן־אינסטיטוציע. מ׳האָט געלעכצט נאָך אַ ברייטערער פּעריפעריע. ס׳האָט געלאָקט דער געדאַנק, אַז אַן אָרגאַניזירטער און פאַראייניקטער אָנשטרענג צו עפענען אַ כולל־דיקן יידישן אוניווערסיטעט וועט ענדלעך שאַפן דעם נייטיקן אינסטרומענט, וואָס זאָל קאָנען סטימולירן אַ יידיש־וועלטלעכע אויפוואַכונג פון די וואַקסנדיקע יידישע דורות אין לאַנד. אַזוינס האָט מען געטראַכט קאָן געשאַפן ווערן, ווען מ׳וועט פאַראייניקן די עקזיסטירנדיקע אַקאַדעמישע און די געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס אין איין פאַרצווייגטן יידישן אוניווערסיטעט. אַזאַ פאַר־אייניקונג וואָלט טאַקע דערגרייכט צוויי אויפגאַבעס: אויסברייטערן די אייגענע ענגע פּעריפעריע, אין וועלכער דער סעמינאַר האָט זיך בלית ברירה געפונען, און אין דער זעלבער צייט אויפהייבן דעם אַקאַדעמיש־קולטורעלן מצב פון דער יידיש־וועלטלעכער גאַס אין לאַנד.

דער דאָזיקער דראַנג צו פאַראייניקן אַלע קולטור־כוחות האָט זיך שטאַרק אָנגעזען אין סעמינאַר אין די פרעציקער און פופציקער יאָרן, ווען פיליפּ פרידמאַן איז געווען זיין דירעקטאָר. ער האָט בשעתו אַרויסגעלאָזט עטלעכע גוט־פאַרטראַכטע מעמאָראַנדומס [108],

108 די מעמאָראַנדומס, מאַשין־געשריבענע, געפינען זיך אין סעמינאַר.

אין וועלכע ער ווייזט אָן אויף די שוואכקייטן פון די עקזיסטירנ־דיקע אינסטיטוציעס, אויפקלערנדיק, ווי אנדערש די גאנצע יידישע קולטור־ארבעט וואָלט אויסגעזען, ווען ס׳וואָלט געקומען לעת־עתה צו א פולער דרויסנדיקער פאראייניקונג פאר דער ענדלעכער עטאבלירונג פון א פול־פארצווייגטער דאך־אינסטיטוציע, וואָס זאָל קענען פארענטפערן אלע נויטן פון אקאדעמישער און פאָרשע־רישער ארבעט.

אין א באשיידענער פאָרם אין דער ריכטונג האָט דער סעמינאר טייטלווייז אזוינס דערגרייכט, ווען א צאָל יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאניזאציעס האָבן דורכן סעמינאר אָדער מיט אים געפירט ספעציעלע קלאסן און ספעציעלע לעקציעס פאר דעם ניו־יאָרקער ״הרצל־אינסטיטוט״, פאר דער ״פרויען פיאָנערן־אָרגאניזאציע״, פארן ״ארבעטער־רינג״, ״פארבאנד״, ״פועלי־ציון״ און פאר אנ־דערע.

אָבער וואָס מען איז ספעציעל אויסן געווען איז די מעגלעכע פאראייניקונג מיט די לערער־קורסן פון ״ארבעטער־רינג״, מיט דעם העברעאישן לערער־סעמינאר ״הרצליה״ און מיטן יידיש־וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט — ״ייווא״. דער פלאן צו שאפן א גרויסן יידיש־וועלטלעכן אוניווערסיטעט האָט כולל געווען אנדערע גרויסע פראָיעקטן. מירן פרובירן סקיצירן די וויכטיקסטע פון זיי, וואָס בינדן זיך מיט דער עצם ארבעט פון סעמינאר [109].

ס׳איז נייטיק צו פארצייכענען, אז דער אָנשטרענג צו שאפן א פאראייניקטע אקאדעמישע אינסטיטוציע האָט זיך געצויגן שוין פון דער צייט, ווען דב וויינריב האָט איבערגענומען די דירעקציע פון סעמינאר, איז פארגיכערט געוואָרן אונטער פיליפ פרידמאנס דירעקציע, און איז טיילווייז דורכגעפירט געוואָרן, ווען גרשון ווײַנער האָט איבערגענומען די פירערשאפט.

---

109 אלע פרטים, וואָס שייך די געפלאנטע פאראייניקונגען און די רעזולטאטן פון די באמיאונגען ווערן טיילווייז באשריבן אין די באריכטן, וואָס געפינען זיך אין סעמינאר.

אין די פרוון צו דערפירן צו א פאראייניקונג פון די דערמאָנטע אינסטיטוציעס מיטן סעמינאר האָט געשפילט א גרונט־ראָלע דער יידישער קולטור קאָנגרעס, באזונדערס אין די פארהאנדלונגען מיטן "ארבעטער־רינג" און מיטן "ייוואָ".

די פאראייניקונג מיט די ארבעטער־רינג לערער־קורסן [110]

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן דערויף, אז קורץ נאָכן אויפקום פון יידישן לערער־סעמינאר האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט פון "ארבעטער־רינג" אָרגאניזירט אן אייגענעם קורץ־טערמיניקן לערער־קורס פאר זיינע אייגענע באדערפענישן מיט יעקב לעווינען ווי דער דירעקטאָר. אין לערניאָר 1919—1920 האָבן זיך די קורסן געעפנט אין דער הארלעמער "ארבעטער־רינג"־שול מיט א צאָל סטודענטן, וואָס האָבן די קורסן געדארפט פארענדיקן נאָך דריי חדשים. מ'האָט זיך לכתחילה באפרידיקט מיט דריי חדשים, מחמת ס'איז דער עיקר געגאנגען אין ארייננפירן די לערער פון די "ארבעטער־רינג"־שולן אין דער ספּעציעלער ארבעטארישער אָריענטאציע, וואָס די שולן זייערע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אין קעגנזאץ צו דער נאציאָנאל־יידישער אָריענטאציע, וואָס די "פאר־באנד" פאָלקסשולן האָבן פראָקלאמירט און וואָס האָט זיך בולט אויסגעדריקט אין דעם גייסט, וואָס ס'האָט געהערשט אין יידישן לערער־סעמינאר.

גלייך נאָכן ערשטן סיום פון די דריי־מאָנאטלעכע קורסן האָט מען זיי פארלענגערט אויף א יאָר. די פירער האָבן שנעל איינגעזען, אז קורסן אויף דריי חדשים קענען אפשר זיין גענוגנדיק פאר לערער, וואָס זיינען שוין ארייינגעטאָן אין דער פּראָפעסיע, אָבער לחלוטין נישט גענוג פאר יענע סטודענטן, וואָס זיינען ערשט געקומען זיך צוגרייטן צו ווערן לערער.

110 וועגן די אלע פרטים און דאטעס און אָפּמאכן צווישן ארבעטער־רינג און יידישן לערער סעמינאר זע: **דער פריינד**, יאנואר און מאי, 1936, אָקטאָבער, נאָוועמבער, דעצעמבער 1938, מערץ 1939, ווי אויך **דער פריינד** פון מערץ 1918 און מאי און סעפּטעמבער 1919.

דער בילדונגס־קאָמיטעט האָט זיך לכתחילה געקווענקלט און נישט אזוי לייכט געגעבן זיין הסכמה די קורסן צו פארלענגערן אויף א גאנץ יאָר. אָבער נאָכדעם, ווי די הסכמה איז געגעבן געוואָרן, האָבן די פירער פון די קורסן איינגעזען, אז אפילו איין יאָר איז ווייט נישט גענוג און שוין גענומען טראכטן און אגיטירן דערפאר, אז מ׳זאָל לערנען גאנצע צוויי יאָר. נאָך 6—7 יאָר דער־פארונג האָט מען ווידער פארלענגערט דעם דויער פון די קורסן אזוי, אז אין 1927 האָט מען שוין געלערנט גאנצע דריי יאָר.

אין א סך פרטים זיינען די קורסן משמעות געווען דערפאָלגרייך און דאָס האָט זיך אויף א פראקטישן אופן ארויסגעוויזן אין דער צאָל סטודענטן דורך די יאָרן. אין 1922—1923 האָבן געלערנט 30 תלמידים, אין 1925 — 40 תלמידים (9 פון זיי אמעריקאנער געבוירענע), אין 1924 — 41 תלמידים.

אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט זיך דורך דער גאנצער צייט געשפירט א געוויסע אומצופרידנקייט מיט די רעזולטאטן, און ס׳האָבן זיך וואָס לענגער אלץ מער געיאוועט מיינונגען און פאָר־שלאגן זיך צו פאראייניקן מיטן יידישן לערער־סעמינאר וואָס האָט יענע יאָרן באוויזן צו שטייגן אין דער צאָל רעגיסטרירטע סטודענטן, אין דער צאָל גראדואנטן און אין אויסברייטערן זיינע פערספעקטיוון.

מ׳האָט כסדר געהאלטן אין אָנווייזן, אז אין תוך זיינען נישטאָ קיין גוואלדיקע אונטערשיידן צווישן די קורסן און דעם סעמינאר. די לימודים זיינען, מיט קליינע אויסנאמען, איין און די זעלביקע. אויך די לערער, וואָס פירן אָן מיט די קורסן זיינען די זעלביקע אויף די קורסן ווי אין לערער־סעמינאר. איז צו וואָס מאכן שבת פאר זיך ?

און כך הוה — אין מיטן די צוואנציקער יאָרן האָבן זיך טאקע אָנגעהויבן ערנסטע פארהאנדלונגען צווישן בילדונגס־קאָמיטעט פון ארבעטער־רינג מיטן סעמינאר און ס׳קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אז שוין אין 1926 וואָלטן זיך די צוויי פאראייניקט, ווען נישט די שפאלטונג, וואָס איז צושטאנד געקומען אין די ״ארבעטער־

רינג״־שולן אין יענעם יאָר. היות ווי די קורסן האָבן סיי־ווי ניט פונקציאָנירט אין 1926 און היות ווי די שטימונג אין ״ארבעטער־רינג״ איז געווען א געדריקטע נאָך דער שפּאַלטונג, האָט מען ערשט באנייט די פארהאנדלונגען מיטן סעמינאר אין 1927 און דאָס מאָל, מיטן אוועקגיין פון די לינק־געשטימטע פירער פון די שולן, האָט זיך גענומען פילן א שטארקערע דערנעענטערונג צווישן די פאָרשטייער פון בילדונג־קאָמיטעט פון ״ארבעטער־רינג״ מיט די פאָרשטייער פון סעמינאר. אין משך פון די עטלעכע יאָר, ווען ס'זיינען געפירט געוואָרן ערנסטע פארהאנדלונגען צונויפצוגיסן די קורסן מיטן סעמינאר, האָט זיך די מערכה פון די ״ארבעטער־רינג״ שולן שטארק פארבעסערט. דער דוחק אין לערער פאר די שולן איז געוואָרן שטארקער, אזוי, אז מ'האָט פון אלע צדדים גענומען פילן די נויטבאדערפטיקייט אין העלפן אויסשולן קאדרען לערער.

אין 1929 איז טאקע געקומען צו אן אויסגלייך [111] און די קורסן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין סעמינאר. די פאראייניקונג האָט אָבער לאנג נישט געדויערט און אין שול־יאָר 1935 האָבן זיך די קורסן פון ארבעטער־רינג צוריקגעצויגן פון סעמינאר און ווידער אָנגע־פאנגען אן אייגענעם דרך צו בילדן לערער פאר די אייגענע שולן.

אין 1935, ווען די קורסן האָבן זיך באנייט, האָט זיך ארויס־געוויזן, אז פון די ״ארבעטער־רינג״־מיטלשולן אליין האָבן זיך אויף די קורסן רעגיסטרירט פערציק סטודענטן. די פירער פון די קורסן האָבן יענע יאָרן זיך געפילט אזוי האָפערדיק, אז זיי האָבן געפירט פארהאנדלונגען מיטן ״שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט״ וועגן אריינגעמען אויך די גראדואנטן פון זייער מיטלשול אויף די קורסן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די ארבעט פון די סטודענטן אויף די קורסן האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין דערפאָלגרייך אין א סך פרטים, האָט זיך נישט געפילט די זיכערקייט, אז די קורסן שטעלן מיט זיך פאָר א באשטענדיקן איינס אין דער בילדונגס און

---

111 זע: ארבעטער־רינג שול בולעטין פון יענעם יאָר.

דערציאונגס־ארבעט, וואָס דער ״ארבעטער־רינג״ האָט אָנגעפירט איבערן לאנד. דאָס קלערט אפשר אויף דעם פאקט, וואָס צווישן די יאָרן 1935 און 1944 האָבן זיך פאָרשטייער פון סעמינאר און פון ארבעטער־רינג כסדר באגעגנט און נאָכאנאנד געפירט ערנסטע פארהאנדלונגען זיך ווידער אָנצושליסן אָן סעמינאר.

ערשט אין 1949 האָבן זיך אָנגעפאנגען באווייזן סימנים פון אן ענדגילטיקער הסכמה, אז מ׳דארף און מ׳קאָןביידע אינסטיטוציעס פאראייניקן, דאָס מאָל האָט זיך אין די פארהאנדלונגען אריינגעמישט דער יידישער ״קולטור־קאָנגרעס״, וואָס האָט, דורך זיינע פאָרשטייער, אויסגעווירקט דעם נייטיקן דרוק אויף ביידע צדדים אזוי, אז אויף איינער פון די געמיינשאפטלעכע זיצונגען [112] איז אונטערגעשריבן געוואָרן אן אָפמאך וואָס האָט פעסטגעשטעלט: א) דער ״ארבעטער־רינג״ וועט צוטראָגן א סומע פון 3,000 דאָלאר יערלעך צום בודזשעט פון סעמינאר; ב) די גראדואנטן וועלן נאָכן גראדואירן באקומען א דיפלאָם, ווי א יידישער אָדער ווי א העברעאישער לערער; ג) די תלמידים, וואָס גרייטן זיך צו ווערן לערער אין די ״ארבעטער־רינג״־שולן זאָלן נישט דארפן לערנען מער ווי 11—12 שעה א וואָך און נישט 16 שעה, ווי ס׳איז איינגעשטעלט פאר די, וואָס טראכטן צו ווערן העברעאישע לערער [113].

די פאָרשטייער פון ביידע צדדים אין משך פון די אלע פארהאנדלונגען זיינען געווען: ש. ניגער, פיליפ פרידמאן, מאיר בראון, פנחס גינגאָלד, נחום כאנין, זלמן יעפרויקין און יודל באָרענשטיין.

מיר האָבן געמאכט עטלעכע פרווון צונויפצושטעלן א רשימה פון די סטודענטן, וואָס האָבן פארענדיקט די ״ארבעטער־רינג״ לערער קורסן אָבער דערווייל האָט זיך אונדז דאָס נישט איינגעגעבן. פאר די אלע יאָרן האָבן מיר דערהאלטן ידיעות וועגן ווינציקער פון א האלבן טוצן. פונקט ווי אין סעמינאר האָט מען

---

112 יוני 1949.

113 זע: **אידישער קעמפער**, אויגוסט 19, 1949 און מערץ 14, 1958.

אויך אויף די קורסן געפּראווועט דעם סיום מיט באנקעטן אויף וועלכע מ'האָט אויסגערעכנט די נעמען פון די רעדנערס, באַגרי־סערס און די באאמטע, אָבער נישט די נעמען פון די גראַדואַנטן [114].

פאַרהאַנדלונגען מיטן „ייוואָ"

געניי ווען ס'האָבן זיך אָנגעפאַנגען די פאַרהאַנדלונגען מיט פאָר־שטייער פון „ייוואָ" וועגן פאַראייניקן זיך מיטן יידישן לערער־סעמינאר איז דערווייל שווער פעסטצושטעלן צוליב די סיבות, וואָס מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט — ס'איז פאַרלוירן געגאַנגען דער גרעסטער טייל פון ארכיוו־אינווענטאר פון סעמינאר, ווען מ'האָט די סעמינאר־געביידע פאַרקויפט און נישט באוויזן איבער־צופירן די ביבליאָטעק און דעם ארכיוו [115].

וואָס מיר ווייסן יאָ איז, אַז אויף א זיצונג פון דער סעמינאר־פאַרוואַלטונג דעם 15טן אָקטאָבער, 1953, איז דר. פיליפּ פרידמאַן, דער דעמאָלטדיקער דירעקטאָר פון סעמינאר, אינסטרואירט גע־וואָרן זיך צו טרעפן מיט פאָרשטייער פון „ייוואָ" און זיך דורכרעדן וועגן די מעגלעכקייטן פון אַזא פאַראייניקונג. אין יאַנואַר (ס'איז נישט אינגאַנצן קלאָר, צי דאָס איז געווען אין 1953, אָדער אין 1954) איז טאַקע פאָרגעקומען א געמיינשאַפטלעכע זיצונג אין הויז פון א מיטגליד פון דער סעמינאר־פאַרוואַלטונג, ה. גילדין, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דעם באשלוס זיך ווייטער צו טרעפן.

אַזעלכע טענטאַטיווע שמועסן צווישן די פאָרשטייער פון ביידע אינסטיטוציעס זיינען פאָרגעקומען גאַנץ אָפט, אָבער צו קיין פּראַקטישע אויספירן האָבן זיי נישט געפירט, כאָטש די איניציאַ־טיוו איז געקומען פון בילדונגס־קאָמיטעט פון „ארבעטער־רינג". א שטאַרקן דרוק צו שאַפן אַזא פאַראייניקונג האָט אויך פּרובירט

---

114 זע למשל: **דער פריינד**, אָקטאָבער 1938.

115 אויף אָנפראַגעס אין „ייוואָ" וועגן מעגלעכע דאָקומענטן וואָס זאָלן אויפ־קלערן דעם אויפקום פון די פאַרהאַנדלונגען צווישן „ייוואָ" און דעם סעמינאר, האָט דער מחבר דערהאַלטן עטלעכע בריוו פון „ייוואָ", אַז אין דער „ייוואָ"־צענטראַלע געפינען זיך נישט קיין דאָקומענטן וועגן דעם.

מאכן דער "יידישער קולטור קאָנגרעס". ס'האָבן זיך דערין אויך אריינגעמישט א צאָל וויכטיקע יידיש־געזעלשאפטלעכע טוערס, ווי דער דעמאָלטיקער רעדאקטאָר פון **טאָג**, ס. דינגאָל, דער ראש־המדברים פון "נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד", מאיר בראון, די שרייבער י. אָפּאטאָשו און ה. לייוויק און א היפּשע צאָל אנדערע. דער אומדערמידלעכסטער פון אלע פאראינטערעסירטע אין רע־אליזירן אזא געפּלאנטע פאראייניקונג איז בלי ספק געווען דר. פיליפּ פרידמאן — וואָס איז געווען אוממיטלבאר פארבונדן בלב ובנפש סיי מיט "ייוואָ", סיי מיטן לערער־סעמינאר. פרידמאן האָט אלע יאָרן פון די פארהאנדלונגען אויסגעארבעט א גאנצע ריי מעמאָראנדומס, אין וועלכע ער האָט פּרובירט באווייזן, אז די נויטווענדיקייט פון דער צייט פירט צו איין מסקנה — אלע וועלטלעכע יידישע לערן־אינסטיטוציעס זאָלן זיך פאראייניקן און דאָס, וואָס שנעלער.

איין אזא מעמאָראנדום האָט פרידמאן פאנאנדערגעשיקט צו אלע פאראינטערעסירטע צדדים. צו באטראכטן דעם מעמאָראנדום האָט "ייוואָ" פאררופן א זיצונג אויפן 19טן אפּריל 1959. צו דער זיצונג זיינען געקומען מצד "ייוואָ": קלמן יווילער, איידא סעלצער, ה. לייוויק, י. אָפּאטאָשו, לייבוש לעהרער און שמואל ניגער. מאקס ווײַנרייך האָט זיך אנטשולדיקט פאר נישט קומען צו דער זיצונג, מחמת ער האָט יענעם טאָג געמוזט ארויספאָרן פון ניו־יאָרק. אין זיין בריוו שרייבט אָבער ווײַנרייך: "... על־כל־פנים האלט איך, אז דער פּראָיעקט איז בפירוש ווערט מען זאָל אים באטראכטן מיט דער פולער ערנסטקייט" [116].

פון סעמינאר זיינען צו דער זיצונג געקומען: פיליפּ פרידמאן, מאיר בראון, חיים בעז, לואיס סיגאל, זלמן יעפרויקין, הערי גילדין און בנימין בורשטין.

דער צוגעשטעלטער מעמאָראנדום האָט אנאליזירט דעם יידישן

116 א קאָפּיע פון דעם בריוו געפינט זיך אין סעמינאר.

קולטור־מצב אין אמעריקע און געקומען צו די ווייטערדיקע אויספירן:

1. דער פארמעסט צווישן די פארשידענע גרופירונגען אין יידישן לעבן דאָ אין לאנד צו פארנעמען א ווירקענדיק און א חשיבותדיק אָרט איז מחייב, אז די בויערס און שטיצערס פון דער קולטור אויף יידיש זאָלן ארבעטן און גיין האנט ביי האנט.

2. די צוזאמענארבעט דארף זיך דער עיקר אויסדריקן אין שאפן אינסטיטוציעס פאר העכערער יידישער אויסבילדונג מיטן אקצענט אויף שולן לערער פאר די יידישע שולן פון אלע מדרגות, פונקציאָנארן פאר די יידישע קולטור־צענטערן איבערן לאנד, ווי אויך פאָרשער אויף אלע געביטן פון ספעציעלן יידישן אינהאלט.

3. נאָר אזא איינשטעל קאָן פארזיכערן, אז אין דעם יידישן לעבן, וואָס עס געשטאלטיקט זיך דאָ אין לאנד, זאָלן אויך אריינגענומען ווערן די וויכטיקסטע עלעמענטן פון דער רייכער יידישער קולטור־ירושה פון מזרח־אייראָפעאישן יידנטום.

די זיצונג האָט זיך פארנומען מיט ברייטע דיסקוסיעס און מיט כלערליי פראגעס און ענטפערס און זיך געענדיקט מיטן באשלוס, אז מ׳דארף יעדן צד געבן גענוג צייט די ענינים צו באטראכטן און זיך נאָכאמאָל צונויפזאמלען נאָך די זומער־וואקאציעס.

א המשך פון דער זיצונג איז אויפסניי פארגערופן געוואָרן אויף דעם 17־טן נאָוועמבער 1959 מיט די פריער־דערמאָנטע פאָרשטייער און מיט עטלעכע נייע: צבי כרמל (דער נייער דירעקטאָר פון סעמינאר), ה. א. אבראמסאָן און מ. מענטשעל.

נאָך אלע סאָרטן דיסקוסיעס אויף דער לעצטער זיצונג האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די פאָרשטייער פון סעמינאר זיינען פה־אחד פאר צוזאמענארבעט אויף א סך געביטן און אז די פאָרשטייער פון ״ייוואָ״ וועלן זיך באמיען וואָס גיכער צושטעלן זייער ענדגילטיקן ענטפער.

דעם 22סטן דעצעמבער 1959, איז אָנגעקומען דער ענטפער פון ״ייוואָ״. דער ענטפער האָט פעסטגעשטעלט:

1) א פאראייניקונג פון די צוויי יידישע אינסטיטוציעס וועט

נישט ברענגען קיין שום נוצן — נישט דעם סעמינאר, נישט דעם ״ייווא״.

2) ס׳זיינען אצינד נישט דאָ די כוחות, וואָס זאָלן קענען אויפ־בויען א נייעם יידיש־אקאדעמישן אינסטיטוט.

3) ס׳וואָלט אפשר געהאט אן אנדער פּנים, ווען די איניציאטיוו פאר אזא פאראייניקונג וואָלט געווען געקומען פון די אלגעמיינע יידישע מאסן־אָרגאניזאציעס.

כאָטש כאנין און יעפּרויקין האָבן אויפסניי אויפגעהויבן די פראגע פון פאראייניקן דעם ״ייווא״ מיטן סעמינאר אין יאנואר 1960, האָט דער נייער פּרווו נישט געבראכט קיין בעסערע רעזול־טאטן ווי די פריערדיקע. אין א בריוו, וואָס מאיר בראון האָט יענעם חודש געשיקט צו לואיס סיגאל[117] לאָזט ער דעם לעצטן וויסן, אז ״לייבוש לעהרער איז ביי דער מיינונג, אז זיי וועט דאָס נישט געלינגען״.

די פאַרהאנדלונגען צווישן סעמינאר און ״ייווא״, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין די שפּעטע 50־קער יאָרן און אָנגעהאלטן ביז אָנפאנג די 60־קער יאָרן האָבן, ווי מיר זעען, נישט געפירט צום אויפבוי פון א געמיינשאפטלעכן הויכן אקאדעמישן אינסטיטוט.

פון די פילע פארזוכן, וואָס דער יידישער לערער סעמינאר האָט געמאכט דורך די אלע יאָרן זיך צו פאראייניקן מיט אנדערע יידישע לערן־אינסטיטוציעס, האָט זיך דאָס איינגעגעבן בלויז מיטן בית־מדרש למורים ״הרצליה״.

פאראייניקונג מיט ״הרצליה״

דער ״בית מדרש למורים הרצליה״ איז אויפגעקומען מיט געציילטע יאָרן נאָכדעם, ווי דער יידישער לערער סעמינאר האָט אָנגע־פאנגען זיינע טעטיקייטן אין 1918. דאָס איז געווען אין יאָר 1921, אונטער דער אָנפירערשאפט פון דערציער און העברעאישן דיכטער משה פיינשטיין. דער ״הרצליה״־סעמינאר איז געווען א פיר־

117 דער סעקרעטאר פון ״יידיש־נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד״.

יאַריקער און האָט געגעבן די תלמידים קורסן אין תנ״ך, תלמוד, העברעאיש, געשיכטע, פסיכאָלאָגיע, העברעאישע ליטעראַטור, געזאַנג, צייכענען און געפּאָדערט פון די גראַדואַנטן א יאָר פּראַקטי־שע ארבעט אין העברעאישע שולן.

די רעגיסטראַציע פון סטודענטן איז געשטיגן פון יאָר צו יאָר און אין געוויסע יאָרן האָבן די קורסן אויפגענומען איבער 150 סטודענטן. די גראַדואַנטן פון ״הרצליה״ סעמינאַר האָבן אָנגע־נומען שטעלעס אין העברעאישע שולן און תלמוד־תורה׳ס אין די שטאָטן אין קאַנאַדע. אַנדערע זענען געוואָרן העברעאישע לערערס אין די אלגעמיינע רעגירונגס שולן. און א צאָל האָבן ווייטער שטודירט און גראַדואירט אין רבנים־סעמינאַרן.

א גאַר גרויסער פּראָצענט פון די סטודענטן אין דעם סעמינאַר זיינען געווען הי־געבוירענע. אַ היפּשע צאָל זענען געקומען פון פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּע און פון ישראל.

אין די 60־קער יאָרן האָט די רעגיסטראַציע אין ״הרצליה״־סעמינאַר אָנגעהויבן צו פאַלן. די ״הרצליה״־מיטלשול, וואָס האָט נאָרמאַל צוגעשטעלט א גרויסן פּראָצענט סטודענטן פאַרן סעמינאַר — האָט זיך צוגעמאַכט. אויך די ביז איצטיקע הכנסה איז שוין נישט געווען גענוג צו דעקן די אויסגאַבן. א חוץ די סיבות, האָט דער ״הרצליה״־סעמינאַר אויך געליטן, אויף אַן אומדירעקטן אופן דערפון, וואָס ער האָט נישט געהאַט די נייטיקע רעכטן צוצוטיילן אַקאַדעמישע טיטלען, ווי דאָס האָט געהאַט דער יידישער לערער־סעמינאַר.

שוין סוף די 50־קער יאָרן האָט זיך גענומען באַוויזן א שיין פון דערנענטערונג צווישןביידע סעמינאַרן, און פאָרשטייער פון ביידע אינסטיטוציעס האָבן זיך פון צייט צו צייט באַגעגנט און גענומען ערנסט טראַכטן וועגן דער מעגלעכקייט פון שאַפן א פאַר־אייניקטע אַקאַדעמישע אינסטיטוציע.

ס׳זיינען אָבער דערביי ארויסגעשוואומען א צאָל שוועריקייטן. איין פונדאַמענטאַלע שוועריקייט איז געווען די שפּראַך־פראַגע. אין יידישן לערער־סעמינאַר האָט מען, אחוץ העברעאיש און

העברעאישע ליטעראטור, געלערנט אויך יידישע לימודים און יידישע ליטעראטור. אין "הרצליה"־סעמינאר האָט מען קיין יידיש און יידישע ליטעראטור קיינמאָל נישט געלערנט. ס'איז אויך אין די פארהאנדלונגען אנטשטאנען די שוועריקייט פון פארטרעטער־שאפט אין דער אויבערשטער אינסטאנץ פון די פאראייניקטע סעמינארן, ד.ה. אין דער פארוואלטונג. נישט דער לערער־סעמינאר און נישט "הרצליה" האָבן געקענט צושטימען צו א פארטרעטער־שאפט, וואו איין צד קאָן מאיאָריזירן דעם צווייטן, און אזוי ארום מינימיזירן זיין השפעה אויף להבא.

די פארהאנדלונגען האָבן זיך געצויגן לאנגע יאָרן. פאר די דירעקטאָרן און די פארוואלטערס פון "הרצליה" איז דאָס איינ־שליסן די לימודים פון יידישן לערער־סעמינאר, ספעציעל די לימודים פון יידישער שפראך און ליטעראטור, געשיכטע פון יידיש א.א.וו. אין דעם פראָגראם פון נייעם פאראייניקטן סעמינאר, נישט געווען קיין לייכטע פיל אראָפּצושלינגען. נאָך כלערליי פארהאנד־לונגען האָבן די "הרצליה"־דירעקטאָרן לסוף ארויסגעשיקט א פינאלע דערקלערונג צו די פארוואלטערס און צו די עלטערן. אין אָט דער דערקלערונג קומען די דירעקטאָרן צו די ווייטערדיקע אויספירן [118]:

א) דער פאָרשלאג איינצושליסן א קורס פון יידיש, יידישער ליטעראטור און פאָלקלאָר אין דעם פראָגראם, וואָס די סטודענטן דארפן אויפנעמען — איז א וויכטיקער און צייטלעכער פאָרשלאג.

ב) זיין באקאנט מיט וויכטיקע טיילן פון דער יידישער ליטע־ראטור איז פון גרויס וויכטיקייט פאר סטודענטן, וואָס גרייטן זיך צו ווערן יידישע לערער, און וויכטיק איז דאָס נישט **ווייל עס האנדלט זיך וועגן א פאראייניקונג, נאָר צוליב דער זאך גופא.**

ג) די דאָזיקע נייע לימודים דארפן מיט גאָרניט שטערן די איצטיקע פראָגראמען פון "הרצליה", אָדער פארנעמען דאָס אָרט

118 די דאָזיקע דערקלערונג געשריבן אויף ענגליש, געפינט זיך אצינד אין ארכיוו פון פאראייניקטן סעמינאר.

פון פאראנענע קורסן. די נייע לימודים דארפן ווערן אן אינטעגראַ־לער חלק פון דעם גאנצן פּראָגראם.

די שטימונג אין יידישן לערער־סעמינאר איז אין משך פון די אלע פארהאנדלונגען, אָנהייב די זעכציקער יאָרן, געווען אמבי־וואלענטיש. מ׳האָט ארויסגעוויזן א שטארקע באגייסטערונג פאר אזא פאראייניקונג און אין דער זעלביקער צייט האָט אויך גע־הערשט א שטימונג פון מורא, צו וואָס אזא פאראייניקונג קען פירן. א צאָל פאָרשטייער פון סעמינאר, ספּעציעל די, וואָס האָבן אין סעמינאר פארטראָטן דעם "ארבעטער־רינג", דעם "יידישן קולטור קאָנגרעס" און דעם "שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט", האָבן געטענהט, אז אוודאי וועט זיין א געווינס ארייננצוקריגן די רעלאטיוו גרויסע צאָל סטודענטן פון "הרצליה", אָבער וואָס וועט פאסירן מיט די אלע לימודים אויף יידיש וואָס קאָנען נאָך בטל בשישים ווערן אין דעם פארצווייגטן פּראָגראם, וואָס "הרצליה" וועט ארייינברענגען אין סעמינאר ?

די דאָזיקע מורא, ווי אויך דער אומווילן מצד "הרצליה" אריינ־צונעמען דעם יידיש־לימוד, האָט טאקע געפירט דערצו, אז מ׳האָט די פארהאנדלונגען איבערגעריסן א שיינע פּאָר מאָל. ס׳זיינען אנטשטאנען חילוקי־דעות, דער עיקר וועגן פּראָגראם און וועגן דער רעפּרעזענטאנץ אין דער פארוואלטונג.

אזוי האָבן זיך די פארהאנדלונגען געצויגן ביזן יאָר 1967. אין יוני פון דעם יאָר 1967 איז מען ענדלעך דערגאנגען צו א פולן אויסגלייך און טאקע דעם חודש האָט דער דעקאן פון יידישן לערער סעמינאר געלאָזט וויסן די פארוואלטונגס מיט־גלידער, אז ביידע צדדים זיינען גרייט צו שליסן דעם אָפּמאך, וואָס האָט, צווישן אנדערע פונקטן, פעסטגעשטעלט, אז דער נאָמען פון דער פאראייניקטער לערן־אינסטיטוציע זאָל זיך לייענען אויף די דריי שפּראכן אזוי :

אויף יידיש : יידישער לערער־סעמינאר און פאָלקס־אוניווער־סיטעט — בית מדרש למורים הרצליה.

אויף העברעאיש: בית מדרש למורים הרצליה — הסמינר היהודי ואוניברסיטה עממית.

אויף ענגליש: Herzliah Hebrew Teachers Institute — Jewish Teachers Seminary and People's University.

מיט איין חודש שפּעטער האָט דער דעקאַן פון דעם פאראייניקטן סעמינאר מודיע געווען, אז איןביידע אינסטיטוציעס געפינען זיך אצינד 161 סטודענטן — 56 פון ״הרצליה״, 25 פון יידישן לערער סעמינאר, 40 פון דער גראדואיר שול און 40 באזוכערס אויף די לעקציעס פון פאָלקס־אוניווערסיטעט.

קאַפּיטל יד

די רעכט צוצוטיילן אקאדעמישע טיטולן

שוין אין אָנהייב פון זיין עקזיסטענץ האָבן די פירערס און טוערס פון סעמינאר איינגעזען, אז כדי צו קענען צוציען די יידישע יוגנט צו קומען אין סעמינאר לערנען און מיט דער צייט ווערן יידישע און העברעאישע לערער, איז אומבאדינגט נייטיק צו קריגן פאַרמעלע רעכט פון שטאט ניו־יאָרק צוצוטיילן דיפּלאָמען און אקאדעמישע טיטולן.

כדי אויסצומיידן געוויסע שוועריקייטן, פינאנציעלע, אקאדע־מישע און עקאָנאָמישע, האָט מען אין סעמינאר באשלאָסן זיך ווענדן נאָך דער לעגאליזאציע ניט צום הויפט פון אוניווערסיטעט פון שטאט ניו־יאָרק (וואָס איז געווען דער ממונה פאר אזא אנערקענונג), נאָר דירעקט צו דער לעגיסלאטור אין אָלבאני, די העכסטע לעגאלע קערפּערשאפט אין שטאט.

דערצו, איז נייטיק געווען די הסכמה און די הילף פון גאווערנאָר פון שטאט, וואָס איז דעמאָלט געווען הערבערט לעהמאן. כדי צו קריגן זיין הסכמה האָט מען אים באדארפט צושטעלן א פּראָיעקט־מעמאָראנדום מיט אונטערשריפטן פון וויכטיקע יידישע פּערזענ־לעכקייטן, פון וויכטיקע פּאָליטישע פירערס, פון באוואוסטע שרייבערס און פון מענטשן מיט א נאָמען אין דער יידישער וועלט אין אמעריקע. ס'איז ביז גאָר אינטערעסאנט, אז נישט ווייניקער פון 96 אזעלכע פּערזענלעכקייטן האָבן געגעבן זייערע חתימות און ס'איז קיין שום ספק נישט, אז דער פאקט האָט באוואויגן גאָווערנאָר לעהמאן צו רעקאָמענדירן די לעגאליזאציע פון סעמי־נאר צו דער לעגיסלאטור פון שטאט ניו־יאָרק.

צווישן די אונטערשרייבערס פון מעמאָראַנדום צום גאָווערנאָר לעהמאַן געפינען מיר די נעמען :

אלבערט איינשטיין
קאָנגרעסמאַן ע. סעלער
דר. חיים זשיטלאָווסקי
שמואל ניגער
פּראָפ. חיים טשערנאָוויץ
זלמן רובאשאָוו (שז״ר)
חיים גרינבערג
דר. אברהם האלקין
דר. א. קאראָלניק
דר. י. א. מעריסאָן
דוד פּינסקי
הלל ראָגאָף
יוסף אָפּאטאָשו

יוסף שלאָסבערג
טשארני וולאדעק
לואיס ליפּסקי
דוד ווערטהיים
פּראָפ. י. ס. יפה
מנחם ריבאלאָוו
קארל שערמאן
דר. שלמה סיימאָן
דר. אב. שווארצבורג
פּראָפ. חיים פּיינמאן

כדי צו לעגאליזירן דעם סעמינאר איז נייטיק געווען א ספּעציעלע געזעץ אין דער שטאט־לעגיסלאטור, און אזא געזעץ־פּראָיעקט איז צוגעשטעלט געוואָרן דער לעגיסלאטור מיט דער הילף פון גאָווערנאָר לעהמאן. נאָך א היפּש ביסל דעבאטעס און פארהאנדלונגען האָבן ביידע קאמערן פון דער לעגיסלאטור אָנגענומען דעם געזעץ־פּראָיעקט אפּריל דעם 27סטן 1935, וואָס איז רעקאָרדירט געוואָרן אין די געזעץ־ביכער פון שטאט ניו־יאָרק אונטערן צייכן 539 טשארטער, Laws of New York 1935. אין הסכם מיט דעם געזעץ האָבן די אפּליקאנטן באקומען דאָס רעכט צו ״עטאבלירן אן אינסטיטוט צו שולן מענער און פרויען פאר דער יידישער לערן־פּראָפעסיע, אָנפירן פּאָרש־ארבעטן און באדינען די יידישע קהילה און אויסהאלטן א ביבליאָטעק״.

פּונקט דריי אין דעם געזעץ גיט דעם סעמינאר ״רעכט ארויסצוגעבן דיפּלאָמען מיטן טיטול באקאלאראט פון יידישע פּעדאגאָגיע,

פון יידישער ליטעראטור און דאָקטאָר פון יידישער ליטעראטור".

ס'דארף זיכער פארצייכנט ווערן, אז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען א יידיש־וועלטלעכע אקאדעמישע אינסטיטוציע האָט ארויסבאקומען אזעלכע רעכט פון אן אמעריקאנער שטאט־לעגיסלאטור.

אין די פערציקער יאָרן האָט דער סעמינאר איבערגעלעבט שווערע קריזיסן. דאָס לאנד איז געווען אריינגעצויגן אין דער בלוטיקסטער מלחמה אין דער געשיכטע, פינאנציעלע הכנסות זיינען שרעקלעך געפאלן און דער עיקר — ס'זיינען נישט צוגעקו־מען דורך די יאָרן קיין פאסיקע לערער־קאנדידאטן. אין א פאר־טרויילעכן באריכט, וואָס דער סעמינאר האָט פאנאנדערגעשיקט צו די נאָענטסטע מענטשן איז געמאָלדן געוואָרן, אז אין סעמינאר געפינען זיך בס"ה 35—40 סטודענטן און אז די מערסטע פון זיי נעמען נישט אויף דעם פולן לערער־קורס פראָגראם. לויט אונדזערע רשי־מות גראדואנטן זיינען אינגאנצן געווען וואָסערע 22, וואָס האָבן גראדואירט צווישן 1939 און 1949. ס'איז נייטיק דערביי צוצוגעבן, אז דער ציפער איז נישט פארלאָזלעך, מחמת די באריכטן פון סעמינאר־טעטיקייטן יענע יאָרן זיינען פארלאָרן געגאנגען, ווען מ'האָט פארקויפט די געביידע אויף דער 70סטער גאס אין ניו־יאָרק.

אָבער איידער די פערציקער יאָרן זיינען געקומען צו א סוף האָט זיך דאָס רעדל אינגאנצן איבערגעדרייט — די "ארבעטער־רינג לערער־קורסן" האָבן זיך איינגעשלאָסן אין סעמינאר און דערמיט געטאָפּלט די סטודענטן־רעגיסטראציע און געהויבן די פינאנצן. ס'זיינען צוגעקומען א היפשע צאָל פון דעם "הבונים" באוועגונג אין לאנד, וואָס פאר זיי זיינען צוגעגרייט געוואָרן ספּעציעלע קורסן, און ס'האָט זיך געדאכט אז דאָס מזל פון סעמינאר לייכט אויף אויפסניי.

דר. פיליפּ פרידמאן, וואָס האָט איבערגענומען די דירעקציע פון סעמינאר אין 1948 איז אריין אין זיין אמט, ווען אין סעמינאר האָבן געלערנט א שיינע צאָל הי־געבוירענע. ס'זיינען צוגעקומען

דאָרשטיקע נאָך וויסן פון דער שארית־הפליטה און ס'האָט אויס־געזען, אז מ'קען ווידער באלעבן דעם חלום צו פארוואנדלען דעם סעמינאר אין א יידישער הויכשול, אין אן אקרעדיטירטן קאָלעדזש, וואָס וועט צוציען די היגע יידישע יוגנט, וואָס וויל זיך פארטיפן אין יידישער בילדונג און מיט דער צייט ווערן לערער און מדריכים אויף דער יידישער גאס.

די דאָזיקע הויכשול, לויט פרידמאנס [119] פלאן האָט געזאָלט איינפירן די ווייטערדיקע דעפארטעמענטן :

א) א פעדאגאָגישער פאקולטעט ; ב) פילאָלאָגישער פאקולטעט ; ג) א חיים גרינבערג אינסטיטוט פאר סאָציאלע וויסנשאפטן ; ד) קינדערגאָרטן אָפטייל ; ה) קורסן פאר סעקרעטארן און ו) א הויכשול פאר מאגיסטער און דאָקטאָראט־קאנדידאטן.

דער געדאנק צו פארוואנדלען דעם סעמינאר אין א קאלעדזש לויטן מוסטער פון די אלגעמיינע אמעריקאנער לערער קאלעדזשעס איז געבוירן געוואָרן מיט יאָרן פריער. באזונדערס נאָך 1935, ווען דער סעמינאר האָט באקומען זיין "טשארטער", וואָס האָט אים געגעבן דאָס רעכט צוצוטיילן באקאלאווראט און דאָקטאָר־טיטולן פון יידישע לימודים און יידישער פעדאגאָגיק [120].

שוין דעמאָלט האָט מען אין סעמינאר געפלאנעוועט צו אָרגאַניזירן די פאָלגנדיקע אָפטיילונגען :

א) אן ארבעטער קאלעדזש
ב) א קאלעדזש פאר וועלטלעכע לימודים
ג) א קאלעדזש פאר יידישע און העברעאישע לימודים
ד) א לערער סעמינאר
ה) א שול פאר לאנדווירטשאפט מיט א ספעציעלער אָפטיילונג פאר הכשרה און
ו) א פאָלקס־אוניווערסיטעט פאר דערוואקסענע.

---

119 קאָפּיע פון דעם פלאן געפינט זיך אין ארכיוו פון סעמינאר.

120 וועגן דער ספעציעלער קאָנפערענץ פאר דעם צוועק זע : **אידישער קעמפער** יולי 5, 1935, אויגוסט 30, 1935.

דער דאַזיקער אייביקער חלום פון סעמינאר האָט זיך געצויגן דורך די דרייסיקער און די פערציקער יאָרן און ווען דר. ווײַנריב האָט אין 1947 און דר. פרידמאַן אין 1948 די פלענער אויפסנײַ באַנײַט און באַוויזן צוצוציען א היפּשע צאָל פּערזענלעכקייטן פון דער יידיש־אקאַדעמישער סביבה און א היפּשע צאָל פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג — האָט דאָס דעמאָלט אויסגעזען, אַז ס׳האַלט טאַקע ביי רעאַלי־זאַציע.

נאָך דר. פרידמאַנ׳ס קאַדענץ איז אויך דר. צבי כּרמל, וועלכער האָט איבערגענומען דעם אַמט פון דירעקטאָר אין 1957, מיטגע־ריסן געוואָרן מיטן אַלטן חלום און געראָפן און דערמאָנט, אַז אויב מ׳וועט נישט אויפשטעלן א העכערע לערן־אינסטיטוציע מיט אַלע אקאַדעמישע רעכטן לויטן מוסטער פון אַמעריקאַנער קאַלעדזשעס וועט דער סעמינאר נישט באַווייזן צוצוציען צו זיך די יידישע יוגנט, ווייל נאָר אַזאַ אינסטיטוציע איז בכּוח צו הייבן דעם פּרעסטיזש און דעם אַקאַדעמישן סטאַטוס פון סעמינאר [121].

אָבער אויך אונטער כּרמלס דירעקציע איז מען ווייטער פון פּלאַנירן נישט געגאַנגען. דער יידיש־וועלטלעכער סעקטאָר אין לאַנד האָט נישט פאַרמאָגט יענע יאָרן די אַדמיניסטראַטיווע און פיסקאַלישע כּוחות אָוועקצולייגן אפילו בלויז דעם גרונטשטיין פאַר אַזאַ דערהויבענעם פּלאַן.

אין 1960, ווען דר. גרשון ווײַנער האָט איבערגענומען דעם אַמט פון סעמינאר דירעקטאָר האָט מען אויפסנײַ אויפגעלעבט די אקאַדעמישע פּלענער. דר. ווײַנער האָט באַוויזן צוצוציען פרישע כּוחות, היפּשלעך פאַרגרעסערן דעם געלט־קאַפּיטאַל פון סעמינאר און צום טייל אויך נאָכצוקומען א ריי פאָדערונגען פון שטאַט ניו־יאָרק אין שייכות מיט אויסנוצן די רעכט פון געגעבענעם "טשאַר־טער" אין צוטיילן אַקאַדעמישע טיטולן. ס׳איז געשאַפן געוואָרן

121 אונטער כּרמלס דירעקציע האָבן זיך אין 1957 פאַרשריבן אין פּראָ־סעמינאר 19 יוגנטלעכע.

א באזונדער אָפּטיילונג פון סטודענטן מיט דיפּלאָמען פון א מיטל־שול און א פּיר־יאָריקן פּראָגראם וועלכער האָט געגעבן א באקאלאווראט־טיטול. אין 1964 איז צום ערשטן מאָל פאָרגעקומען א סיום־פייערונג פון צוטיילן אקאדעמישע טיטולן, אויסנוצנדיק די לעגאלע רעכט, וואָס דער סעמינאר האָט געהאט זינט 1935.

אין די ערשטע זעכציקער יאָרן האָט די זון גענומען העלער שיינען פארן סעמינאר. א גרעסערע צאָל פּראָמינענטע פירער דאָ אין לאנד און אין ישראל האָבן די פאָרגעלייגטע פּלענער פאר א יידישן סעקולערן אוניווערסיטעט אונטערגעשטיצט און ערנסט אפּלאָדירט. ספּעציעל האָבן דאָס געטאָן דר. טארטאקאָווער, לוי אשכול, דוד בן־גוריון, נחום גאָלדמאן, זלמן שזר א.א. מ׳האָט אין די פּלענער איינגעשלאָסן א ספּעציעלן אָפּטייל פאר א חיים גרינבערג אינסטיטוט [122]. די ארבעטער־רינג לערער־קורסן זיינען שוין דאמאָלט געווען אן אינטעגראלער טייל פון דעם סעמינאר און די האָפענונג איז געווען שטארק, אז מ׳וועט קאָנען שאפן יד־אחת אויך מיטן "ייוואָ" און בית־מדרש למורים "הרצליה" און אזוי ארום קאָנען אויפשטעלן די אקאדעמישע דאך־אינסטיטוציע, וואָס זאָל דינען דעם יידיש־וועלטלעכן סעקטאָר אויפן געביט פון צוגרייטן לערער פאר אלע טיפּן יידישע שולן און וואָס זאָל אויך בילדן פאָרשער און אינסטרוקטאָרן פון א הויכן קאליבער.

גאָר באזונדערס איז די האָפענונג געוואָרן שטארק, ווען ס׳איז ענדגילטיק דורכגעפירט געוואָרן א טייל פון די פּלענער און מ׳האָט געלאָזט וויסן אין דער עפנטלעכקייט — אין מיטן די זעכציקער יאָרן — אז דער סעמינאר האָט איינגעשטעלט א פולע פּראָגראם פאר א גראדואיר־שול מיט אלע יורידישע רעכטן צוצוטיילן דאָקטאָראטן צו אירע גראדואנטן [123].

122 וועגן דעם געפּלאנטן אינסטיטוט זע ווייטער, ז. 151.

123 די גראדואיר־שול איז פאָרמעל דערפענט געוואָרן אין 1965. אין 1965—1966 — האָבן זיך פארשריבן — 41 סטודענטן, אין 1966—1967 — 38 סטודענטן, אין 1967—1968 — 39 סטודענטן און אין 1968—1969 — 55 סטודענטן.

ס'איז אויך אין דער זעלבער צייט עטאבלירט געוואָרן אין סעמינאר א מוזיק־שול, וואָס האָט זייער שנעל צוגעצויגן קאדרען סטודענטן, פאראינטערעסירטע אין ליטורגישער און אין יידישער פאָלקס־מוזיק און שייכותדיקע לימודים.

די דאָזיקע צוויי אָפּטיילן זענען גלייך פון אָנהייב געווען און זיינען אויך אצינד גוט פארפעסטיקט אין דער לערן־אינסטיטוציע און באווייזן צוצוציען יאָר־יערלעך גרעסערע צאָלן אפליקאנטן.

אין דעם ערשטן יאָר ווען די צוויי אָפּטיילן האָבן אָנגעפאנגען זייערע קלאסן האָבן זיך פארערגיסטרירט אין דער

גראדואיר־שול — 41 סטודענטן

מוזיק־שול — 38 סטודענטן

אין לערן יאָר 1967—1968 האָבן אין פאראייניקטן סעמינאר געלערנט 58 סטודענטן, אין פאָלקס־אוניווערסיטעט 46, בס"ה אין דעם לערן־יאָר 182 באזוכער.

מען מעג דעריבער מאכן דעם אויספיר, אז די אלע פארזוכן, וואָס דער סעמינאר האָט געמאכט זינט זיין אויפקום אויפצושטעלן דאָ אין לאנד אן אקאדעמישע דאך־אינסטיטוציע, האָבן יאָ געפירט צו א צאָל פּאָזיטיווע דערגרייכונגען: באקאלאווראט־טיטולן זיינען צוגעטיילט געוואָרן יערלעך זינט 1964. די גראדואיר־שול האָט זינט 1967 אויסגעטיילט א צוויי־דריי דאָקטאָראטן יערלעך; די ניי־געשאפענע מוזיק־שול האָט ארויסגעגעבן מוזיק־אינסטרוק־טאָרן; און מען האָט אָנגעהויבן ארויסצוגעבן א פינף ביז זיבן לערער־סערטיפיקאטן יאָר־יערלעך פאר יידישע לערער, און א גרעסערע צאל פאר העברעאישע לערער א דאנק דער פאראייניקונג מיט "הרצליה".

דער אקאדעמישער ראט

אין דעם פארזוך, וואָס דער סעמינאר האָט געמאכט אין אָנפאנג פון די זעכציקער יאָרן אויסצוברייטערן די פעריפעריע פון זיינע

טעטיקייטן און דערביי הייבן דעם אקאדעמישן סטאטוס און פרעסטיזש לטובת דעם סעמינאר און זיינע סטודענטן, האָט די סעמינאר־אדמיניסטראציע אין 1962 איינגעשטעלט אן "אקאדעמישן ראט", וואָס האָט געהאט און האָט נאָך אצינד די הויפּט־עובדה אכטונג צו געבן, אז די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון סעמינאר זאָל זיין אין הסכם מיט די שיינע טראדיציעס פון העכערער בילדונג אין אמעריקע.

דער ערשטער פּרעזידענט פון ראט איז געווען יעקב י. הארטשטיין. צו אים האָט מען צוגעגעבן יענעם יאָר: האָראַס קאלען, יוסף טשעסקיס, עזריאל נאקס, שיקל פישמאן, יוסף לאנדיס, מרדכי קאָסאָווער, נתן זיסקינד, נתן רייד, סאָל ליפּצין, מערי סירקין, מרדכי קאפלאן און אוריאל וויינרייך.

קאַפּיטל טו

פּלענער וואָס זיינען דורכגעפאלן

אין 1960 איז געמאכט געוואָרן א פארזוך אויפצושטעלן אן "אינסטיטוט פאר יידישע פּראָבלעמען". דער פּלאן איז געווען: שאפן אן אומפּארטייאישן אינסטיטוט, אין וועלכן כלערליי נאציאָנאלע, געזעלשאפטלעכע, עקאָנאָמישע און דערציערישע פּראָבלעמען זאָלן קאָנען ברייט אנאליזירט ווערן און אזוי ארום העלפן די צוהערער בעסער אויפצונעמען און פארשטיין די פּאָזיטיווע און נעגאטיווע שטעלונגען און אויספירן, וואָס ווערן טאָג־טעגלעך ארייגעפירט אין יידישן לעבן מצד פארטרעטער פון פארשידענע און קעגנגעזעצלעכע גרופּירונגען.

אָנצופירן מיט דעם געפּלאנטן אינסטיטוט איז באשטימט געוואָרן דער גענעראל־סעקרעטאר פון יידישן קולטור־קאָנגרעס, חיים בעז, וואָס האָט אין משך פון יאָרן געהאָלפן צוזאמענצוהאלטן די פארשידענע צדדים אויף דער יידישער גאס. אן אָנהייב דערצו איז אין יענעם יאָר געמאכט געוואָרן, אָבער נישט מער ווי אן אָנהייב. ס'האָט זיך באלד ארויסגעוויזן, אז די פארשידענע צדדים זיינען נאָך נישט גרייט פאר אזא געמיינזאמער פאראייניקונג, און ווייטער פון די ערשטע טריט איז מען נישט אוועקגעגאנגען.

דער גרונט־געדאנק אין די אלע פּלענער איז געווען אייגנטלעך אן איבערחזרונג פון די פּאָרשלאגן, וואָס יואל ענטין האָט געהאט מיט יאָרן פריער פּאָרגעלייגט אין זיינע פּלענער צו פארוואנדלען דעם יידישן לערער סעמינאר אין א יידיש־וועלטלעכן אוניווערסיטעט, וואָס זאָל ווערן די היים פאר אלע נאציאָנאלע און פּעדאגאָגישע כוחות פון דעם יידישן פאָלק אין אמעריקע. יואל ענטין האָט וועגן דעם געחלומט שוין אין די ערשטע יאָרן פון

סעמינאר און האָט טרעפלעך סומירט אלע דיסקוסיעס און וויכוחים ארום דער פראגע אין איין קורצן פאראגראף:

"די פארוואלטער פון סעמינאר ארבעטן איצט אויס א פלאן צו פארוואנדלען דעם איצטיקן לערער־אינסטיטוט אין א יידישן אוני־ווערסיטעט, וואָס דער איצטיקער סעמינאר זאָל בלויז זיין דער פעדאגאָגישער פאקולטעט, לעבן וועלכן עס זאָלן אויסוואקסן פיל אנדערע פאקולטעטן פון יידישן און אלגעמיינעם וויסן" [124].

ווי עס פאסט פאר אן אקאדעמישער פאָלקס־אינסטיטוציע, ווי עס איז און ווי עס איז געווען דער יידישער לערער סעמינאר, האָט מען כסדר געזוכט וועגן און מיטלען, ווי שטארקער אויס־צובר̇ייטערן זיינע אקטיוויטעטן און ווי גרונטיקער אזוי ארום משפיע זיין אויף דער אויספאָרמירונג פון א שפרודלדיק יידיש לעבן דאָ אין לאנד. די פלענער ווי אזוי צו רעאליזירן די דאָזיקע צילן זיינען אין רוב פאלן געווען אזעלכע שהזמן גורמם — צייט־לעכע ענטפערס אויף פראָבלעמען, וואָס די צייט האָט ארויסגע־רופן, אָדער וואָס געשעענישן אין סעמינאר גופא און אין דער סביבה, אין וועלכער ער האָט אָפערירט, האָבן מחייב געווען. צו אזעלכע פלענער, וואָס זיינען אָבער קיינמאָל נישט רעאליזירט געוואָרן, געהערט אוודאי דער פלאן אויפצושטעלן אן הכשרה פארמער־שול ביים סעמינאר, וואָס זאָל דינען צוויי צוועקן: שולן און צוגרייטן חלוצים־פארמערס פאר דעם וואקסנדיקן ישוב אין ישראל און אויך פאר די, וואָס האָבן בדעה אָנצופירן אגרי־קולטור פארעמס דאָ אין לאנד.

אויף דעם פלאן האָט א סך געאַרבעט א מיטגליד פון סעמינאר־פאקולטעט און א פראָפעסאָר אין ראטגערס אוניווערסיטעט אין שטאט ניו־דזשוירזי, יעקב ש. יפה. יפה האָט דעם סעמינאר צוגעשטעלט א פרטימדיקע פראָגראם אויף עטלעכע יאָר וואָס האָט ארומגענומען פיצוכט, מילך־פראָדוקציע, באָטאניק, וועטע־רינאריע־וויסנשאפט, פרוכטצוכט און אנדערע קענטעניש. ער

124 **געזאמלטע שריפטן**, ב. 1, ז. 234.

האָט אויך אָפּגעדרוקט א ספּעציעלן קאָנספּעקט און געוועזן זיכער, אז די יידישע וועלט דאָ אין לאנד וועט טאָן מעשים זיינע פּלענער צו רעאליזירן. אויפן שערבלאט פון אָט דעם קאָנספּעקט [125] האָט יפה שפּעטער אויפגעשריבן די ווערטער: "א צערונענער חלום. וויפל ארבעט עס ליגט אין צוגרייטן דעם קאָנספּעקט". דער קאָנספּעקט איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1939.

אן אנדער גראנדיעזער פּלאן, וואָס איז אויסגעוואקסן אין סעמינאר איז געווען דער פארזוך אויפצושטעלן אין סעמינאר א פּאסיקן זכר נאָך דעם פארשטאָרבענעם יידישן דענקער חיים גרינבערג. א געניוער און אלץ אויסשעפּנדיקער פּלאן איז מיט גרויס התמדה און מיט גרויס אחריות אויסגעארבעט געוואָרן פון סעמינאר און איז געווען אויסגערעכנט, אז דער "חיים גרינבערג־אינסטיטוט" זאָל אָנפאנגען זיינע טעטיקייטן אין 1958 לערניאָר און ס'איז שוין גלייך צוגעשטעלט געוואָרן א געניוער לערן־פּלאן, וואָס האָט ארומגענומען מ'קאָן זאָגן אלע אספּעקטן פון יידישן סאָציאלן, עקאָנאָמישן, יורידישן און קולטורעלן לעבן איבער דער וועלט מיט א צענטראלן אָרט פאר ארץ־ישראל. א צאָל יחידים זיינען שוין גרייט געווען צו שטיצן אזא אינסטיטוט מיט גרעסערע סומעס, אָבער דער אלגעמיינער אָפּרוף איז געווען ביז גאָר שוואך. און אויך פון דעם פּלאן איז גאָרנישט געוואָרן.

א פּערטער גראנדיעזער פּלאן, מיט דער גאנצער ערנסטקייט, וואָס דער פּלאן האָט פארדינט, איז אויסגעארבעט געוואָרן אין סעמינאר קורץ נאָך לייבוש לעהרערס פּטירה. לייבוש לעהרער איז געשטאנען ביים וויגל פון סעמינאר אין 1918 און האָט געלערנט ממש מיט טויזנטער פון די תלמידים, וואָס זיינען דורכגעגאנגען דעם סעמינאר פון יענעם יאָר ביז די ערשטע יאָרן פון 1960 — א קיימא־לן פון איבער 40 יאָר. לעהרער איז, צווישן גאָר א סך אנדערע דערגרייכונגען, געווען א דערפארענער געשולטער פּעדאַגאָג, א מלומד אין פעלד פון דערציאונג און פּסיכאָלאָגיע און א

125 דער קאָנספּעקט געפינט זיך אין ארכיוו פון "ייוואָ".

שארפער און קלאָרער לעקטאָר. ער איז אין סעמינאר דורך די אלע יאָרן געווען ביז גאָר פּאָפּולער צווישן די סטודענטן פון סעמינאר און צווישן די גרעסערע גרופּעס, וואָס האָבן באזוכט דעם פּאָלקס־אוניווערסיטעט, און מען דארף אויך געדענקען, אז צווישן די איבער 260 לערערס און לעקטאָרן איז ער געווען דער **איינאונאיינציקער,** וואָס האָט דאָרטן געלערנט איבער פערציק יאָר.

די פירערס פון סעמינאר זיינען אין דעם פאל געווען זיכער, אז די יידישע סעקולערע וועלט, וועמען לייבוש לעהרער האָט געדינט אזויפיל יאָרן, איבער 50 יאָר, וועט מיט פרייד אויפנעמען דעם פלאן אויפצושטעלן אן אקאדעמישן לזכר פאר אזא גרויסער יידישער פערזענלעכקייט און טאקע איינשטעלן א מינימאלע סומע פון הונדערט־טויזנט דאָלאר, כדי מיט די פראָצענטן פון דעם קרן קענען אויפשטעלן אן אייביקע קאטעדרע אויף זיין נאָמען. דער "שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט" איז פארבעטן געוואָרן מיטצווירקן אין אויפשטעלן אין סעמינאר די **לייבוש לעהרער קאטעדרע.** און אויך אין דעם פאל מוז מען, מיט ווייטיק, ווידער זאָגן, אז דער פלאן איז לעת עתה נישט רעאליזירט געוואָרן.

ס'זיינען אין משך פון די פארגאנגענע 50 יאָר אנטשטאנען נאָך אנדערע פרוון, וואָס זיינען טיילווייז דורכגעפירט געוואָרן אין דעם פארזוך מצד די פירערס פון סעמינאר אריינצוברענגען זייערע פראָגראַמען אין די אקטיוויטעטן פון דעם "הרצל אינסטיטוט" אין ניו־יאָרק (די יידישע אגענטור), אין דער פרויען דיוויזיע פון "אמעריקאנער יידישן קאָנגרעס", אין דער "אָזע" אָרגאניזאציע, אין די יידישע יוניאָנס אין ניו־יאָרק און איבערן לאנד. ס'איז אויך געמאכט געוואָרן א פארזוך אויפצושטעלן א פרויען־אינסטיטוט אין סעמינאר גופא מיט ספעציעלע פראָגראַמען צוגעפאסט פאר מיטגלידער פון פארשידענע פרויען אָרגאניזאציעס און זייערע פירערס.

ווי שוין אויבן געזאָגט, האָבן זיך די פארזוכן בלויז טיילווייז איינגעגעבן. אויך אין די פאלן איז נישט געקומען דער נייטיקער אָפּרוף פון דער "גאס".

קאַפּיטל טז

שותפותדיקע בילדונגס־ארבעט מיט אנדערע אינסטיטוציעס

די פאַרבינדונגען וואָס דער סעמינאַר האָט געמאַכט מיט אנדערע יידישע אינסטיטוציעס האָבן געהאַט דעם זעלביקן ציל — אויס־בילדן און שטאַרקן די יידישע קולטור־כוחות אויף דער יידישער גאַס.

צו אָט דער קאַטעגאָריע שותפותדיקע ארבעט, געהערט דער פאָרום, וואָס דער סעמינאַר האָט אָנגעשטעלט אין די 60־קער יאָרן צוזאַמען מיט דעם "אמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס" און זיין קאָמיסיע פאַר יידישע פּראָבלעמען. דער דאָזיקער פאָרום איז געשטאַנען אונטער דער דירעקציע פון סעמינאַרס דירעקטאָר — גרשון וויינער. גאַנצע צוועלף נאָכמיטאָגן זענען דערפאַר אָפּגעגעבן געוואָרן און די טעמאַטיק האָט ארומגענומען היסטאָרישע איבער־בליקן איבער די סאַמע וויכטיקע יידישע ספרים: דער חומש, דער תלמוד, דער סידור, רש"י, דער כוזרי, דער מורה נבוכי הזמן, דער זוהר, דער שולחן ערוך.

אחוץ גרשון וויינער, זיינען אויף דעם פאָרום אויפגעטראָטן עדוואַרד ניופעלד, שלמה נאָבל, שלמה דוד גאָלדפאַרב, שמואל בלומענפעלד און אליהו קאַסטען.

צו אָט דער קאַטעגאָריע בילדונגס־טעטיקייטן געהערט אויך דער איינשטעל פון סעריעס לעקציעס, וואָס דער סעמינאַר האָט אין משך פון א שיין ביסל יאָרן דורכגעפירט בשותפות מיט דעם "טעאָדאָר הרצל אינסטיטוט", וואָס עקזיסטירט ביי דער יידישער אגענטור אין ניו־יאָרק.

איינע אזא סעריע פאר פרייוויליקע באזוכערס איז דורכגעפירט געוואָרן אונטער דער דירעקציע פון שלמה נאָבל.

פון זעלביקן שניט איז געווען די "פּארטיי־שול", וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן אין די דרייסיקער יאָרן דורך דער אמעריקאנער ציוניסטיש־סאָציאליסטישער באוועגונג אונטער דער דירעקציע פון מיטגלידער פון סעמינאר פאקולטעט [126]. די דאָזיקע קורסן פאר מיטגלידער פון "פועלי־ציון", "נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד" און אנדערע פאראינטערעסירטע מחוץ די צוויי אָרגאניזאציעס, האָבן אָנגעפירט מיט ציקלען לעקציעס וועגן:

א) טעאָריע און ריכטונגען אין ציוניזם;

ב) סאָציאליסטישער ציוניזם און שייכותדיקע פּראָבלעמען.

אין 1939 האָבן די דירעקטאָרן פון דער "פּיאָנערן פרויען אָרגאניזאציע" איינגעשטעלט א בשותפותדיקן אינסטיטוט מיטן סעמינאר פאר זייערע פרויען־מיטגלידער אין ניו־יאָרק, און דורכגעפירט א סעריע לעקציעס מיט מיטגלידער פון סעמינאר־פאקולטעט, וואָס האָבן ארומגענומען די ווייטערדיקע טעמעס:

1) די געשיכטע פון פועלי־ציוניזם;
2) פּאלעסטינאָגראפיע;
3) יידישע געשיכטע;
4) יידישע און העברעאישע ליטעראטור;
5) יידישע מוזיק.

אויף דער בשותפותדיקער ארבעט מיט אנדערע אינסטיטוציעס אין און מחוץ דער שטאָט ניו־יאָרק, ווי דער "בית־עם" אין ברוקלין, "נאציאָנאלער ארבעטער פארבאנד", "יידישער ארבעטער קאָמיטעט", א.א.וו.. האָבן מיר זיך שוין פריער אָפּגעשטעלט. אין די דרייסיקער יאָרן האָט דער סעמינאר אָנגעפירט מיט אָרטיקע גרופּעס, מיט ספּעציעלע קורסן אין בראָנזוויל [127] פאר די אָרטיקע

---

126 **קעמפער**, פעב. 19, 1937, יולי 9, 1937.
127 **קעמפער**, נאָוו. 1941.

איינוואוינער און א זעקס־וואָכיקן קורס אין דער "וואשינגטאָן אוירווינג היי־סקול", וואו מ'האָט געלערנט העברעאיש און יידיש, געשיכטע, תנ"ך, פעדאַגאָגיע, ארבעטער באוועגונג און ארץ־ישראל.

דער הבונים אינסטיטוט און זיינע גראדואנטן

א ביז גאָר אינטערעסאנטער פארזוך אויפן געביט פון אינטענסיווער יידישער דערציאונג פאר דער יידישער יוגנט אין אמעריקע איז געמאכט געוואָרן אין די פערציקער יאָרן מצד דעם "מרכז־הבונים" פון אמעריקע און דעם יידישן לערער־סעמינאר.

דער עיקר צוועק פון דעם אינסטיטוט איז געווען צו באקענען די אמעריקאנער יידישע יוגנט מיט אלע מעגלכע ידיעות, זיי זאָלן מיט דער צייט קאָנען ווערן אָנפירער פון יידישע יוגנט־אָרגאניזאַציעס, מיטן אקצענט אויף א ציוניסטיש־ארבעטאָרישער אָריענטאַציע.

אָנגעפאנגען דעם דאָזיקן אינסטיטוט מיט א היפשן באזוך פון בחורים און מיידלעך האָט מען אין 1941. די יוגנט־גרופע האָט אָנגעפאנגען איר טעטיקייט מיט פארזאמלען זיך יעדן שבת אין סעמינאר און זיך פארנעמען מיט כאָר־געזאנג, מיט האנט־ארבעט, מיט טענץ און מיט דראמאטישע אויפפירונגען. אין 1942 זענען צו דער ערשטער קליינער גרופע צוגעקומען 35 נייע סטודענטן.

פון די באריכטן אין **קעמפער** יענע יאָרן שטעלט זיך ארויס, אז די דאָזיקע ערשטע טריט אין אָרגאניזירן א לערן־אינסטיטוט פאר דער ציוניסטיש־סאָציאליסטיש־געשטימטער יוגנט איז געווען גאנץ דערפאָלגרייך און האָט דערמוטיקט די פירערס פון סעמינאר פאָרצולייגן פאר די יונגעלייט און יונגע מיידלעך און זייערע עלטערן אן אויסגעברייטערטע פראָגראם פון לימודים.

די נייע פראָגראם האָט פאָרויסגעזען :

א) די לערן־צייט פון א "הבונים־אינסטיטוט" קורס זאָל געדויערן פיר חדשים ;

ב) לערנען זאָל מען אין די פרימאָרגנס, פינף מאָל א וואָך, און אין די נאָכמיטאָגס, בס"ה 7—8 שעה טעגלעך ;
ג) יעדער סטודענט אויף די קורסן וועט קריגן א סטיפּענדיע אין באטרעף פון 500 דאָלאר, וואָס וועט דעקן דעם שכר־לימוד און א טייל פון סטודענטס פּערזענלעכע הוצאות.
ד) יעדער סטודענט איז זיך מתחייב, נאָכדעם ווי ער וועט פארענדיקן דעם קורס, אָפּצוגעבן איין אָדער צוויי יאָר אויף אָנצופירן מיט יידישע יוגנט־קלובן איבערן לאנד.
ה) סטודענטן, וואָס וועלן קומען פון אנדערע צענטערן מחוץ ניו־יאָרק, וועלן באזאָרגט ווערן מיט דירה אין דער סעמינאר־געביידע.

דער ערשטער אינסטיטוט האָט זיך געעפנט אין פעברואר 1945 מיט א רעגיסטראציע פון 45 סטודענטן. צוואנציק פון דער צאָל זיינען געווען פון אויסער ניו־יאָרק און זיי האָבן טאקע געוואוינט אין סעמינאר און אָנגעפירט מיט דער נייטיקער ווירטשאפט.

די לימודים, וואָס יעדער סטודענט האָט אויפגענומען, זענען באשטאנען פון די ווייטערדיקע קורסן :

א) העברעאיש און העברעאישע ליטעראטור ;
ב) יידיש און יידישע ליטעראטור ;
ג) יידישע געשיכטע ;
ד) געשיכטע פון דער ארבעטער באוועגונג ;
ה) ארץ־ישראל ;
ו) תנ"ך ;
ז) די פּסיכאָלאָגיע פון פירערשאפט.

א חוץ די לימודים, האָבן טייל פון די הבונים אויך אויפגענומען פּעדאגאָגישע קורסן, באזונדערס יענע פון די כיתות, וואָס האָבן בדעה געהאט צו ווערן לערער.

א צווייטער אינסטיטוט, מיט א רעגיסטראציע פון 15 סטודענטן, עלף מיידלעך און פיר בחורים, איז אָנגעפירט געוואָרן אין פעברואר

1946, א דריטער אין 1947 מיט צוואנציק סטודענטן, א פערטער אין 1948 מיט 28 סטודענטן, 15 מיידלעך און 13 בחורים, און א פינפטער אינסטיטוט (צאָל סטודענטן אומבאקאנט) אין 1949. אין משך פון די יאָרן 1945—1949 האָבן פון דעם "הבונים אינסטיטוט" ביים סעמינאר גראדואירט 113 בחורים און מיידלעך [128].

די לימודים אין אינסטיטוט זיינען אָנגעפירט געוואָרן אויף ענגליש.

א פייערלעכער סיום איז דורכגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרק אין מאי 1949 און ווי רעדנערס יענעם אָוונט זענען ארויסגעטראָטן: דוד פינסקי, נחום מינקאָוו, דב ווײנריב און מאיר בראון.

אין דעם פאקולטעט פון "הבונים־אינסטיטוט" זענען אין משך פון די פינף יאָר געווען די ווייטערדיקע לעקטאָרן און אינסטרוקטאָרן:

מ. באקסענבוים, מ. בער, דוד ברעסלאו, נייטען באָטוויניק, מאיר בראון, חיים גרינבערג, מ. גיטלין, ש. גראָדזענסקי, ש. גאָלדבערג, ב. גלאזמאן, יונה גאָלדבערג, בען האלפערן, ב. ד. הארטמאן, דב ווײנריב, א. חייקעס, ארטור טשיעל, י. יזרעאלי, סאָפיע יודין, יעקב לעשצינסקי, יצחק לעוויטאץ, הערי לאנג, ל. סיגאל, אריאל מענזעל, נחום מינקאָוו, פ. מילגראָם, א. פישהאָף, בערל פרימער, יהודה פילטש, דוד פינסקי, ש. צמח, י. ציון, יוסף שלאָסבערג.

אין סך־הכל ווייסן מיר נישט וויפל יוגנטלעכע האָבן זיך רעגיסטרירט פאר די ספעציעלע קורסן זינט 1941 און וויפל האָבן די ספעציעלע קורסן פארענדיקט פון 1941 ביז 1955. די צאָלן, וואָס מיר האָבן יאָ, באציען זיך אויף די יאָרן 1945—1949, ד.ה. עס פעלן די צאָלן פאר די יאָרן 1941—1945. פאר די זעקס יאָר 1949 ביז 1955 האָבן מיר געפונען באריכטן, וואָס ווייזן אָן, אז 47 "הבונים" האָבן פארענדיקט די קורסן.

---

128 זע: סעמינאר־קאטאלאָג פארן אקאדעמישן יאָר 1949—1950.

דער קעמפּ אינסטיטוט

אַנהייב צוואַנציקער יאָרן זיינען אין ניו־יאָרקער געגנט (און שפּעטער אין אנדערע טיילן פון אמעריקע) אנטשטאנען יידישע זומער־קעמפּס, וואָס האָבן באַדינט די סטודענטן פון דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן. די יידיש־וועלטלעכע שולן, פּונקט אזוי ווי די פּאָבליק־סקולס, פלעגן זיך צומאכן אויף די צוויי זומער חדשים יולי און אויגוסט און ס'איז געווען א נאטירלעכע זאך, אז די מנהיגים פון די דאָזיקע שולן זאָלן זיך פארנעמען מיט אָרגאניזירן יידישע זומער־קעמפּס, כדי די קינדער פון די שולן זאָלן אין משך פון די זומער־חדשים נישט פארגעסן, וואָס מ'האָט מיט זיי געלערנט די אנדערע צען חדשים פון יאָר.

אין די זעכציקער יאָרן האָבן אין ניו־יאָרקער געגנט אליין פונקציאָנירט פינף אזעלכע קעמפּס: "בויבעריק", פון "שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט", "קינדערוועלט", פון די פאָלקשולן פון "נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד", "קינדעררינג", פון "ארבעטער־רינג", "קינדערלאנד", פון די לינקע שולן און דער אומאָפּהענגיקער קעמפּ "המשך".

אין די צוואַנציקער, דרייסיקער און טיילווייז אין די פערציקער יאָרן איז נישט געווען שווער איינצושטעלן א שטאב אויפפּאסערס, וואָס זיינען געווען געניט אין א גרויסער מאָס ממשיך צו זיין די טעטיקייט פון די שולן: לערנען יידיש, רעדן יידיש, אָנפירן שמועסן וועגן יידישע גדולים, הערן יידישע מעשיות און דורכפירן יידישע יום־טובים און פייערטעג אויף אן איינדרוקספולן און פייערלעכן אופן.

ווער ס'האָט באזוכט די דאָזיקע קעמפּס יענע יאָרן, האָט אויף שריט און טריט דערפילט, אז די אידעאלן און די אידייען פון די לערער און די שולן זיינען אין משך פון דעם זומער געוואָרן א טייל פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון די קינדער און פון די עלטערן, וואָס ווילן דאָרטן א טייל, אָדער דעם גאנצן זומער.

א דוחק אין געפינען פּאסיקע יידישע אויפפּאסערס־לערערס

פאר די און פאר אנדערע קעמפס, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פארשידענע טיילן פון לאנד און אין קאנאדע, האָט זיך אָנגעהויבן שפּירן אין די פופציקער יאָרן, און גאָר שטארק אָנהויב די זעכציקער יאָרן [129]. אין אלע קעמפּס האָט ענגליש כסדר פארטריבן יידיש, די שפּראַך, אין וועלכער די פריערדיקע אויפפּאסערס האָבן אנגעפירט זייערע טעטיקייטן און אקטיוויטעטן אין די קעמפּס. אפילו אין אזא קעמפּ ווי "בויבעריק", אין וועלכן יידיש האָט יאָרן נאָכ־אנאנד פארנומען דעם אויבנאָן, אפילו דאָרטן האָבן די מערסטע אויפפּאסערס אָנגעפירט זייערע אקטיוויטעטן אויף ענגליש.

אויף דער רעקאָמענדאציע פון יידישן קולטור־קאָנגרעס אין 1961 האָט דער סעמינאר באשלאָסן אויפצושטעלן ספּעציעלע קורסן אויסצושולן אויפפּאסערס פאר די יידיש־וועטלעכע קעמפּס און אין דער זעלביקער צייט באַרייכערן זייער יידיש־וויסן בכלל און די קענטשאפט פון יידיש און העבּרעאיש בפרט.

אין דעם זעלביקן יאָר האָט א ספּעציעלער קעמפּ־אינסטיטוט ביים סעמינאר אָנגעפאנגען צו פונקציאָנירן. פון דער גרויסער צאָל אויפפּאסערס אין די אויבנדערמאָנטע יידיש־וועלטלעכע קעמפּס האָבן 58 זיך רעגיסטרירט אויף דעם ברייט־ארומנעמענדיקן קורס, וואָס האָבן זיך פארזאמלט אין סעמינאר אין משך פון דרייצן וואָכן, צו איין מאָל א וואָך. 33 פון דער צאָל האָבן באזוכט דעם קורס אָן דורכלאָז — די אויפפּאסערס פון קעמפּ "קינדערוועלט" זיינען צו די קעמפּ־לעקציעס איינגאנצן נישט געקומען, ווי מיר לייענען דאָס ארויס פון א בריוו פון סעמינאר דעקאַן, גרשון

129 דער דירעקטאָר פון קעמפּ "בויבעריק", לייבוש לעהרער שרייבט: "די שווערסטע ארבעט... איז פון די ערשטע יאָרן באשטאנען אין געפינען פּאסיקע קאנדידאטן פאר קעמפּ־שטעלעס, מיט כאָטש א מינימום יידיש וויסן... מיטן גאנג פון די יאָרן איז זייער שווער אָנגעקומען צו געפינען אזעלכע, וואָס זאָלן זיין פּאַיק אי אומצוגיין מיט קינדער, אי האָבן א ווארעמע באציאונג צו די צילן פון קעמפּ". **דער דרך פון שלום עליכם אינסטיטוט**, ז. 67.

וויינער, צום סעקרעטאר פון נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד, לואיס סיגאל. דער בריוו לייענט זיך אזוי [130].

צו : לואיס סיגאל
פון : גרשון וויינער

איר זייט מסתמא פאראינטערעסירט אין דער צאָל "קינדער־וועלט"־קאונסעלאָרס, וועלכע באזוכן דעם ספּעציעלן סעמינאר קאמפּ־קורס, וואָס קומט פאָר יעדן זונטיק 10:15 פרי, אין וואשינגטאָן אירווינג הײַ־סקול.
די צאָל איז נול . . .

ג. וו.

די מערכה פון יידיש יענע יאָרן בײַ די אויפּפּאסערס אין די יידיש־וועלטלעכע קעמפּס ווערט קלאָר אילוסטרירט, ווען מיר באקענען זיך מיט א קורצער אנקעטע, וואָס דער סעמינאר האָט דעמאָלט דורכגעפירט ביים רעגיסטרירן די קרוב צו זעכציק אויפּ־פּאסערס :

פארשטייען יידיש	רעדן יידיש	לייענען יידיש
אלץ — 8	גוט — 5	אָפּט — 2
אביסל — 35	אביסל — 35	אמאָל — 4
גאָרנישט — 8	גאָרנישט — 11	גאָרנישט — 45

פאר יענע אויפּפּאסערס, וואָס פירן אָן זייערע אקטיוויטעטן אין די זומער־קעמפּס אויף העברעאיש [131] איז אויך צוגעגרייט געוואָרן א ספּעציעלער קורס און ס'האָבן זיך אויף דעם קורס רעגיסטרירט 29 אויפּפּאסערס, אָבער געבליבן אויף דעם קורס ביזן סוף זיינען בלויז 16. קיין אנדערע אינפאָרמאציעס וועגן דעם קורס האָבן מיר דערווייל נישט געפונען.

130 געפינט זיך אין סעמינאר.
131 ווי אין קעמפּ "מסד" אין ניו־יאָרק.

אין 1964 האָט דאָס מזל פון קעמפּ־אינסטיטוט אויסגעזען גאנץ ליכטיק. ס'איז דאן אויסגעארבעט געוואָרן אן 8־וואָכיקער קורס, וואָס האָט ארומגענומען סיי יידיש, סיי העברעאיש־שמועסן, לייגנדיק אכט ספּעציעל אויף איינצושאפן די נייטיקסטע ווערטער און פראזעס אין טאָג־טעגלעכן גאנג. דער פּראָגראם האָט אויך איינגעשלאָסן לעקציעס איבער יידישקייט־טעמעס, קונסט און געזאנג, אפילו אזעלכע לעקציעס, ווי צו באהאנדלען פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען אין די קעמפּס — און פאר די אלע פארשידענע קענטענישן זענען געווען ספּעציעלע לערער. מ'האָט אויך יענעם יאָר אנגאזשירט א ספּעציעלן קעמפּ־אינסטיטוט דירעקטאָר.

נאָך 1964 האָט מען דעם קעמפּ־אינסטיטוט אויפגעגעבן צוליב מאנגל אין אינטערעס מצד די אדמיניסטראציעס און דירעקטאָרן פון די קעמפּס[132].

---

132 לכתחילה איז דער יידיש אינסטרוקטאָר אין קעמפּ־אינסטיטוט ביים סעמינאר געווען דער יידישער שריפטשטעלער און פּעדאגאָג יצחק קארלאַש און א צייט שפּעטער — אירווינג פּישמאַן.

קאַפּיטל יז

די לימודים

די סטודענטן, וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט אין סעמינאר די ערשטע יאָרן, האָבן געמוזט ארבעטן יומם ולילה אויפצונעמען און איינזאפּן אין זיך א שפע פון לימודים, וואָס איז מן־הסתם געווען צוגעפּאסט פאר פיר יאָר, אָדער אכט זמנים. דער קורס פאר לערער איז אָבער געווען אויסגערעכנט איינגאנצן אויף צוויי יאָר די ערשטע צייטן. מיט יאָרן שפּעטער האָט מען פון די סטודענטן פארלאנגט אויפצונעמען די לערער־קורסן אין משך פון פיר יאָר, אָבער אין דער פּראקטיק האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז א צאָל סטודענטן, די גוט־צוגעגרייטע, האָבן גראדואירט ווען דער פּעדאַגאָגישער ראט פון סעמינאר האָט געהאלטן, אז דער באטרעפנדיקער איז גרייט און ראוי צו ווערן א לערער אין די שולן, אָדער ווען דער סטודענט אליין האָט זיך באטראכט ווי ראוי און פארלאָזט דעם סעמינאר נאָך איין אָדער צוויי יאָר לערנען.

אָבער די גרעסטע מערהייט וואָס איז פארבליבן אויף צוויי, שפּעטער אויף דריי און לסוף אויף פיר יאָר, איז נאָך די לערנטערמינען ארויסגעקומען פון סעמינאר אָנגעשעפּט מיט א סך וועלטלעכער און יידישער תורה און ס'האָט זיך אין א סך פאלן געלייגט אויפן שכל, אז די דאָזיקע גראדואנטן וועלן באמת ווערן יידישע לערער גרייט ללמוד וללמד און דערביי שאפן א סביבה אין די שולן וואָס וועט שטארקן דעם פּראָצעס פון יידישקייט־המשך.

כדי צו האָבן א באגריף אין וואָס די לערן־פּראָגראַמען זיינען באשטאנען דורך די יאָרן אין סעמינאר, ברענגען מיר דאָ אָפּצוגן פון דריי פארשידענע תקופות — פון די ערשטע יאָרן 1918—1922,

פון די 20־קער יאָרן 1923—1930 און פון א לערן־פּראָגראַם פון די 60־קער יאָרן.

געבן א פּינקטלעכע רשימה פון די לימודים אין די ערשטע עטלעכע יאָר, אָדער פאַרן ערשטן און דריטן יאָר — איז אויס־געשלאָסן. אין א סך פאלן איז דאָס, ערשטנס, אָפּהענגיק געווען פון דעם, צי מ׳האָט פאַר געוויסע לימודים געקענט קריגן די פּאַסיקע אינסטרוקטאָרן און, צווייטנס, — צי די פּאַסיקע אינ־סטרוקטאָרן זיינען גרייט געווען צו געבן לעקציעס אין סעמינאר פאַר דעם בידנעם געהאַלט פון 2.50 דאָלאַר א לעקציע.

און מיר געפינען טאַקע אין די באַריכטן פון דער צייט [133] ווען מ׳האָט פאַרהאַנדלט די פּלענער פון עפענען דעם סעמינאר אין 1916 און אין 1917, אַז ס׳וועט זיין שווער צו קריגן פאַר אַזעלכע געהאַלטן אַזוינע לעקטאָרן ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי און דר. נחמן סירקין. כאָטש זשיטלאָווסקיס נאָמען פיגורירט, ווי א מיט־גליד פון פאַקולטעט אין 1922, בין איך שטאַרק מסופק, צי ער איז טאַקע יענעם לערניאָר געווען א שטענדיקער לערער אין סעמינאַר. סירקין איז ברייט רעקלאַמירט געוואָרן ווי א לערער, אָבער אויך אין דעם פאַל בין איך מסופק, צי ער איז טאַקע ווען נישט איז געוואָרן א באַשטענדיקער לערער אין איינעם פון די קלאַסן.

די רשימה לימודים, וואָס מיר ברענגען דאָ איז א סך־הכל פון אַלע לימודים, וואָס מ׳האָט געלערנט אין סעמינאר אין משך פון די 50 יאָר. לעקציעס, וואָס מ׳האָט געהאַלטן אין פּאָלקס־אוניווערסיטעט איבער ענייני־דיומא, קומען דאָ ניט אין באַטראַכט. פון דער רשימה לימודים, וואָס מיר האָבן פאַרצייכנט פון די מעלדונגען, קאַטאַלאָגן און פאַרעפנטלעכטע קאָנספּעקטן איז לייכט איינצוזען, אַז דורך די יאָרן האָבן די תלמידים אין סעמינאר באַוויזן זיך ערנסט און טיף צו פאַרנעמען מיט לימודים, וואָס

133 פּראָטאָקאָל־בוך פון ש. שאַפּיראָ.

האָבן ארומגענומען אלע פאזן פון יידישן לעבן און יידישן דענקען פון אמאָל און פון היינט.

רשימה פון לימודים אין סעמינאר פון 1918—1968

שפראכן: יידיש, העברעאיש, ענגליש (איין צייט אויך שפאניש און אראביש).

לינגוויסטיק: עטימאָלאָגיע, פילאָלאָגיע.

ליטעראטור: יידישע ליטעראטור, העברעאישע ליטעראטור, וועלט־ליטעראטור, אמעריקאנער ליטעראטור, קינדער־ליטעראטור, יידישע שרייבער אין דער וועלט־ליטעראטור.

פסיכאָלאָגיע און דערציאונג: אלגעמיינע פסיכאָלאָגיע, קינדער־פסיכאָלאָגיע, געשיכטע פון דערציאונג, געשיכטע פון דערציאונג ביי יידן, שול־פירונג, קלאס־פירונג, שול־היגיענע, קינדערגאָרטן קורסן, אָבסערוואציע, מעטאָדיק.

געשיכטע: אלגעמיינע וועלט־געשיכטע, יידישע געשיכטע, געשיכטע פון יידן אין אייראָפּע, געשיכטע פון יידן אין אמעריקע, געשיכטע פון אמעריקע, די השכלה, דער חסידיזם, דער דריטער חורבן, דער מיטעלער מזרח.

סאָציאלע וויסנשאפטן: סאָציאָלאָגיע, דעמאָגראפיע, עקאָנאָמיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, די אלגעמיינע און יידישע ארבעטער־באוועגונג.

פילאָזאָפיע: מאָדערנע פילאָזאָפישע סיסטעמען, גריכישע און מיטלאלטערלעכע פילאָזאָפישע סיסטעמען, יידישע דענקערס, לאָגיק.

יידישע ליטעראטור פון אמאָל: תנ״ך, תלמוד, מדרש, הלכה און אגדה, די תנאים און אמוראים.

מדינת־ישראל: די געשיכטע פון ציוניזם, דער אנטיסעמיטיזם, דער טעריטאָריאַליזם, דערציאונג אין ישראל.

קונסט: מוזיק און טעאטער, סקולפטור, מאָלעריי, דיקציע, רעטאָריק, חזנות, כאָראלע מוזיק, טענץ, פאָלקס־מוזיק, כאָרעאָגראפיע, קאָמפאָזיציע.

עקזאקטע וויסנשאפטן: נאטור־וויסנשאפט, אָרגאנישע און אומאָרגאנישע נאטור, באָטאניק, פיזיקע, כעמיע, ביאָלאָגיע, פיזיאָלאָגיע, מאטעמאטיק.

סעקרעטאריאלע קורסן: סטענאָגראפיע פאר יידיש און העברעאיש, מאשינשריפט, אָפיס־פירונג, בוכהאלטונג.

פארוויילונג פאר קינדער: שפּילערייען, מעשיות ווי און וואָס צו דערציילן, עקסקורסיעס, פאָרשטעלונגען.

קעמפ־דערציאונג: די ראָלע פון אויפפאסערס, יידיש זומער־טעטיקייטן.

קאַפּיטל יח

ביבליאָטעק און ארכיוו פון סעמינאר

ווי א לערן־אינסטיטוטציע האָט דער סעמינאר אין סאמע אָנהייב גענומען איינשטעלן די נייטיקע רעפערענץ־ביבליאָטעק פאר זיינע רעגיסטרירטע סטודענטן און שפּעטער פאר די באזוכער אין פאָלקס־אוניווערסיטעט.

ביי דער אָרעמער פינאנציעלער לאגע יענע ערשטע יאָרן און אפילו שפּעטער האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן אליין איינקויפן ביכער, זשורנאלן, צייטשריפטן — איז מען אָנגעקומען מיט בקשות צו די פריינד פון סעמינאר, מיטגלידער פון די "פּועלי־ציון", "נאציאָנאלן ארבעטער־פארבאנד" און צו די טוערס אין און ארום די יידישע וועלטלעכע שולן. כאָטש דער אָפּרוף פון די אלע פריינד איז געווען א פּאָזיטיווער און א וואָגיקער, איז פון די אלע ביכער נאָך נישט געוואָרן קיין סיסטעמאטישע ביבליאָטעק. ס'זיינען געווען אָן א שיעור דופליקאטן און דער פיזישער צושטאנד פון די געזאמלטע ביכער איז נישט געווען מיט אלעמען.

ערשט ווען מ'האָט זיך אין די ערשטע 40־קער יאָרן אריבער־געצויגן אין דער אייגענער דירה אויף דער 70סטער גאס אין ניו־יאָרק, האָבן זיך אָנגעפאנגען באווייזן סימנים פון א גוט־איינגע־שטעלטער און גוט־אָרגאניזירטער ביבליאָטעק. לויט די סעמינאר־ידיעות פון יענע יאָרן שטעלט זיך ארויס אז די ביבליאָטעק האָט שוין דעמאָלט געציילט זיבעצן טויזנט ביכער, 6,000 קאָמפּלעטן,

800 צייטשריפטן [134], 6,000 קאטאלאָגירטע טעקעס און 250,000 בריוו.

אין דער ביבליאָטעק האָבן זיך אויך געפונען א סך פּראָטאָקאָל־ביכער פון פארשידענע יידישע אָרגאניזאציעס און יקר־המצי־אותן [135].

מיט געציילטע יאָרן שפּעטער, אין 1949, געפינען מיר א מעמאָ־ראנדום אין וועלכן, צווישן אנדערע פּרטים וועגן סעמינאר, דערציילט זיך אויך, אז אין דער ביבליאָטעק געפינען זיך:

1600	ביכער בעלעטריסטיק אויף יידיש;
880	ביכער (פארשידענע) אויף העברעאיש;
400	ביכער יודאאיקא אויף ענגליש;
200	ווערטערביכער, ענציקלאָפּעדיעס און שייכותדיקע זאמ־לונגען;
392	לערנביכער און פּעדאגאָגישע ספרים;
250	תנכן, מדרשים, גמרות;
450	ביכער אונטערן קעפּל "יידישע פּראָבלעמען";
620	ביכער אין געביט פון פּאלעסטינאָגראפיע;
150	ביכער אין געביט פון ליטעראטור־געשיכטע;
576	ביכער אין געביט פון יידישער געשיכטע;
112	ביכער וועגן דריטן חורבן;
480	ביכער וועגן דער ארבעטער באוועגונג;
180	פארשידענע איבערזעצונגען;
200	ביכער אין געביט פון פּאָפּולערער וויסנשאפט.

134 פון אנדערע באריכטן אין 1943 שטעלט זיך ארויס, אז די צאָל צייטשריפטן אין פארשידענע שפּראכן האָט דערגרייכט דעם ציפער 1000.

135 אין 1964 האָב איך זיך באקאנט מיט א גרויסן טייל פון די קאטאלאָגירטע טעקעס. דאָס זענען געווען איינזאמלונגען פון א סך יאָרן פון דער "פּועלי־ציון" פּארטיי, וואָס זענען שפּעטער אריבערגעשיקט געוואָרן קיין סינסינעטי אין דעם רעפאָרם־סעמינאר, וואו עס געפינט זיך א גרויסער "פּועלי־ציון" ארכיוו.

אחוץ די געציילטע ביכער, האָבן זיך אין סעמינאר אויף דער 70סטער גאס געפונען 515 זאמלביכער און צייטשריפטן און 1238 טעקעס פון קאטאלאָגירטע ארכיוו־נומערן, אין וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען, אחוץ די ארכיוואריא פון דער ״פועלי־ציון״ פארטיי, א היפש ביסל מאטעריאל פון דעם שולן־קאָמיטעט ארכיוו.

די צוויי באריכטן שטימען נישט צווישן זיך, און אין ווייטערדיקע פאָרשונגען האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער ערשטער באריכט וועגן דער ביבליאָטעק אָנהייב די פערציקער יאָרן איז א טעות אין דער דאטע, אז ס׳האָט געדארפט זיין די דאטע 52—1950, ווען דער דעמאָלטדיקער דירעקטאָר, פיליפּ פרידמאן, האָט צוגעשטעלט א באריכט מיט א יאָר נאָך דעם באריכט פון 1949. פרידמאנס באריכט שטימט אין די מערסטע פרטים מיט דעם ערשטן אין דעם קאפיטל, און דארף זיך לייענען אזוי :

צאָל ביכער אין סעמינאר אין 1950 — 17,000 ;
צאָל קאָמפּלעטן אין סעמינאר אין 1950 — 6,000 ;
צאָל צייטשריפטן אין סעמינאר אין 1950 — 800 ;
א גרויסע צאָל פּראָטאָקאָל ביכער.
250,000 בריוו און דאָקומענטן פון 37 יאָר סעמינאר־טעטיקייטן, ד.ה. פון סאמע אָנהייב פון שולן־קאָמיטעט אין 1913—1914.

פון א בריוו, וואָס דער מחבר האָט דערהאלטן פון איינעם פון די ביבליאָטעקארן אין סעמינאר (קאנטאָראָוויטש) שטעלט זיך ארויס, אז צווישן די בריוו און דאָקומענטן האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף בריוו פון בן־גוריונען (בערך אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג) וויכטיקע דאָקומענטן בשייכות מיט די פארטיי־טעטיקייטן אין עסטרייך, פוילן, בוקאָווינע און רומעניע. צי האָט זיך דער ארכיוו־מאטעריאל שפעטער אָפּגעזוכט און אָפּגעהיט געוואָרן איז שווער צו זאָגן.

קיין ספּעציעלן אמט פון א ביבליאָטעקאר איז ביז די פערציקער יאָרן אין ערגעץ נישט דערמאָנט. צום ערשטן מאָל הערן מיר וועגן אן

אַנגעשטעלטן ביבליאָטעקאר אָנהייב די 40־קער יאָרן, ווען מ׳האָט זיך אריבערגעקליבן אין דער אייגענער דירה.

די ביבליאָטעקארן אין משך די 40־קער, 50־קער און 60־קער יאָרן זענען געווען: א. ד. פלעשלער, חנה סינטאָוו, נ. קאנטאָראָ־וויטש, וואָלף שניידער, אסתר פינסאָן, שלמה סלוצקי, בן־ציון רוחלין. און דר. יעקב לעוויטש.

א גרויסער טייל פון דעם ארכיוו איז אין די 50־קער יאָרן סאָרטירט און קאטאלאָגירט געוואָרן פון דעם יידישן סאָציאל־פאָרשער, דר. רודאָלף גלאנץ.

ס׳איז אפשר כדאי צו פארנאָטירן, אז צווישן די תנאים וואָס דער העכסטער דערציאונגס־ראט [136] אין שטאט ניו־יאָרק האָט געשטעלט דעם סעמינאר, בכדי צו קריגן דעם סטאטוס פון אן אקאדעמיש־קרעדיטירטע בילדונגס־אינסטיטוציע איז געווען דאָס באשעפטיקן א פראָפעסיאָנעל־געשולטן ביבליאָטעקאר. ווען מ׳האָט אויף א זיצונג פון דער סעמינאר פארוואלטונג אין נאָוועמבער 1948 באהאנדלט אָט די פראגע, איז דער דעמאָלטדיקער ביבליאָטעקאר שטארק קריטיקירט געוואָרן און איין מיטגליד פון דער פארוואל־טונג האָט פאָרגעלייגט צו פארבייטן אים מיט אזא, וואָס דער שטאט ניו־יאָרק וועט גוטהייסן. אָבער א צווייטער מיטגליד פון דער פארוואלטונג האָט דערויף געענטפערט, אז דער ביבליאָטעקאר ״איז א מיטגליד פון דער באוועגונג און שוין צוליב דעם אליין קאָנען מיר אזוי ניט האנדלען״.

זינט דער פאראייניקונג מיטן ״הרצליה״־סעמינאר אין 1968 איז די געמיינזאמע ביבליאָטעק מער ווי צווי מאָל אזוי גרויס ווי פריער.

136 The Board of Regents of the State of New York.

קאַפּיטל יט

פּובליקאַציעס פון סעמינאַר

יעדער דירעקטאָר פון לערער־סעמינאַר דורך די ערשטע פופציק יאָר פון זיינע טעטיקייטן האָט זייער אָפט געחלומט און געפּלאַנעוועט אַרויסצוגעבן פאָרש־אַרבעטן פון אַ צאָל פאַקולטעט מיטגלידער אין די געביטן פון זייער פאָרשונג.

א. ש. זאַקס האָט זיך פאַרנומען אויף אַזאַ פּלאַן. פיליפּ פרידמאַן האָט צוגעשטעלט דער פאַרוואַלטונג אויספירלעכע פּלענער פאַר אַזעלכע אַקאַדעמישע פּובליקאַציעס. ווי אַ סך אַנדערע פּלענער, זיינען אויך די פּלענער צו פּובליקירן פאָרש־אַרבעטן פון די אינסטרוקטאָרן פון סעמינאַר געבליבן ס׳רוב אויפן פּאַפּיר. דער סעמינאַר האָט אין יענע יאָרן נישט באַוויזן אָפּצושפּאָרן די פינאַנציעלע מיטלען דערפאַר.

דער איינציקער דירעקטאָר, וואָס האָט יאָ באַוויזן עפּעס אויפצוטאָן אויף דעם געביט איז געווען דב ווייַנריב. צווישן די יאָרן 1943 און 1948 איז אים געלונגען צו פאַרעפנטלעכן 18 בענדער פון אַ פערטל יאָרשריפט אין יידיש און ענגליש אונטערן נאָמען: **געדאַנק און לעבן**[137]. אין די בענדער זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ היפּשע צאָל עסייען פון געשיכטע, דערציאונג און געזעלשאַפטלעכע שאַטירונגען אין דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע. די דערשינענע בענד האָט מען ממש צעכאַפּט אין ניו־יאָרק אַזוי, אַז פאַר דעם ערשטן באַנד איז דער סעמינאַר געווען גרייט צוריקצוצאָלן די

137 אין רעדאַקציע־ראַט: פּראָפ. ש. באַראָן, פּראָפ. י. יפה, דר. ר. מאַהלער, שמואל ניגער, פּראָפ. נ. רייך און אברהם דרוקער.

קאָסטן, אויב מ'וועט אזעלכע קאָפּיעס צוריקשיקן אין דער רעדאקציע [138].

א צאָל פאָרש־באריכטן זענען שפּעטערצו פּובליקירט געוואָרן אין סעפּעראטע בראָשורן. דער ערשטער נומער איז דערשינען מאַי, 1943.

א צווייטע פּובליקאציע איז דער אומפּעריאָדישער **סעמינאַ־ריסט** [139], וואָס דערשיינט פון צייט צו צייט און ווערט רעדאגירט און אויסגעפּילט פון די סטודענטן אין סעמינאר. אין א צאָל נומערן פון **סעמינאַריסט** זענען אין משך פון יאָרן פארעפנטלעכט געוואָרן גאנץ פיינע עסייען איבער טעמעס, אויף וועלכע די סטודענטן האָבן געארבעט אין סעמינאר. די דאָזיקע סעמינאר־שריפט איז דערשינען ס'רוב אין יידיש, פון צייט צו צייט מיט ארבעטן אויף העברעאיש.

א גוטער מוסטער פון די אינהאלטן פון די פּובליקירטע אויפ־לאגעס איז דער נומער פארן יאָר תשכ״ט (1969) וואָס זיין אינ־האלט איז אזא: צוויי עסייען וועגן אברהם רייזען, איין עסיי וועגן לייוויקס ״קייטן״, מסדה, עסיי וועגן ח. נ. ביאליק, נחמן בראסלאווערס דרך אין חסידות, קולטור פארהעלטענישן אין די געטאָס אונטער דער נאצישער הערשאפט, די פּילפּארביקע גע־שטאלט פון י. ל. פרץ, וועגן מאָטל פּייסי דעם חזנס, וועגן יידן, יידישקייט און אנטיסעמיטיזם, בריוו פון ירושלים.

דער תוכן פון העברעאישן טייל איז אזא: ישנם אנשים (שיר), על שירתו של אפרים ליסיצקי, סופת שלג בניו־יורק, מה בין רנ״ק לשד״ל, ח. נ. ביאליק בשיריו ״על השחיטה״ ו״בעיר ההרגה״, שמואל הנגיד כאמן המכתם, תקנותיו של רבן יוחנן בן־זכאי, קוים לדמותו הפיוטית של הלל בבלי, שירי אבהות שכולה לראובן אבינועם, כיצד אדם קם לתחיה, גרשון רוזנצווייג — נעים סטירות ישראל באמריקה.

---

138 זע: **אידישער קעמפער**, יולי 14, 1944.

139 דער ערשטער נומער איז דערשינען אין מאַי 1946.

א צווייטע אומפּעריאָדישע פּובליקאַציע איז די **סעמינאר ידיעות,** וועלכע זענען אָפט דערשינען אין יידיש און ענגליש מיט כלערליי ידיעות וועגן די לימודים, טעטיקייטן, סטודענטנשאַפט, אדמיניסטראציע און האָבן אנטהאלטן א גאנצע ריי באריכטן פון ארבעטן אין ניו־יאָרק און איבערן לאנד. פון צייט צו צייט פלעגן אין די ידיעות אויך פּובליקירט ווערן ארטיקלען און רעדעס פון פּראָמינענטע שרייבערס און אקאדעמיקערס, ווי למשל, אין נומער מערץ 1957 — א גרעסערע עסיי פון דר. מרדכי קאפּלאן און רעדעס, וואָס האָבן געהאלטן יעקב גלאטשטיין און פּראָפ. ש. ליפּצין.

אין משך פון די יאָרן זיינען פּובליקירט געוואָרן א גרעסערע צאָל **ביולעטינען,** וואָס אנטהאלטן ידיעות וועגן די לימודים, וועגן די אינסטרוקטאָרן און אנדערע ניצלעכע ידיעות פאר די סטודענטן.

שטודיעס אין סאָציאלער וויסנשאפט — א זאמלבוך, וואָס די סעמינאריסטן האָבן ארויסגעגעבן אונטער דער רעדאקציע פון ב. צ. גאָלדבערג. אין ערשטן נומער וואָס איז דערשינען אין 1930, שרייבן סעמינאריסטן: „אויס אנערקענונג פאר זיין פילפאכער טעטיקייט און גרויסע פארדינסטן אלס לערער, וויסנשאפטלער, שריפטשטעלער און ארבעטער־פירער". די ווידמונג איז פארן רע־דאקטאָר בן ציון גאָלדבערג, וואָס האָט מיר געשריבן, אז ס'זיינען דערשינען צוויי אזעלכע זאמלביכער.

אמעריקאנער יידישע יוגנט — אונטער דעם נאָמען זיינען דער־שינען דריי מימיאָגראפירטע צייטשריפטן, ארויסגעגעבן פון דער סטודענטשאפט, דער ערשטער נומער, איז דערשינען אין מאי 1944, דער צווייטער אין דעצעמבער 1944 און א דריטער נומער אין 1945 [140].

א פולע ביבליאָגראפיע אונטערן נאָמען **אברהם רייזען ביבליאָ־גראפיע** צונויפגעשטעלט פון ביבליאָטעקאר אין סעמינאר שלמה סלוצקי, איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון סעמינאר אין 1956.

140 לויט א מעלדונג אין **גערדאנק און לעבן,** נומער 1 פון באנד דריי.

יידישע פראָפעסיאָנעלע בילדונג, אַן איינמאָליקע פובליקאַציע אין ענגליש, אָנגעשריבן פון סעמינאר דירעקטאָר דב ווײַנריב איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון סעמינאר אין 1948 [141] אונטערן נאָמען Jewish Vocational Education.

צווישן די פובליקאציעס פון סעמינאר געפינען מיר אויך א צאָל גרעסערע ארבעטן וואָס זיינען פריער געווען געדרוקט אין דעם פערטליאָרשריפט **געדאנק און לעבן**. אהער געהערן אזעלכע גוט־אויסגעפּאָרשטע ארבעטן ווי :

1. "די יידישע קהילה אין קובא" — פון באָריס סאפּיר, אי־בערגעזעצט אויף ענגליש פון סיימאָן וואָלען.
2. Hebrew Education in America, Problems and Solutions by Uriah Zevi Engelman (1947).
3. Occupational Patterns of American Jewry by Nathan Goldberg (1947).

אין **געדאנק און לעבן** האָבן פארעפנטלעכט גרעסערע פּאָרש־ארבעטן א גאנצע ריי יידישע שריפטשטעלער און פאָרשער, ווי מ. נייגערשל, אברהם מענעס, רודאָלף גלאנץ, ז. שייקאָווסקי, יעקב לעשצינסקי, א. גאָלאָמב, נ. ב. מינקאָוו, רפאל מאהלער, אריה טארטאקאָווער, חיים שויס, לייבוש לעהרער און א סך אנדערע.

141 זע : **קעמפער** פון 30סטן אפּריל 1948.

קאַפּיטל כ

די אדמיניסטראַטאָרן פֿון סעמינאַר

די לאַגע פֿון סעמינאַר דורך די יאָרן איז תּמיד געווען אַזאַ, אַז ס׳איז נישט געווען אינגאַנצן קלאָר, וואו עס הייבט זיך אָן דער אַמט פֿונעם דירעקטאָר, אָדער ווי מ׳האָט אים שפּעטער באַצייכנט, דעקאַן, און וואו ס׳לאָזט זיך אויס דער אַמט פֿונעם אדמיניס־טראַטאָר. די גרענעץ צווישן ביידע אַמטן זיינען אין ס׳רוב פֿאַלן געווען מטושטש. און אין דער פּראַקטיק האָט דאָס אַנדערש נישט געקענט זיין. ס׳איז אָפט אויסגעקומען, אַז דער אדמיניסטראַטאָר האָט דורכגעפירט אַלע פֿונקציעס פֿונעם דירעקטאָר, און פֿאַרקערט. דאָס איז געווען אמת דורך די אַלע 50 יאָר פֿון דער עקזיסטענץ פֿון סעמינאַר און איז חל געווען אויף אַלע — ספּעציעל אויף יהודה קויפֿמאַן, א. ש. זאַקס, פּנחס גינגאָלד, יואל ענטין און טײַלוויז אויף בן־ציון גאָלדבערג, לייבוש לעהרער, פֿיליפּ פֿרידמאַן, צבֿי כּרמל, גרשון ווײַנער.

עס זיינען פֿאַר די 50 יאָר געווען אַ שיינע צאָל אדמיניסטראַ־טאָרן, וואָס האָבן אויסגעפֿירט אחריותדיקע פֿונקציעס אין משך פֿון לאַנגע יאָרן און וואָס ס׳איז זיך שווער פֿאַרצושטעלן, אַז דער סעמינאַר וואָלט געווען געקאָנט אָנהאַלטן זיינע געזעלשאַפֿטלעכע און בילדונג־פֿונקציעס אָן זייער בלב־ובנפֿשדיקע זאָרגעוודיקייט פֿאַר דער דאָזיקער אינסטיטוציע אין אַמעריקע.

ס׳וואָלט געווען אַ פֿעלער און אַ טעות, ווען זייערע נעמען וואָלטן נישט פֿיגורירט אין די רשימות צוזאַמען מיט די מיטגלידער פֿון די פֿאַקולטעטן און דירעקטאָרן. מיר דערמאָנען בלויז די פּערמאַנענטע אדמיניסטראַטאָרן און לאָזן דורך יענע, וואָס האָבן אין דער

אדמיניסטראציע פון סעמינאר פארנומען דערווייליקע שטעלעס. די מיטגלידער פון דער פארוואלטונג, וואָס זענען געווען די פאָר־שטייערס פון די אָרגאניזאציעס: דער ״יידיש־נאציאָנאלער ארבע־טער פארבאנד״, די ״פועלי־ציון״, דער ״ארבעטער־רינג״, די ״פיאָ־נערן פרויען״, דער ״שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט״, האָבן יערלעך דערוויילט די פאקטישע אדמיניסטראטאָרן, און אָנגעהאלטן דעם אמט פון הויפט סעקרעטאָר: יואל ענטין, פנחס גינגאָלד, דבורה ראָטבארד, חיים ליבערמאן, מאיר בראון, מנחם מענטשעל.

די אויפהאלטונג פון סעמינאר איז אָפט געלעגן אין די הענט פון א צאָל יחידים, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די זייער שווערע ארבעט פון פאָרן איבערן לאנד און זאמלען ביישטייערונגען און הילף פארן סעמינאר. ס׳איז ביז גאָר כדאי צו וויסן, אז אזעלכע נסיעות זענען טאקע געמאכט געוואָרן מיט דער עיקר־כונה צו שאפן נייטיקע פינאנצן, אָבער תמיד זיינען דערמיט געווען פארבונדן דאָס לייענען לעקציעס איבער כלערליי יידיש־געזעלשאפטלעכע, יידיש־ליטעראַרישע און יידיש־אקאדעמישע ענינים. גאנץ אָפט פלעגט זיך מאכן, אז די סעמינאר־שליחים פלעגן פארברענגען אין די שטעט, וואָס זיי האָבן באזוכט, מער ווי איין טאָג, אָדער מער ווי צוויי טעג, און יעדן טאָג אויפטרעטן אויף גערופענע פאר־זאמלונגען, אָדער פאר די אָנפירערס פון צענטראלע יידישע קאָ־מיסיעס און פאָרטראָגן פאר זיי איבער די צילן, פונקציעס און אויפטוען פון סעמינאָר, ווי א נייטיקער בייטראג צום אלגעמיינעם יידישן לעבן דאָ אין לאנד.

אויף די דאָזיקע פארזאמלונגען און באנקעטן לטובת דעם סעמינאר זיינען אין משך פון לאנגע יאָרן אויפגעטראָטן אין א סך שטעט און שטאטן אין דער ערשטער ריי — די ראשים פון סעמינאר, צווישן זיי: יואל ענטין, יהודה קויפמאן, חיים ליבער־מאן, פנחס גינגאָלד, דבורה דאָטבארד, מאיר בראון, הערש עהרנ־רייך, גרשון וויינער. א צאָל מיטגלידער פון פאקולטעט האָבן זיך אויך ארויסגעלאָזט איבערן לאנד, ווי שליחים פון סעמינאר, צווישן זיי: חיים שאָשקעס, יצחק פיין, אריה פרענקעל און א צאָל

שטענדיקע שליחים — ווי מלך קאָהן, ל. פאָרעס, א. ניסנזאָן, נ. פרידמאן, ר. אווערבוך, מ. שובאָוו און אנדערע.

די פאָרשטייערס און שליחים פון סעמינאר האָבן יאָר־יערלעך בפועל ממש באזוכט דאָס לאנד פון אטלאנטיק ביזן פאציפיק איינשליסנדיק א צאָל צענטערן אין קאנאדע, אזוי, אז מיט זייער קומען האָבן זיי באוויזן אריינצובלאָזן א נייע נשמה אין די אָרטיקע גרופירונגען פון דער ברייטער יידישער געזעלשאפט.

קאַפּיטל כא

די דירות פון סעמינאַר

די ערשטע פיר און צוואַנציק יאָר (24) פון זיין עקזיסטענץ האָט דער סעמינאַר פאַרנומען דערוויילע דירות, אָנהייבנדיק מיט זיין ערשטער דירה אויף 239 איסט בראָדוועי, ניו־יאָרק. ווען מ׳זאָל צורעכענען צום סעמינאַר־עקזיסטענץ די דערוויילע לערער־קורסן, וואָס יואל ענטין האָט אָנגעפירט אין דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול אין 1914—1915, וואָלט מען געדאַרפט דעם אַדרעס פון דער שול אויף מעדיסאָן עווע. נ.י. פאַררעכענען, ווי די ערשטע וואוינונג.

אין 1921 האָט זיך דער סעמינאַר אַריינגעצויגן אין דער געביידע פון ״האיאס״ אויף לאַפאַיעט סטריט אין ניו־יאָרק. אין אָט דעם צענטער האָט דער סעמינאַר פונקציאָנירט שיינע יאָרן, ביז ער איז געצוואונגען געוואָרן דעם צענטער צו פאַרלאָזן. אַ קורצע צייט איז מען איינגעשטאַנען אין אַ קלענערער געביידע אויף איסט 22סטע גאַס, ניו־יאָרק, ווי אויך אין דער שטאָטישער וואַשינגטאָן־אירווינג־היי־סקול און אין דער רענד־סקול, ניו־יאָרק. ס׳איז קיין ספק נישט, אַז צוליב דעם אָפטן וואַנדערן פון איין שטאָט־טייל אין אַ צווייטן האָט מען פאַרלוירן סטודענטן, ספּעציעל צוהערער אויף די קורסן פון פאָלקס־אוניווערסיטעט. מען דאַרף דערביי געדענקען, אַז געליטן דערפון האָט שטאַרק דער אַרכיוו פון סעמינאַר, זיין ביבליאָטעק, וואָס ביי יעדן ציען זיך זיינען פאַרלוירן געוואָרן און צעשטערט געוואָרן טיילן פון די אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן.

ערשט אין 1942 האָט מען באַוויזן זיך איינצואָרדענען אין אַ

גרויסער און אין אן אייגענער דירה, ווען מ׳האָט אָפּגעקויפט די פיר־שטאָקיקע געביידע אויף דער 70סטער גאס אין מאנהעטן.

דאָס ארייננציען זיך אין אן אייגענער גרויסער און באקוועמער געביידע איז געווען א וויכטיקע געשעעניש אויף דער יידישער גאס אין ניו־יאָרק. צו דער פּאָרמעלער דערעפענונג פון דער נייער דירה האָט דער סעמינאר דורכגעפירט אן עפנטלעכן סימפּאָזיום וועגן יידישער דערציאונג און יידישער בילדונג און לויטן **אידישן קעמפער** פון מאי 14, 1943 האָבן אין דעם סימפּאָזיום אָנטייל גענומען דר. אלכסנדר דושקין, דר. פנחס חורגין, דוד פינסקי, לייבוש לעהרער, ש. בערנהאָלץ און פנחס גינגאָלד.

אין 1959 האָט דער סעמינאר פארקויפט די געביידע. ס׳האָט זיך אין א גרויסער מאָס געביטן דער כאראקטער פון דעם שטאָט־טייל אין ניו־יאָרק און מ׳האָט אויפסניי גענומען זוכן א פּאסיקע דירה [142] אין א צוגענגלעכער געגנט און נאָך לענגערע זוכענישן און פארהאנדלונגען האָט די ״יידישע אגענטור״ צוגעשטימט אריינצו־נעמען דעם סעמינאר אין איר אייגענער צענטער אויף פּארק עוועניו, מאנהעטן, פּארדינגענדיק דער פארוואלטונג א גאנצן שטאָק מיט דעם רעכט אויך צו קאָנען זיך באנוצן מיט די זאלן אין דער געביידע פאר גרעסערע פארזאמלונגען.

אין די שפּעטע 60־קער יאָרן האָט די ציוניסטישע ״אגענטור״ גענומען דריקן אויפן סעמינאר אָפּצולייזיקן דעם פארדונגענעם שטאָק, ווייל זי האָט זיך אליין געניייטיקט אין דעם פּלאץ, וואָס דער סעמינאר האָט פארנומען. מ׳האָט דעם סעמינאר געגעבן א שיינע פּאָר יאָר אויפצוזוכן פאר זיך אן אנדערע היים, און נאָך דריי יאָר זוכענישן איז ענדלעך געלונגען אין 1970 אָפּצוקויפן די

142 אין א בריוו צו לואיס סיגאל פון ״נאציאָנאלן־ארבעטער פארבאנד״ אין מאי, 1961, שרייבט גרשון וויינער ווי דער דעקאן פון סעמינאר: ״איך בין איבער־צייגט אז מיר מוזן קריגן א דירה אין דער געגנט (פּארק עוועניו, נ.י.) מען באדארף נעמען אין אַנבאטראכט די חשדים און געפילן פון די עלטערן ביים היינטיקן טאָג, דאָ איז די איינציקע געגנט, וואו קאלעדזש־מיידלעך קענען קומען אין די אָוונטן אָן רעזערוואציעס מצד די עלטערן״.

געביידע, אזין וועלכער ס׳האָט ביז דעמאָלט פונקציאָנירט דער ״בענק־סטריט קאלעדזש״, אויף 69 בענק סטריט אין מאנהעטן, ניו־יאָרק.

אחוץ די אלע, וואָס מיר האָבן דערמאָנט ביז אהער, ווי די אונטערהאלטערס און אויפהאלטערס פון סעמינאר, מוז מען דאָך אוודאי דערמאָנען כאָטש א טייל פון די וויכטיקע יידיש־געזעלשאפטלעכע טוער, וואָס האָבן זיך פארבונדן אויף פארשידענע אופנים מיט דער דאָזיקער לערן־אינסטיטוציע. צווישן די קומען זיכער אין באטראכט די ראשים פון גרויסע יידישע מאסן־אָרגאניזאציעס, ווי יעקב קאצמאן, נחום כאנין, מאיר בראון, לואיס סיגאל, חיים בעז, ש. באָנטשעק, ישראל ברעסלאו, ברוך צוקערמאן, עדי סאלאָמאָן, יעקב פאט, פנחס קרוזאָ, הערי גילדין, יעקב בערג, ל. רובינשטיין, יוסף גלאטער, ז. יעפרויקין.

קאַפּיטל כב

סך־הכּל

ס'וועט נישט זיין איבעריק אונטערצופירן א קורצן סך־הכּל פון די אקאדעמישע, אָרגאניזאציאָנעלע און קולטורעלע אויפטוען פון סעמינאר אין משך פון די 50 יאָר, וואָס קומען דאָ אין באַטראכט —

1) פאר די פארשידנארטיקע קולטורעלע, דערציערישע און אקאדעמישע באוועגונגען, וואָס זיינען אַנטשטאנען אויף דער סעקולערער יידישער גאס שוין אין ערשטן צענדליק יאָרן פון הײנטיקן יאָרהונדערט, איז דער יידישער לערער־סעמינאר געווען און איז אין א גרויסער מאָס א דאך־אינסטיטוציע.

2) כאָטש דער סעמינאר איז פון לכתחילה אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף שלאבעריקע פינאנציעלע פיס, האָבן זיינע פירער פונדעסטוועגן באוויזן אויפצוהאלטן די אינסטיטוציע דורך א סך שטורעמדיקע וועטערן און דערמיט געהאָלפן שטארקן די קולטור־פּאָזיציע פון דעם יידיש־וועלטלעכן סעקטאָר אין אמעריקע אין משך פון עטלעכע דורות.

3) איבער 5000 יונגעלייט און פרויען האָבן דעם סעמינאר באזוכט און געלערנט אין אים תורה און דערמיט רייכער געמאכט זייער אייגן לעבן און דאָס לעבן פון די אינסטיטוציעס, מיט וועלכע זיי האָבן זיך פארבונדן.

4) כאָטש ס'איז ניט גרינג צו זאָגן גענוי וויפל פון די 5000 סטודענטן אין סעמינאר זענען גראדואירט געוואָרן, ווי לערער אין

יידישע און העברעאישע שולן — איז פונדעסטוועגן פאר אונדז קלאָר אז נישט ווינציקער ווי 600 האָבן זיך נאָכן גראַדואירן פאר־בונדן מיט יידישע אינסטיטוציעס איבערן לאנד. א גרויסע צאָל סטודענטן און גראַדואנטן האָבן זיך פארבונדן מיט זומער קעמפּן, מיט יידישע צייטונגען, אָרטיקע קאָמונאלע צענטערן און אנדערע צווייגן פון דער כוללדיקער יידישער אינסטיטוציאָנעלער טעטי־קייט.

5) כאָטש דער פאָלקס־אוניווערסיטעט איז נישט געווען קיין ספּעציעלער אויפטו פון לערער־סעמינאר, גיכער א המשך פון פריערדיקע בילדונג־און דערציאונג־אָרגאַניזאַציעס אין אלע גרויסע יידישע צענטערן אין לאנד, דארף דאָך ווערן אונטערגעשטראָכן, אז אין פארבינדונג מיטן סעמינאר האָט דער פאָלקס־אוניווערסיטעט געהאַט א טיפע השפּעה אויף טויזנטער באַזוכערס, וואָס זענען וואָך־איין, וואָך־אויס, און אָפט טאָג־איין, טאָג־אויס, געקומען הערן תורה און זיך גרינטלעך אויסבילדן ווי תלמידים פון איבער 200 געלערנטע אויף דער יידישער גאַס.

6) א באַדייטנדיקע צאָל גראַדואנטן פון סעמינאר און באַזוכ־דערס פון פאָלקס־אוניווערסיטעט זיינען מיט דער צייט געוואָרן אָנזעעוודיקע אָנפירערס און לייטערס פון צענדליקער יידישע לערן־און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס איבערן לאנד. אזוי שרייבט מאיר בראון [143]: "מיטגלידער פון סעמינאר זיינען צעשפּרייט אי־בערן גאנצן לאנד. געוועזענע סעמינאר־סטודענטן, גראַדואירטע און ניט־גראַדואירטע קאָן מען טרעפן אין פארשידענע שטעט, וואו זיי זיינען אקטיוו ווי לערער, געזעלשאַפטלעכע טוער... און פארנעמען א חשובן פּלאַץ אין יידישן לעבן".

7) קיין אנדערע יידישע בילדונג־אינסטיטוציע אויף דער יידי־שער גאַס האָט נישט אזוי שטאַרק זיך פארלייגט צו שאַפן אויף

143 זע: **געדאַנק און לעבן**, ב' 5, יאַנואַר־דעצעמבער 1948.

אלע געביטן פון ייִדיש־אקאדעמישער און דערציאונגס־ארבעט, ווי ס'האָט דאָס געטאָן דער ייִדישער לערער סעמינאר. נישט אלע פארזוכן האָבן זיך איינגעגעבן. א היפש ביסל איז אָבער יאָ דער־גרייכט געוואָרן.

8) פון גרויס וויכטיקייט איז בלי־שום ספק דער פאקט, אז א גרויסע צאָל פון זיינע סטודענטן האָבן אין זיך איינגעזאפט א מין נשמהדיקייט, א געפיל פון משפחהדיקייט, וואָס לאנגע יאָרן נאָכן פארלאָזן דעם סעמינאר האָט דאָס זיי דערהאלטן און דערהויבן און רייכער געמאכט זייער ייִדיש לעבן.

גערעכט איז אוודאי געווען יואל ענטין. ווען ער האָט פרובירט אונטערפירן א סך־הכל פון דעם סעמינארס וויכטיקייט, אויפ־טוערישקייט און דערגרייכונגען און געשריבן מיט יאָרן צוריק[144]:

„דער סעמינאר שטרעבט צו שאפן... א ייִדישן אינטעליגענט, וואָס זאָל פילן זיין חוב צו טראָגן ליכט און וויסן צו די ייִדישע מאסן בכלל און צום ייִדישן קינד בפרט".

די שטרעבונג האָט דער סעמינאר קיינמאָל נישט פארגעסן — און אזוי עד היום.

144 **געזאמלטע שריפטן**, באנד צוויי.

ביבליאָגראַפיע

(ביכער דערמאָנט אין דער ארבעט)

גוטמאן, שואל — **דער דרך פון שלום עליכם אינסטיטוט**, נ.י. 1972

הערץ, י. ש. — **50 יאר ארבעטער־רינג אין יידישן לעבן**, נ.י. 1950

זאקס, א. ש. — **די געשיכטע פון ארבעטער־רינג**, נ.י. 1925

ניגער, ש. — **אין קאמף פאר א נייער דערציאונג**, נ.י. 1940

יידיש־נאציאנאלער ארבעטער פארבאנד זאמלבוך, ניו־יארק 1946

ענטין, יואל — **געזאמלטע שריפטן**, ערשטער באנד: **אידישע דערציאונג**, ניו־יארק, 1960

שרפשטיין, צבי (רעד.) — **ספר היובל של אגודת המורים העברים**, נ.י.תש״ד

— **תולדות החינוך בישראל בדורות האחרונים**, כרך ג׳

שלום עליכם פאלק־אינסטיטוט — **דער שול פנקס**, שיקאגא 1948

שפיזמאן, ל. — **די געשיכטע פון דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג אין צפון־אמעריקע**, נ. י. 1953